STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02603

A NAY LEBN

Rivka Kope

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה קאָפּע / אַ ניי לעבן

רבקה קאָפּע

אַ נייַ לעבן

דערציילונגען

פּאַריז

1959

אַרויסגעגעבן פון דעם מחבר מיט דער מיטהילף פון
„פאָנד־סאָסיאַל זשוויוו" און „יידישן וועלט־קאָנגרעס"

שערבלאַט געצייכנט פון בען

פאָרטרעט געצייכנט פון הענריק בערלעווי

R. KOPÉ

UNE VIE NOUVELLE

PARIS 1959

Copyright by R. Kopé, 28, rue St-Sébastien, Paris XIe

Imprimerie de la Harpe, 32 rue de Meaux - PARIS XIXe

דערשינען פון זעלבן מחבר:

„טוי פון שטילקייט", לידער, 1951

די פאַרצעלייענע ליאַלקע

דער בוכהאַלטער סאַמועל שמיד האָט פאַרענדיקט זיין שווערן טאָג אַרבעט און געגאַנגען אַהיים. שטיקלעך אָפּגעריסענע ציפערן און חשבנות האָבן זיך נאָך געוואָרפן און געצאַפּלט אין זיין מידן מוח, ווי האַלב אָפּגע־שטאַנענע פישלעך; און איידער ער האָט זיך אין גאַנצן באַפרייט פון זיי, האָט זיך צווישן די פּיצלעך פראַגמענטן אַריינגעפּלאָנטערט דאָס געשטאַלט פון זיין שוויגער. — אַ פּראָבלעם פאַר וועלכן ער, דער רעכן־מייסטער, האָט קיין לעזונג נישט געקאָנט געפונען.

טראָץ דעם, וואָס די שעה פון אָוונטברויט איז שוין ווייט געוועזן אַריבער, האָט ער געהאַמעוועט זיינע טריט און גייענדיק פּאַמעלעך, איבערלייגט.

שוין פיר יאָר ווי זיין פרוי מיטן קינד זענען אומגעקומען אין דעפּאָר־טאַציע. טראָץ דעם, וואָס ער טרויערט כסדר נאָך זיי, וואָלט זיך אים וועלן אַרויס פון זיין פאַרגליווערטקייט און פאַריכטן ווי עס איז זיין איינזאַם לעבן. צום אומגליק איז די שוויגער אים אַ פעלזיקער שטרויכל אויף זיין וועג. דורך איר זעט ער שטענדיק די פאַרזעצונג פון זיין טראַגעדיע.

אַנומלט איז ער נישט אַהיימגעקומען עסן און אויך נישט געגעכטיקט אין דער היים. האָט ער אין דער פרי נאָך געטראָפן דעם געגרייטן טיש מיט דעם נישט־אָנגערירטן נאַכטמאָל. — צו יעדן מאָלצייט גרייט אים די שווי־גער צו עפּעס, וואָס רייצט זיינע נערוון. לאַנג האָט געדויערט ביז ער האָט שוין געפּועלט, אַז זי זאָל נישט שטעלן אויפן טיש קיין צוויי איבעריקע טעלערס אויפן פּלאַץ פון זיין פרוי און קינד. שפּעטער האָבן זיך ביי יעדן מאָלצייט אָנגעהויבן באַוויזן ביים טיש די בילדער פון זיין פרוי טאַמאַראַ און זיין מיידעלע אַמאַריליס. ווען ער איז שוין ווי עס איז פאַרהיימישט גע־וואָרן מיטן טויט פון זיינע נאָענטע, פלעגט זי פאַרשטעלן די אומגעקומענע אין אַן אַנדערן וואַריאַנט.

***

זיצט איצט זיין שוויגער, אַדאַ סימקין, ביים געגרייטן טיש און וואַרט אויף איר איידעם סאַמועל.

די נאַכט האָט מיט איינמאָל איינגענומען ס'צימער און איינגעהילט די אומבאַוועגלעכע אַדאַ סימקין צוזאַמען מיטן שטיללעבן אויפן טיש. פון דער טונקלקייט האָבן זיך בלויז אַרויסגעשניטן צוויי ווייסע פלעקן פון די געגרייטע טעלערס און טעמפּ האָבן אָפּגעשלאָגן אירע גראָבע טרערן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין איינעם, איבער וועלכן זי איז געזעסן. דאָס האַרץ איז איר געווען אַזוי פאַרפּלייצט, אַז ס'האָט איר דעם האַלדז צעשפּאַרט און אַרויסגעיאָגט פון איר טרערן, ווי פון אַן אויפגעדרייטן קראַן. דער שוואַרצער הומאָר, וואָס איז נישט געווען קיין זעלטענער גאַסט ביי איר, איז איצט געווען געמישט מיט אַ געפיל פון אייפערזוכט אויף איר איידעם... זי טייטשט אויס לעצטנס זיין אָפּט פאַרשפּעטיקן זיך, אַז אימעץ האָט שוין זיין האַרץ פאַרכאַפּט און ער וועט זיך נאָך אַריינברענגען אַ פרוי אין שטוב אַריין, אויפן פּלאַץ פון איר קינד — דער חשד האָט איר אין גאַנצן באַהערשט.

אַ פלוצימער קלאַפּ מיט דער טיר האָט איר ווי אַ שטויס אין האַרץ געטאָן און זי געמאַכט אויפשפּרונגען פון שטול. סאַמועל איז אַריינגעקומען. פאַרוואונדערט פון דער פינצטערניש, איז ער שנעל אַריין אין עסצימער און געמאַכט ליכט. ער האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן זיך אַוועקצוזעצן ביים טיש, ווי ער האָט מיט נישט קיין מענטשלעך קול אויסגעשריגן: „וואָס איז דאָס?!" און שטיין געבליבן ווי אַ צוגעוואַקסענער צום אָרט. ביים טיש איז אויפן הויכן בענקעלע פון זיין טעכטערל געזעסן אַ גרויסע פאַרצעליינענע ליאַלקע, אָנגעטאָן אין זיין קינדס קליידער. ער האָט אַ לאַנגע מינוט ס'לשון נישט געקאָנט צוריק באַקומען, נאָר ווי אַ געליימטער זיך אָנגעקלאַמערט מיטן אָטעם און בליק אויף דעם אומבאַוועגלעכן געשטאַלט פון דער ליאַלקע. „אָט זיצט דאָך דאָ זיין מיידעלע, נאָר שטייף ווי עס וואָלט געווען פאַרהיפּנאָטיזירט"... ווען ער איז אַ ביסל צו זיך געקומען, האָט ער איצט זיין שוויגער דערזען אין אַ ווינקל פון צימער. זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און מיט אַ גלאַנץ פון שגעון אין די אויגן. ער האָט שטום זי אָנגעקוקט און פון זיינע אויגן האָט איצט געזעצט אַ פייער, ווי בעת אַן אויפרייס.

די שוויגער האָט אָנגעהויבן אַרויפשטעלן אויפן טיש דאָס אָפּגעקאָכטע נאַכטעסן און געוואָרט דער איידעם זאָל זיך זעצן צום טיש. נאָר סאַמועל איז איצט געווען אין אַ שטימונג ווי פאַר אַ דועל. ער האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער און געוואָרט אויף איין וואָרט פון זיין שוויגער, כדי ער זאָל קאָנען אויסשיסן זיין גאַנצן, אָנגעזאַמלטן פּולווער. זי האָט געשוויגן. עס האָט איר שוין באַנג געטאָן די שפּיל. ס'ערשטע מאָל ווי זי זעט סאַמועלן אַזאַ צעטראָגענעם. דאָס האָט איר די אייפערזוכט, אַז איר איידעם האָט אַ צווייטע פרוי דיקטירט דעם איינפאַל — און אפשר האָט זי געמיינט דערמיט וואָך צו האַלטן ביי סאַמועלן די געפילן פאַר זיינע נאָענטע?

סאַמועל האָט זיך דערנענטערט צו דער ליאַלקע. געדאַנקען זענען אַריבער זיין שאַרבן, ווי אַנגעגליטע רעדער. ער האָט אינסטינקטיוו אַריבער־געפירט זיין האַנט איבער דער ליאַלקעס פּנים. דער אַנריר האָט אַ באַוועג געטאָן די אויגן־לעפּלעך און די וויעס האָבן זיך פאַרמאַכט... אונטערן קאָנ־טאַקט פון זיינע הייסע הענט און צעהיצטן מוח האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ וואַרעמקייט שלאָגט פון דער ליאַלקע... ער האָט עטלעכע מאָל אַרומגע־ציטערט מיט זיינע הענט איבער דער ליאַלקע, אַז זיין שוויגער איז אַ מורא באַפאַלן. זי האָט געזען ווי ער עפּנט ס'מויל, עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס איז קרום, ווי ביי אַ פּאַראַליזש. אין דער אמת'ן, האָט סאַמועל געוואָלט פרעגן ווו די שוויגער האָט גענומען אַזאַ ענלעכע ליאַלקע צו זיין אַמאַרי־ליס, אָבער קיין איין וואָרט האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען און גע־בליבן שטיין ווי פאַרגליווערט איבערן קינדער־בענקעלע.

ער האָט אַ טיף־ברוסטיקן אָטעם געטון. צי האָט ער אין דער מינוט אַריינגעאָטעמט דעם אַזוי אַנגענעמען ריח פון דער בלום „אַמאַריליס״ ?...

„אַמאַריליס״, איז אויך דער נאָמען פון אַ גראַציעזער שמעקנדיקער בלום... ווו וואַקסט זי זיין טאָכטערל מיטן בלומען־נאָמען ?... וועלכע היי־ליקע ערד טראָגט דעם טייערן סימבאָל ? אין וועלכן גאָרטן איז זיין קינד מגילגול געוואָרן אין דער בלום „אַמאַריליס״ ?...

פּלוצים האָט סאַמועל אַ כאַפּ געטאָן זיין הוט און אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

— ווו לויפסטו ? — האָט די שוויגער אים נאָכגעשריגן און געוואָלט אים פאַרהאַלטן. נאָר ער איז געלאָפן, אונטערגעטריבן פון זיינע צערודערטע נערוון. זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי ביי אַן אָפּגייענדיקן צוג, וואָס נעמט אַוועק אַ נאָענטן מענטשן.

סאַמועל איז געלאָפן אַליין נישט וויסנדיק ווו אַהין, ביז ער איז מיד געוואָרן און אָנגעהויבן גיין מיט אַ געוויינלעכן טריט. דער האַלדז איז גע־ווען פאַרשלאָסן פאַר יעדן עסן. ער האָט באַדאַרפט זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ און באַשלאָסן אַרויפצוגיין צו זיין פריינד איזי. פאַרן טויער איז ער אַריין אין אַ קאַפע, גענומען אַ קאַלטן טרינק, בכדי פרייער צו מאַכן זיין האַלדז פונעם קנויל, וואָס האָט זיך דאָרט געשטעלט.

ביי איזי אין שטוב האָט סאַמועל ווי שטענדיק אָנגעטראָפן אויף אַ וואַרעמע אויפנאַמע. מען האָט אים פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס ער קומט אַזוי זעלטן. קאָנענדיק גוט זיין סיטואַציע, האָט איזי עפּעס אַרויסגעפילט פון זיין איצטיקן וויזיט. זיין חשד האָט זיך באַשטעטיקט מיט דער צעטומלט־קייט פון זיין גאַסט. איזי האָט געבעטן זיין פרוי סערווירן אין אַרבעט־צימער טיי מיט קוכן און אַריינגעבעטן סאַמועלן.

— עפּעס געפעלט מיר נישט לעצטנס דיין אויפפירן זיך, האָסט זיך צופיל אַריינגעלאָזט אין דיין שוויגער, האַ?! — האָט איזי סאַמועלן כמעט פּראָוואָצירט צום רעדן.

— אַ נס וואָס איך האָב אַזוי פיל אַרבעט, דאָס העלפט מיר אַ ביסל לעבן — האָט סאַמועל מיט אַ קול ווי פון אַ צעסטראָיעטן פידל געזאָגט.

— וואָס איז געשען, שוין ווידער עפּעס נייעס? — האָט איזי מיט אינטערעס געפרעגט זיין פריינד.

— מיין שוויגערס גוטסקייט ווערגט מיך פשוט — האָט סאַמועל מיט גאַל אין מויל גערעדט. דאָס לעצטע נאָכטעסן האָט שוין איבערגעשטיגן אַלע אירע ביז איצטיקע איינפאַלן. און מיט אַ זיפץ האָט סאַמועל איבער־געגעבן זיין שוויגערס לעצטע „שפּיל“.

איזי האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, כדי נישט צו לאָזן באַמערקן דעם איינדרוק, וואָס סאַמועלס דערציילן האָט געמאַכט אויף אים — און מיט אַ פעסטע שטימע געזאָגט:

— דו גייסט נישט איצט אַהיים. דו וועסט דאָך נישט פאַרברענגען דיין גאַנץ לעבן מיט דער שוויגער!

— איך ווייס נישט ווי אַזוי איך האָב ביז איצט איבערגעטראָגן, נאָר ווייטער גייט עס נישט! מיר זיצןביים עסן און קוקן איינער אויפן אַנדערן און מיר לייענען קעגנזייטיק אונדזערע פאַרברעכערישע געדאַנקען... איך הער דייטלעך ווי זי וואָלט מיר אין פּנים געשריגן: „נאָך וואָס ביסטו גע־בליבן לעבן!“... איך האָב טיילמאָל רחמנות אויף איר, ווי אויף מיר אַליין, — האָט סאַמועל זיך פאַרטרויט פאַר זיין פריינד און זיך געוווּנדערט אויף זיין דערציילן פון אונטערן האַרץ אַפּער.

— פאַר דיר איז דאָ איין אויסוועג — האָט איזי ברידערלעך צו אים גערעדט. — דעצידיר דיך צו הייראַטן מיט מאַשאַ. זי איז אַ ווויל מיידל און הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו פרעגן זיך אויף דיר. און ווי לאַנג קאָן אַזוי אַ מענטש לעבן אָן אַ פרוי? עס האָט אַ טעם ווי אַ פייפע אָן טאַבאַק!

מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן, ווי אויף זיין נאַקן וואָלט אַ שווערע משא גע־לעגן, האָט סאַמועל אויסגעהערט זיין פריינד. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די שוואַרץ־חנעוודיקע מאַשאַ, וואָס האָט שוין מיט אַ צייט צוריק אָנפאַרטרויט אירע געפילן פאַר אים, נאָר ער איז נאָך דעמלט ווייט געווען אויף אַזאַ שריט. איצט קאָן ער שוין מער נישט לעבן מיט דער פאַרגאַנגענהייט און וואָלט גערן די מינוט זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס, ווייל מיד איז ער גע־ווען און פאַרביטערט. די שוועריקייט איז אָבער מיט זיין שוויגער, וואָס פאַר־נעמט זיין וווינונג.

די זעלבע נאַכט איז סאַמועל כמעט נישט געשלאָפן. מיטן גאַנצן ערנסט, וואָס עס האָט פאַרלאַנגט זיין לאַגע, האָט ער איבערלייגט און באַשלאָסן זיך צו טרעפן מיט מאַשאַ.

***

די פרוי סימקין דרייט זיך אַרום אַליין אין דער וווינונג, וואָס קומט איר פאָר ווי אַ פאַרגרעסערט בית־עולם. שוין צען טעג ווי סאַמועל קומט נישט. זי וווּנדערט זיך פשוט אויף איר פעסטן בוי, אַז זי איז נאָך נישט אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן פון אַזוי פיל קלעפּ, וויפיל זי האָט באַקומען פון לעבן. אין גאַנצן אַ פרוי פון צוויי און פערציק יאָר. אַ טאָכטער פון אַ רייכער הײם — און ווי די בדחנים זאָגן: „נאָכגעגעבן נאָך יעדן הערעלע אַ פערעלע". אָבער ס׳לעבן האָט זיך אַ רייץ געטאָן מיט איר און איר אַרויסגעשטעקט אַ צונג... האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז איר דער מאַן געשטאָרבן. אַ צוזאַמענגעבראָכענע האָט זי פאַרנאַכלעסיקט דאָס יובילער־געשעפט — און ווען נישט דער גוטער איידעם, וואָס האָט זי אַריינגענומען צו זיך און אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט די רעשטלעך פון אַן אונטערגייענדיקע שיף, איז ווער ווייסט ווו זי וואָלט שוין איצט געווען. דעמלט איז זי אַריין צו דער טאָכטער מיט אַ ביסל צירינג און די רעשט פאַרקויפט מיטן געשעפט. גלייך נאָך דעם איז די מלחמה אויסגעבראָכן און געמאַכט אַ תל פון איר צווייטער היים. דער לעצטער אינצידענט מיטן איידעם, צוליב דער ליאַלקע, האָט איר גלייכציייטיק, אי אויפגעטרייסלט, אי צוריקגעשטעלט צום גלייכגעוויכט. זי האָט זיך באַראַטן מיט אירע צוויי און פערציק יאָר און באַשלאָסן צו געבן אַ זין איר אָפּגעהאַקט לעבן. קודם־כל וועט זי זיך אויסזוכן אַן אָרנטלעכן שותף און אויפשטעלן צוריק אַ געשעפט. דאָס צירינג וואָס זי האָט געלאָזט איינמויערן אין אַ וואַנט און וואָס איז אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די היטלער־רויבער, איז איצט איר גאַנצע האָפנונג אויף צו שאַפן זיך אַ נייע פּאָזיציע... און שפּעטער, וועט זי אפשר נאָך חתונה האָבן? ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען אַ פרוי אומשטיינס געזאָגט אָן אַ מאַן?... טראָץ דעם וואָס דער נאָמען סאַמועל האָט איר פון צייט צו צייט אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, האָבן די געדאַנקען געמאַכט פליסן אין איר אַזוי פיל אַנטשלאָסנ־קייט און ענערגיע, ווי בלוט פון אַן אויפגעמאַכטן אָדער.

אָבער פאַרוואָס האָט זיך נאָך קיינער נישט געמאָלדן אויף מיין אַנאָנס אין דער צייטונג? — האָט זיך פרוי סימקין געוווּנדערט, שוין ליגנדיק אין בעט און מאָמענטנווייז דעם מוט פאַרלוירן.

דאָס פענצטער איז געווען אָפן און אַ וואַרעמער יוני־אָוונט האָט אַריינ־געקוקט און זי האָט אירע געדאַנקען פאַרטרויט גלאַט אַזוי צו דער נאַכט.

זי האָט געוועבט אירע פּלענער און טייל מאָל אויף אַ גרויסן פּלאַנ־טער זיך אַנגעטראָפן און נישט געזען קיין אויסגאַנג. אַזוי ליגנדיק פּאַרגאַ־פּעט אויפן בלויען הימל באַוואָרפן מיט שטערן ווי קאָנפעטי, זענען אירע געדאַנקען איינגעשלאָפן, ווי מידע שאָף.

אויף צו מאָרגנס, ווען די זון האָט זיך ווי צעשמאָלצן גאָלד צעלייגט אויף די ווענט פון איר צימער און מיט דער וואַרעמקייט אַריינגעדרונגען אין אַלע חושים, האָט אַדאַ סימקין אַ באַאיינפלוסטע פון שיינעם טאָג, מיט אַן אויסגעפּוצטן הומאָר זיך אויפגעהויבן. זי האָט זיך אַנגעטאָן אינעם שענסטן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט און זיך געגרייט אַרויסצוגיין. ווען זי האָט אָנגענומען די קלאַמקע, האָט אַ קלונג זי אָפּגעשטעלט ביים טיר. זי האָט געעפנט. אַ מאַן האָט זיך אַנטשולדיקט און געפרעגט אויף מאַדאַם סימקין, זי האָט אים אַריינגעבעטן אין שטוב. דער פרעמדער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן דער פרוי פאַרשטייפט, ווי ער וואָלט פלוצים אַ שרעקבילד פון יענער וועלט דערזען. די פרוי סימקין, האָט זיך אַזש פאַרלוירן און ציטער־דיק געפרעגט:

— וואָס ווינטשט איר זיך?

— איר זענט אַזוי ענלעך צו מיין דעפּאַרטירטער פרוי — האָט ער אינסטינקטיוו אַרויסגעשטאָמלט...

— איר קומט אוודאי אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אַנאָנס? — האָט די פרוי סימקין שוין מיט אַ מער זיכערע שטימע געפרעגט און געבעטן דעם פרעמדן זיצן.

עס איז אַוועק אַ שמועס איבער פּערזענלעכע איבערלעבענישן און פאַ־מיליע־אָנגעלעגנהייטן, אַזוי ווי צווישן אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג נישט געזען און ווידער צונויפגעטראָפן. פאַרן צעשיידן זיך האָבן זיך ביידע אַרומגעזען, אַז פונעם געשעפט איז גאָרנישט גערעדט געוואָרן, די אייגנטלעכע סיבה פונעם מאַנס וויזיט. דער פאַראינטערעסירטער האָט צו־געזאָגט צו שרייבן און אָפּשטימען אַ ראַנדעוו. פאַרן אַוועקגיין האָט ער איבערגעלאָזט זיין קאַרטע.

נאָך דעם באַזוך האָט אַדאַ סימקין געלעבט אין דערוואַרטונג אויף אַ בריוו און זיך דערוויל נאָכגעפרעגט אויף דער ערלעכקייט פון דער פּערזאָן.

ס'איז שוין געווען פיר טעג נאָכן ערשטן וויזיט און זי האָט שוין אָנגע־הויבן צווייפלען אינעם צוזאָג פון איר צוקינפטיקן שותף. אויף צו מאָרגנס קומענדיק פון גאַס, ווו זי האָט זיך פאַראינטערעסירט אויף די פּרייזן פון פאַרשידענע צירינג־אַרטיקלען, האָט זי געפונען צוויי בריוו אונטער דער טיר. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט זי אַ כאַפּ געגעבן ביידע בריוו, מיט איינמאָל אויפגעריסן און פאַר אויפרעגונג ביידע מיט איינמאָל געלייענט

און דערפאַר טאַקע גאָרנישט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך אָבער גלייך באַ־רואיקט און גענומען לייענען יעדן באַזונדער. איינער איז געווען פון סאַמועל און דער צווייטער דער אויסגעקוקטער בריוו מיט דער ראַנדעוו.

סאַמועל האָט איר פאָרגעשלאָגן הונדערט טויזנט פראַנק זי זאָל פאַר־לאָזן זיין וווינונג. פאַרזיכטיק האָט זי אַריינגעלייגט דעם בריוו אין איר טאַש, ווי דאָס וואָלט שוין פאַקטיש געווען דער געלט־באַנקנאָט.

נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט סאַמועל באַשלאָסן אַרויפצוגיין צו דער שוויגער און זי פרעגן צי זי וועט איינגיין אויף זיין אָנבאָט. — נישט איינמאָל איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז זי האָט זיך ס'לעבן גענומען...

אַדורכגייענדיק אַן אָוונט מיט מאַשאַ אויף דער גאַס פון זיין וווינונג, האָט ער אויס געוווינהייט אַרויפגעקוקט צום פענצטער פון עסצימער און מיט שטוין געזען אַלע לאָמפּן אָנגעצונדן. ער האָט מאַשאַן אַוועקגעזעצט ביי אַ קאַפע און אַ נייגעריקער אַרויף זען וואָס טוט זיין שוויגער.

ווי אַ פרעמדער איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר. ביים טיש איז געזעסן אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק. די האָר אַ ביסל באַזילבערט, נאָר פון זיינע צעשמייכלטע אויגן האָט אַרויסגעגלאַנצט אַ יוגנט. אויפן טיש זענען געשטאַנען די טעלער פון נאָר וואָס אָפּגעגעסענעם אָוונטברויט — און די שוויגער אַ פאַררויטלטע און פאַריונגערטע, האָט זיך אַרומגעפאָרעט...

פרוי סימקין האָט פאָרגעשטעלט דעם איידעם און אים געבעטן זיצן.

סאַמועל האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן און געווען אַזוי גליקלעך פון דער ענדערונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין זייערביידנס לעבן, אַז ער האָט שיעור נישט אַרומגעכאַפּט די שוויגער זיך צעקושן מיט איר. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און געגאַנגען רופן מאַשאַ.

גייענדיק אויף די שטיגן, האָט ער אָפּגעאָטעמט, ווי ביים פאַלן פון אַ פאַרהאַנג נאָך אַ טראַגישן שפּיל — און געזען גלייך אַ צווייטע פאָרהאַנג זיך אויפהויבן — פאַר אַ פרישע פאַזע אין זיין לעבן.

קדיש

יידל וואַסערמאַן האָט זיך שיעור נישט צעוויינט, זעענדיק די שטאָט חיפה מיט קיין עין־הרע אַזוי פיל יידן. זיינע אויגן האָבן נישט געוווּסט ווו פריער צו קוקן. ס'איז געווען ערב פסח. אָט איז אַדורך אַ פרוי מיט אַ קויבערל אייער — און ווידער האָט אַדורכגעבליצט אַ ייד מיט אַ באָרד און מיט גרייצער־פאות, אָנגעלאָדן מיט פעקלעך מצות. דער היימישער געגיי פון די יידן מיט זייער יום־טובדיקן איינקויף האָט אָנגעווייעט אויף אים אַ היימ־לעכקייט און אַ וווּנדער. איין אויגנבליק האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געפינט זיך אין דער אַלטער פוילישער היים — און דאָך איז ער געשטאַנען פאַרלוירן, ווי אויף אַ פרעמדן, ריזיקן יריד.

ביי דער באַריערע, ווו דער עולם וואַרט אָפּ די אָנגעקומענע מיט דער שיף, האָט ער אַ שטויס באַקומען און גלייך זענען אים באַפאַלן אַ פּאָר הענט און אַרומגעכאַפּט קושן.

— פּאַפּאַ! — מאָטל! — האָבן פאָטער און זון זיך איבערגערופן און געבליבן אַ ווײַלע, איינער אַנטקעגן אַנדערן.

יידלען וואָלט געווען שווער צו דערקענען זיין זון, ווען יענער כאַפּט אים נישט אַרום. ער האָט געזען פאַר זיך אַ גאַנצן פאַרשוין. הויך, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, פאַרסמאַליעט פון דער זון און מיט אַ בלאָנד־טשופּ־רינע־בערשטל, ווי אַ פעלד אָפּגעשניטענע זאַנגען...

אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געזעסן אין אַן אויטאָ און געפאָרן מיט זיין זון אין קיבוץ אַריין.

נעבן שאָפער איז געזעסן אַ יונגע פרוי מיט שוואַרצע געקרויזטע האָר און יעדעס מאָל מיט אַ ווייסן שמייכל אַ קוק געטאָן פון דער זייט אויף מאָטלס פאָטער.

דער הימל איז געווען דורכדורכיק בלוי. די זון האָט געפלייצט מיט שטראַלן, ווי פון אַן איבערפולטע כלי. יידל איז געווען מיד פון דער רייזע.

אין קאָפּ האָט אים געראַשט און דאָס לשון־קודש, האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַ פרעמדן קלאַנג אין זיין אויער, ווי אין אַ וואַנט.

— פּאַפּאַ, איך האָב היינט התונה, — האָט מאָטל (אָדער אמיתי, ווי מען האָט אים דאָ גערופן) אַרויסגעשאָסן — דאָס איז מיין כלה — האָט ער אים אָנגעוויזן אויף דער שוואַרצער מויד, וואָס איז געזעסן ביים שאָפער.

יידל וואַסערמאַן איז פּלוצלונג איינגעזאַנגען, קלענער געוואָרן. מיד און דעזאָריענטירט, האָט ער כמעט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים. פּונקט ווי אין זיינע קליינע אויגן, האָט נישט געקאָנט אַריין אַזוי פיל וווּנדער, וואָס ער האָט אין דער קורצער ווײַלע געזען, פּונקט אַזוי, איז זיין האַרץ געווען צו קליין פאַר אַזוי פיל איינדרוקן. ער האָט געוואָלט אויף אַמאָל אַ סך פרעגן, זאָגן, פּראָטעסטירן, אָבער קיין איין קלאַנג איז נישט אַרויס פון זיין מויל. דער דאָזיקער זאָג האָט אים דערמאָנט, ווען זיין מאָטל איז אין אַ טאָג, מיט פיר יאָר צוריק, אַהיימגעקומען און געזאָגט:

— פּאַפּאַ, איך פאָר נאָך ישראל.

דעמאָלט האָט ער אויך געוואָלט זאָגן עפּעס, אַנטקעגנשטעלן זיך, נאָר אַרויסגעקומען פון דעם אַלעם איז: „אַ פרישע מעשה!...״

איצט האָט ער אַ פרעג געטאָן: — פאַרוואָס עפּעס היינט און פאַרוואָס מיט אַ שיקסע?

אמיתי האָט זיך צעלאַכט, אַ שטורך געטאָן די שוואַרצע מויד און עפּעס גערעדט צו איר אויף עברית. זי האָט, אָנשטאָט אַן ענטפער, אויסגעדרייט איר קאָפּ צום פאָטער און געשמייכלט מיט די אַרויסגעזעצטע, ווייסע ציין און אירע שוואַרצע אויגן האָבן דערביי געשפּילט, ווי צוויי בריליאַנטן.

— זי איז אַ מזרחישע, אַ יידישע טאָכטער — האָט אמיתי פאַרזיכערט דעם פאָטער. — נאָר קיין יידיש רעדט זי נישט.

— וועט זי טאַקע פאַר מיר בלייבן אַ ווילד פרעמדע — האָט דער פאָטער געזאָגט מיט אַ געצוווּנגען קול.

— זאָרג נישט, פּאַפּאַ, דו וועסט זיך אויסלערנען עברית, כ׳פאַרזיכער דיך, אַז דו וועסט רעדן בעסער ווי פראַנצויזיש... די „התקוה״ געדענקסטו נאָך, וואָס כ׳האָב דיך אויסגעלערנט אין דער היים?

יידל וואַסערמאַן איז אַ פּרימיטיווער מענטש. קאָן נישט קיין צלם פון קיין אות. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַלטן אין דער היים פראַנצויזישע אַרבעטער. ער האָט גערעדט און זיי האָבן אים שוין, ווי עס איז, פאַרשטאַנען. דאָס וואָס ער האָט נישט געקאָנט אָנרופן אויף פראַנצויזיש, האָט ער דאָס אָנגערופן אויף יידיש. נישט נאָר האָבן זיי אים פאַרשטאַנען, נאָר אַפילו אַליין אויך אָנגעהויבן אַריינוואַרפן אַ סך יידישע ווערטער... צי ער קאָן די

„התקוה״? אַוודאי קאָן ער. נישט איינמאָל האָט ער מיטגעהאָלפן זינגען אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען. דאָס וואָס ער האָט געפעלשט מיט דער צונג, אָדער נישט דערזאָגט, פלעגט ער אָבער אויסזינגען ריכטיק מיט אַ טראַלאַלאַלאַ, ווייל ער איז געווען אַ מנגן, געהאַט אַ גוט געהער.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ וואַלד. יעדער האָט געכאַפּט אַ פּעקל און מען האָט זיך געלאָזט צום קיבוץ.

צעוואָרפענע הייזקעס מיט בלומען־גערטנדלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון דאָ און דאָרט. אויף אַ דראָט צווישן ביימער האָבן זיך געבאַמבלט שטיקלעך וועש און אָנגעוויזן אַ היימישקייט.

— זעסט, פּאַפּאַ, קוק דאָ — האָט אמיתי צעוואָרעמט געוויזן דעם פאָטער אויף דער ערד. — דער וועג, אויף עברית, הייסט „כביש״, איז אַ פונק נייער. פאַרא יאָרן איז דאָ געווען אַ שווערער וועג, שיעור נישט ווי אין סדום. היינט פליען די וועגענער ווי די טייוולאָנים — האָט אמיתי גע־רעדט מיט שטאָלץ, ווי דאָס וואָלט געווען זיין פּערזענלעך אייגנטום.

עס איז שוין געווען מיטאָג־שעה, און אמיתי האָט אַריינגעפירט זיין פאָטער אין עס־צימער. דער זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אָנפילן. פלינקע בחורים האָבן אָנגעהויבן אַריינפירן די וועגעלעך און צעטיילן ס׳עסן. אַ יונג מיט אַ פּאָר בלאָע הייזלעך, מיט אַ לאַטע אויפן סאַמע הינטן, האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געהאַלטן אַ קורצע באַגריסונג־רעדע. דער לעפל־גאָפּל־גע־קלאַנג האָט אָנגעפילט די געביידע און דעם דרויסן מיט אַ היימלעך גערויש. וואָס די פייגל האָבן אויפגעכאַפּט, ווי אַ סיגנאַל צו קומען צו די טישן. פאַרהיימישט זענען די פייגל אַריין און אַרויס דורך די פענצטער, געפּיקט פון די טישן און צוגעצווישטשעט.

— קום פּאַפּאַ, וועסטו דיך אַ ביסל אויסרוען, — האָט אמיתי אַ כאַפּ געטאָן דעם פאָטער אונטערן אָרעם, אים אַריינגעפירט אין זיין צימער און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ ברייט בעט.

די שוואַרצע מויד האָט זיך געפּאָרעט אין צימער, ווי אַן אייגענע. זי איז צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, עפּעס געאָרדנט, אַרויסגענומען און אַריינ־געלייגט.

יידל האָט פאַרשטאַנען, אַז די חופּה מאַכט מען נאָר צוליב אים. ביס־לעכווייז, האָט זיך ס׳צימערל אָנגעפילט מיט בחורים און מיידלעך. אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און גענומען זינגען אין כאָר איין ליד נאָכן אַנדערן. די אויגן האָבן געפלאַמט און די קערפּערס — זיך געוויגט, ווי באַוויגן פון אַן אינערלעכן פייער. דער פאָטער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּעקל, אַרויסגענומען צוקערלעך און געהייסן צעטיילן דער חברה. באַלד האָבן די ציינער געכראָמקעט מיט הנאה. ווידער האָט אויפגעקלונגען אַ גע־

זאַנג, באַגלייט מיט אַ פּאַטשן מיט די הענט און אַ געוויג פון די אַקסלען, ווי אומרועזן פון גרויסע זייגערס. יידל האָט אינסטינקטיוו זיך מיטגעוויגט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאָרט נאָך אויף דער שיף. ווען די חברה האָט פאַרלאָזט ס'צימער, האָט אמיתי אַ רוף געטאָן פנינה, די שוואַרצע מויד, און זיי האָבן גענומען זיך פּאָרען אַרום די פּעקלעך און איבערפירן דעם טאַטן אין אַ באַזונדערן צימער.

— ניטע, ניטע, אַסטראַזשנע, — איז דער פאָטער אונטערגעלאָפן צו אַ קליין געפלאָכטן קוישל און נישט געלאָזט עס אָנרירן. פון קוישל האָט זיך געטראָגן אַ מאָדנער ריח און געריויש.

— וואָס האָסטו דאָ געשמוגלט ? — האָט אמיתי פאַראינטערעסירט געפרעגט.

— לאָז גיין, עסט שוין זען.

— זעסט, פּאַפּאַ, — האָט אמיתי אים געזאָגט, פירנדיק אים אין אַ באַזונדער צימער. — אַלע הייזלעך האָבן דאָ איין פּנים. מאַך דיר אַ צייכן, זאָלסט וויסן צו טרעפן צוריק צו מיר — און ער האָט אים געפירט איבערן שמעקנדיקן וואַלד, פון עקאַליפּטוסן, סאָסנעס און פּאָמעראַנצן־ביימער. — זעסט, דאָ האָסטו אַן אָנזעעוודיקן סימן, דאָס וואַסער, וווּ מען באָדט זיך (בריכה).

— זאָג מיר, מיין זון, וואָס איז דאָס געאייל מיט דער חתונה אויף היינט ? — האָט דער פאָטער געפרעגט מיט אַ פאָרוווּרף אין טאָן, וואָס ער האָט אים דערפון פריער נישט געשריבן. ער האָט געוואָלט אים געבן אָנ־צוהערן, אַז ער פאַרשטייט, אַז די חתונה־צערעמאָניע מאַכט מען בלויז צוליב אים. נאָר ער האָט נישט געפונען דעם אופן און דאָס פּאַסיקע וואָרט. באַזונדער האָט ער געקוקט אויף זיין זון מיט אַזאַ געפיל פון דרך־ארץ, אַז זיין פאָטערלעכער אויטאָריטעט האָט געוואָרפן ס'געווער.

— עס הויבן זיך אָן די ספירה־טעג, פאַרשטייסט ? אין די טעג מאַכט מען נישט קיין שמחות. דעריבער זענען בײַ אונדז היינט דריי חופות — האָט אמיתי זיך פאַרענטפערט.

מען האָט אָנגעהויבן אין אָרדענונג ברענגען ס'צימער. טיר און פענצ־טער זענען געוואָרן אויפגעפּראַלט. פנינה האָט פאַרשפּרייט אַ טישטוך און אַריינגעשטעלט אין אַ וואַזע אַ בוקעט בלומען, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אָפּגעריסן פון פאַר דער טיר. אמיתי האָט זיך געפּאָרעט אַרום בעט און געלייגט איין קאָלדרע איבער דער אַנדערער. יידלס פאַרשלאָפענער בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ בערגל, וואָס איז געלעגן ביי דער טיר. אַ קופּע שטעכלקעס פון ביימער, האַלב פאַרפוילטע בלעטער און ערד, אָן אַ שיעור ערד, ווי דורכגעמאָלענע קאַפע.

— מוראַשקעס שלעפּן דאָס אָן. זיי האָבן דאָ דערנעבן אויפגעשטעלט אַ קיבוץ... און האַלטן דאָס צימער פאַר זייער פּראַוויאַנט, — האָט אמיתי געשפּאַסט, געכאַפּט אַ בעזים מיט אַ לאַפּעטע און גענומען אָפּרייניקן דעם שפּייכלער...

— שלאָף, פּאַפּאַ, רו דיך אויס, — האָט אמיתי אַ זאָג געטאָן און אַרויס פון צימער, ווי אַ ווינט.

אַ מידקייט האָט אָנגעגאָסן זיין קאָפּ און זיינע גלידער, ווי מיט בליי און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין די בגדים אויפן געלעגער.

אַן אומהיימלעך געשריי האָט גענומען רייסן די לופט און שניידן די ווענטלעך פון אויער. ס'געשריי האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין פאַרשלאָפּע־נעם מוח און אים אויפגעוועקט. אַ צעטומלטער איז ער אַרויס פון צימער, געקוקט אין אַלע זייטן, צי עס ברענט. אָבער אין ערגעץ איז נישט געווען קיין פייער. איבערן וואַלד האָבן זיך געצויגן שוואַרצע שאָטנס אין אָפּגע־ריסענע בגדים, מיט אַ בהלה באַגלייט מיט פאַרצווייפלטע זשעסטן. פון די רעדלעך, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דרויסן, איז יידל געוויר געוואָרן, אַז אַ איראַקישער בחור איז דאָ דערטרונקען געוואָרן ביים באָדן זיך אין אַ שעה, ווען ס'איז געווען פאַרבאָטן. יידל איז געשטאַנען און אָבסערווירט, ווי די פאַמיליע האָט זיך דערנענטערט צום וואַסער, זיך אַוועקגעזעצט מיט פאַרשלייפטע פיס אויף הינטן און אַריינגעשריגן אין וואַסער אַריין מיט אַזאַ געוווי, ווי אַ מחנה ווילדע פייגל וואָלטן דעם וואַלד באַפאַלן. יעדער האָט געגעבן אַן אַנדער פאָרם זיין אויסדרוק פון צער. אַ פרוי מיט שוואַרצע פלעכטן האָט געקניפּט דאָס פּנים און געשיט מיט טרוקענע ספּאַזמעס אי־בערן וואַסער. אַ ייד מיט אַן אָפּגעריסענער קאַפּאָטע האָט געריסן זיין באָרד, געטרייסלט זיין קערפּער און געשיט זיך גאַנצע הויפנס זאַמד אין פּנים אַריין. די ייִנגערע מענטשן האָבן זיך געוויגט, עפּעס געמורמלט, געבראָכן די פינגער, איינגעגראָבן די דלאָניעס אין דער ערד און געהעשעט מיט אַ טענה צום וואַסער. צווי באָרוועסע ייִנגלעך האָבן זיך געוואָרפן אויפן זאַמד, ווי אַרויסגעוואָרפענע פיש אויפן ברעג — און דאָס וואַסער האָט נאָכגע־שפּעט, איבערגעשפּילט אַ שרעקעוודיקע, שאָטן־פאַנטאָמימע. שאָטנס האָבן זיך געצאַפּלט אויפן וואַסער־שפּיגל, ווי מאַקאַברישע געשטאַלטן פון די גרונטן אַרויסגעקומען.

דער דאָזיקער ספּעקטאַקל האָט יידלען דערמאָנט אין די לוויות פון דער אַלטער היים, אינעם אויפוועקן דעם הויף אין מיטן דער נאַכט, כדי אַראָפּצוכאַפּן אַ טויטן פון בעט. די פּרימיטיוויקייט און די ווייטע דערמאָנונ־גען האָבן אים פאַרפלייצט דאָס האַרץ מיט אַ געמישט געפיל פון רחמנות און בושה.

פון צווישן די ביימער איז מיט האַסטיקע באַוועגונגען אָנגעקומען אמיתי מיט אַ באַדהאַנטוך און געגומען דעם פּאָטער אויף אַ שפּריץ. ס'איז שוין געווען פינף אַזייגער פאַרנאַכט. פון אַלע ווינקלען זענען אַרויס די קיבוצניקעס מיט פּעקלעך אונטערן אָרעם און געגעגנטערט צו דער באָד־געביידע. דער פאַרנאַכט איז געוואָרן קילער. אַן אַנגענעם לופטל האָט אונטערגעטראָגן צו דער נאָז אַן אויסגעבריטן ריח, ווי פון אַן אויפגעוואַרעמטן פאַרפיום.

די הכנות צום סדר זענען געווען אין פולן ברען. צווישן די ביימער האָבן זיך געהוידעט עלעקטרישע לעמפּלעך. הילכיקע קעלעכלעך פון אַ כאָר האָבן פאַרקלונגען דעם וואַלד. דאָס האָט מען איינגעחזרט די הגדה־געזאַנגען.

יידל וואַסערמאַנס מוח האָט נאָך דאָס אַלץ נישט געקאָנט באַנעמען ווי אַ רעאַליטעט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שוועבט צווישן חלום און וואָר. — אָט שטייט שוין אַ חופּה אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל, נעבן אַ גרינעם דעקאָר פון ביימער אַרומגערינגלט פון אַ צעזונגענער יוגנט מיט צעשפּילעטע הערצער. אין דעם אַלעם האָבן זיך פאַרמישט די נישט לאַנג געהערטע געוואַלדן פון דער איראַקישער משפּחה — און אַלץ צוזאַמען האָט אים אַ הוזשע געטאָן אין קאָפּ, אַז ס'האָט אים געשטויסן צום וויינען.

אין זאַל זענען די טישן געווען געדעקט מיט בלומען, טאָרטן, ווײַנען, ארץ־ישראל־ניסלעך, ראָזשינקעס און אַנדערע קאָנפעקטן. די דריי כלות האָט מען נישט געקאָנט אונטערשיידן פון די אַנדערע פרויען. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן איינפאַך, ספּאָרטיוו. נאָר דער כלה־חן האָט געלויכטן אויף זייערע ברוין־הויטיקע פּנימער און געוועקט ביי אַ טייל לאַנג פאַרגאַנגענע געפילן...

ווידער האָט מען געהאַלטן אַ שטיקל רעדע און געווונטשן מזל־טוב.

— וועלכער איז דער באַלעבאָס פון קיבוץ? — האָט יידל געפרעגט זיין זון. — דער באַלעבאָס? דער דאָרט, וואָס פאָרעט זיך ביי דער טיר.

יידל האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן און אַרויס אין פאָדערהויז. אין איין אויגנבליק איז ער געווען צוריק מיט אַ שטרויען קוישל און געזאָגט צום זון: — קום מיט מיר צום באַלעבאָס.

אמיתי האָט פאַרגעשטעלט זיין פאָטער. דער לעצטער, אָנשטאָט עפּעס צו זאָגן, האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג אַן עפן געטאָן ס'קוישל, אַרויסגענומען צוויי ווייסע טייבעלעך און דערלאַנגט דעם מזכיר זאָגנדיק:

— כ'שענק דאָס פאַרן קיבוץ, ס'איז אַ פאַרל.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ תמימות און ציטער אין טאָן, ווי ער וואָלט אויסגעפירט אַ גאַר וויכטיקע שליחות און געברענגט דורך די טויבן אַ ברידערלעכן גרוס פונעם גאַנצן יידישן ישוב אין גלות.

— אַ־אַ־אַ — האָט דער מזכיר אויסגערופן אין אַנטציקונג — טייַ־בעלעך אַזש פון פּאַריז! — און ער האָט פון איבעראַשונג פאַר דער נאָ־איוווער מתנה, אָן ווערטער, אים לאַנג געדריקט די האַנט.

די טייבלעך האָבן זיך אַרומגעקוקט דערשראָקן, האָבן צענומען די פליגעלעך, אָבער די צוגעבונדענע פיסלעך האָבן געפּענטעט זייער פלי. אין זאַל האָט זיך געטומלט מיט די טייבעלעך. יעדער האָט זיי צוגעוואָרפן קרישקעס פון די טישן און מען האָט זיי אָנגעהויבן רופן מיט פאַרשידענע נעמען.

פלוצלונג האָט דער מזכיר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און אַלע האָבן אויסגעזען צו זיין איינשטימיק. אמיתי האָט איבערגעזעצט פאַרן פאָטער, אַז דער מזכיר האָט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל איין טויב, דעם זכר, אָנרופן אויפן נאָמען פון דערטערונקענעם קיבוצניק „עלי״. באַלד האָט מען אָנגעהויבן רופן פון אַלע זייטן דאָס טייבעלע מיטן אַש־פּלעקל „עלי, עלי״ — און דאָס צווייטע מיטן נאַטירלעכן נאָמען: יונה (טויב).

עס איז שוין געווען באַלד צוועלף אַזייגער און יידל האָט שוין קוים געהאַלטן דעם קאָפּ אויף זיך. זיין זון האָט אים טאַקע באַלד אַוועקגעפירט שלאָפן.

אין זאַל איז די שמחה געווען איבערגעהאַנגען מיט אַ טרויער און דורך דעם טרויער האָט אַרומגעשוועבט דער גייסט פונעם אומגעקומע־נעם חבר אינעם געשטאַלט פון דער טויב און אָנגעוואָרפן אַ מיסטעריעזע שטימונג.

פון צייט צו צייט האָט אַ קעלעכל זיך פאַרגעסן און זיך אַריינגע־שניטן מיט אַ זמר אינעם געמיטלעכן געזשום פון די חברים און געפּרוווט צערייסן דעם אבלדיקן שלייער פון די חתונה־שמחות. ווידער האָט אַ צוויט היציק קעלעכל אונטערגעכאַפּט און די קולות זענען אַרויס אין דרויסן, געוויקלט זיך איבער נאַכטיקן פעלד און וואַלד, אַרויף, אַראָפּ און פלוצלונג שטיל געוואָרן, זיך פאַרענדיקט מיט אַ הוידע און פליוך איבערן וואַסער.

יידל איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט, ווי אַ קלאָדע. דער שלאָף האָט אים אָנגעשטויסן פולע אויגן זאַמד, איז ער איינגעשלאָפן, ווי אַן אויסגעבאָדן זאַט קינד. איבערגעשלאָפן זיך אַ ביסל, האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען וועקט אים, מען גייט אין צימער. ער האָט אויפגעריסן די אויגן און ס'האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן.

— ווי שפּעט איז דען, וואָס זיין אמיתי קומט אים שוין וועקן? — דאָס

קלאַפּן איז געוואָרן האַסטיקער און באַגלייט מיט אַ רופן: — „שלמה", מיט נאָך עפּעס אומבאַקאַנטע ווערטער.

— ווער איז עס? — האָט יידל געפרעגט וואַך און דערשראָקן. פון יענער זייט טיר האָט מען ווידער גערופן: „שלמה, מהר" (שנעלער, שנעלער). דאָס מאָל איז שוין יידל אַראָפּ פון בעט, געעפנט די טיר און געזאָגט: — דאָ איז נישטאָ קיין שלמה און נישט קיין מייער...

דער בחור אין דרויסן איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט.

— אַאַאַ, סליחה, סליחה, (אַנטשולדיק, אַנטשולדיק), און איז פאַרשוווּנדן.

יידל האָט אָנגעצונדן ליכט און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. עס איז ערשט געווען האַלב פיר. אויפן דראָטענעם פענצטער־נעץ, וואָס האָט פאַרהיטן דאָס צימער פון מאָסקיטן, האָט זיך געפּלאָנטערט אַ ריזנקנויל נאַכט... ביסלעכווייז האָט זיך די קנויל אַרויסגעפּלאָנטערט פון צווישן די דראָטנעץ און אויף זיין פּלאַץ, האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַ בלאָער פרימאָרגן.

אין די גראָזן האָט זיך געהערט אַ שאָרכן פון טריט. יידל האָט געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט אַ ביסל פרימאָרגן־לופט. נאָענט פון דער טיר איז וואָס אַמאָל ליכטיקער געוואָרן. נאָר אַ ביסל וויטער אַהין, האָט זיך געטונקלט אַ וועלדל, ווי אַ גרענעץ־ליניע צווישן טאָג און נאַכט.

יידל האָט שוין נישט געקענט אַזוי גיך איינשלאָפן און איבערגעלייגט אין געדאַנק פאַרשידנס. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט זיך דאָ צוקלייבן אַ פּרוי, חתונה האָבן און צוריק פירן אַ מענטשלעך לעבן.

באַלד האָט ער זיך דערפילט נעבעכדיק. עס האָט אין אים אויפגעזאָטן די אַלטע פאַרביטערונג וואָס גיטל, זיין ווייב, האָט אים פאַרלאָזט. זי האָט אויסגענוצט די קריג כדי אַוועקצוגיין פון אים. ווען ער איז געקומען אויף אורלויב, האָט זי שוין געוווינט מיט אַ צווייטן. שפּעטער איז זי דעפּאָרטירט געוואָרן. ער האָט לאַנג דאָס זיך נישט געקאָנט שענקען. איצט האָט זיך דאָס אַלץ ווי עס איז שוין פאַרהיילט. ער איז צופרידן וואָס ער האָט ליקווידירט די פאַבריק מיט די אַנטיסעמיטישע שיקסעס, וואָס האָבן געשפּעט פון זיין פראַנצויזיש און עס אָנגערופן „שאַראַביאַ". אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע אַריין. ער איז געווען אַ נאַטוראַליזירטער פראַנצויז און דאָס איז געווען זיין געווער. איינמאָל האָט אַ שיקסע אים געפרעגט וואָס עס איז אויפגעקלאַפּט אין דער ראַם פון דער טיר, האָט ער איר געענטפערט: — אַ „מזוזה". זי האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און ער האָט מיט זיין צעמיתטע לשון אָפּגעענטפערט, אַז דאָס איז אַזאַ אַנטענע דורך וועלכע מען רעדט צו גאָט... פון דער דערמאָנונג האָט

ער אַ שמייכל געטאָן, זיך איבערגעוואָרפן אויף אַ זייט און געפּרוווט איינ־שלאָפן.

אויף צומאָרגנס איז אמיתי אַריינגעפאַלן מיט אַ הילכיקן „שלום״! און געלאַכט. — האָסט געהאַט אַן אָנשיקעניש די נאַכט, האַ? — אַלץ הייסט, וואָס איז דאָס געווען?

— גאָרנישט. מען האָט געוואָלט אויפוועקן אַ שומר צו טוישן די וואַך האָט מען זיך טועה געווען און אָנגעקלאַפּט ביי דיר... כ׳האָב געהערט, אַז די נאַכט האָבן אַראַבער צוגעגנבעט צוויי קי. מאָרגן וועט מען פאַרשטאַרקן די וואַך. דאַכט זיך, אַז מאָרגן איז מיין רייע. — האָט אמיתי אין איין אָטעם גערעדט.

דעם גאַנצן טאָג איז יידל כמעט געווען אין שטוב, עס איז געווען אַ כאַמסין. די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט און ס׳האָט זיך אים נאָר גע־וואָלט שלאָפן. ביינאַכט, צום סדר, איז געוואָרן מחיהדיק קיל און ער האָט איבערגעלעבט אַזוי פיל פרייד פונעם ערשטן סדר אין קיבוץ, ווי אַ קינד, וואָס מען פירט ס׳ערשטע מאָל אין טעאַטער אַריין. ביז טיף אין דער נאַכט אַריין איז ער געבליבן אין זאַל און אָנגעשטעקט מיט יוגנטלעכן פייער, איז ער שיעור אַליין נישט אַוועק אַ „האָרא״.

— חיים — האָט אמיתי זיך געוואָנדן צו אַ חבר, וואָס האָט נישט געאַרבעט דעם מאָרגנדיקן טאָג און וואָס האָט אויך גערעדט יידיש, — דו וועסט אַרומפירן וויזן מיין טאַטן דעם קיבוץ.

— אָ, מען דאַרף נישט — האָט יידל אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט.

— כ׳וועל נישט פאַרבלאָנדזשען. אָבער צומאָרגנס, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער וואָלט טאַקע אַליין זיך פאַרלוירן אויפן ריזן־שטח פון קיבוץ.

יידל איז געווען באַגייסטערט. ער האָט געטאַפּטשעט אין הייסן זאַמד. אַדורכגעגאַנגען די פּרדסים (סעדער). אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט ציטרינען און תפּוזים (פּאָמעראַנצן) פון די לעצטע, אַראָפּגענומענע פּרות. ער האָט באַוואונדערט דאָס פעלד מיט די בינשטאָקן, די שטאַלן מיט די בהמות און די מאַשינען וואָס פאַבריצירן הינער. יידל האָט אַזויפיל געזען, אַז ס׳האָט אים אַזש געמישט אין קאָפּ פון אַזוי פיל באַוואונדערן. פלוצלונג, האָבן זיי, שפּאַצירנדיק, פאַרקערעוועט אויך אויפן בית־עולם. יידל האָט זיך איינגעקוקט אין די מצבות, וואָס האָבן פאַרשטיינערט אין זיך די סודות פון יענער־וועלט. חיים האָט אים אַ לייכטן שטורכע געטאָן און אים אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויף דער עלטער, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף די שטיינער. — איר זעט, חבר, — האָט ער אים אָנגעוויזן. — דער־דאָ איז נפטר געוואָרן ביי די 83 יאָר. די־דאָ, 77. דאָ ווידער האָט איר אַ יונגן זקן פון 81 יאָר. פון אים־אַ, זאָגט מען, אַז ער האָט מיט אַ טאָג פריער

נאָך געאַרבעט, און אויסגעגאַנגען ווי אַ הייליקער. דאָ שטאַרבט מען נישט — האָט חיים געזאָגט מיט אַ זיכערקייט אין טאָן. — דאָ, אויף דער גוטער ארץ־ישראל־לופט, ווערן די מוסקולן געשטאַרקט און די יאָרן — פאַר־לענגערט. איך האָב דאָ אַ מאַמע, גייט זי שוין אַריין אין 90־סטן יאָר, ביז 120, האָב איך צו איר 89־סטן געבוירנטאָג אויסגעשניצט אַ שטעקן פון אַ יונג ביימל. האָט זי מיר געענטפערט: — האַלט דאָס מיר, מיין קינד, איך וועל דאָס נוצן ווען כ׳וועל זיין אַלט...

פלוצלונג האָבן זיי זיך אַריינגעדרייט אין אַ וועגל און יידל האָט געזען אַ פּרעכטיקע פּאַווע. די פּאַווע האָט זיך שפּאַצירט און זיך אומגעקוקט מיט אומצוטרוי.

יידל האָט זיך פאַרגעסן און ייִנגלעריש אָנגעהויבן נאָכקריכן די פּאַווע. זי האָט אָבער קלוג זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע דלד־אמות.

— זי איז פאַרזיכטיק — האָט דער באַגלייטער געזאָגט.

— ווייל מען האָט איר אויסגעריסן עטלעכע פעדערן, צו באַצירן די קעפּ פון די מיידלעך, וואָס האָבן אויסגעפירט דעם טאַנץביים סדר.

— נו, אויף היינט וועט זיין גענוג — האָט אַ זאָג געטאָן יידל. עס האָט אים פון אַזוי פיל שיינקייט שוין געשווינדלט פאַר די אויגן. די באַ־גרענעצטע אַנונג, וואָס ער האָט ערשט געהאַט וועגן ישראל, האָט זיך ביי אים אויסגעדריקט אין אַ ווערטל: „האָניק מיט קאָקוס". די פּאַווע איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן און אים געבערענגט אויפן אַלטן פאָלקסליד: „עס קומט צופליען די גאָלדענע פּאַווע"... און ער האָט דעם ניגון אונטערגע־זונגען גייענדיק. יידל איז געווען אַזוי צעשפּילט, ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער מיט חשק אויף אַ בוים אַרויפגעשפּרונגען.

נאָך יום־טוב, אויסגערוט, און אַ ביסל אויסגעניכטערט, האָט ער גע־וואָרט מען זאָל קומען אים נעמען צו דער אַרבעט. ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער וועט טאָן. עפּעס האָט ער היינט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף זיין זון. דער זייגער האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט און ס׳האָט אים אויסגעוויזן צו זיין שפּעט, איז ער אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט גיין צום עס־צימער. אויפן וועג איז ער געוואויר געוואָרן, אַז ס׳איז שוין ניין אַזייגער און אָנגעהויבן גיין שנעלער. אין זאַל איז געזעסן אַ קליינע גרופּע חברים און שטיל גערעדט צווישן זיך. יידל האָט אויף דער גיך אַריינגעכאַפּט ס׳אָנבייסן און זיך געלאָזט צום צימער פון זיין זון. אויפן וועג האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיטן מזכיר און מיטן חבר חיים, וואָס האָט אים באַגלייט אויפן שפּאַציר. זיי האָבן עפּעס אויסגעזען מאָדנע, אים נישט געקוקט אין די אויגן אַריין. נאָר יידל האָט זיי אַנטקעגנגעטראָגן אַ טאָפּלטן „שלום"!

— מיר האָבן דיך טאַקע געזוכט — האָט דער מזכיר געזאָגט און זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד.ביידע חברים האָבן יידלען אַריינגעפירט אין ביוראָ און אים דערלאַנגט אַ שטול. יידל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען מאַכט מיט אים אַזאַ צערעמאָניע. ער האָט געמיינט, אַז מען גייט אים זאָגן ווען ער וועט אָנהויבן אַרבעטן. פלוצלונג האָט דער מזכיר אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און מיט צעשניטענע רייד גערעדט, אַראָפּהאַלטנדיק דעם קאָפּ. — זיי שטאַרק, חבר... אמיתי איז געפאַלן... אויף דער וואַך... געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד...

יידל האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן ריטש. ער האָט זיך אַ הויבגעגעבן ווי אַן אָפּגעבריטער, געוואָלט לויפן, אָבער זיינע פיס זענען געווען ווי צוויי שמאַטעס, איז ער געבליבן זיצן געל, ווי וואַקס. די אויגן האָבן געקוקט שטאַר, ווי קינסטלעכע, פרעמדע אויגן און אַ ליפּ האָט זיך ביי אים פאַרקרימט, ווי ביי אַ פּנים־פּאַראַליזש.

חיים איז געשטאַנען מיט אַ גלאָז וואַסער און עס געשטופּט צו יידלס ליפּן. — שטאַרק דיך... דו וועסט געפינען טרייסט אין... — זיין ציטערדיקע שטימע, האָט זיך אָפּגעהאַקט, ערגעץ דערוואָרגן געוואָרן אין קעל.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט אַ וואָגן מיט נאָך אַ פּאָר חברים אים צוגעפירט צום טויטן קערפּער פון זיין זון. אַרום דעם מת איז געווען פאַרזאַמלט אַן עולם. נאָר יידל האָט אין די אַלע פּלעקן געזען גרויסע, שוואַרצע פלאַמען. ער האָט געקוקט אויפן בערגל, אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצע פלאַכטע און דער קאָפּ איז ביי אים געהאַנגען, ווי אַן אונטערגעהאַקטער.

ס'איז געווען שטיל. ווי דורך עפּעס אַ געהיימען באַפעל, האָט זיך יעדער אָטעם אָפּגעשטעלט און דער עולם האָט געוואַרט...

פלוצלונג, ווי נאָך אַ שווערן געאַמפּער מיט זיך אַליין, האָט זיך פון יידלען געריסן אַ פאַרהילטע האַרצשטימע. צוערשט, ווי אַ שטאַמל פון צעקרישלטע ווערטער, שפּעטער אַלץ העכער און קלאָרער.

דער עולם האָט זיך שטום איבערגעקוקט און די בליקן האָבן געפרעגט:
„קדיש?...״ ניין!

ביסלעכוויז, ווי אַ פלאַם געענערט פון לופט, האָט זיך זיין קול געהויבן איבער אַלעמענס קעפּ און מען האָט דייטלעך געהערט, ווי אמיתיס פאָטער זינגט די התקוה...

אויף דער עלטער

ווי נאָר די ערשטע פרילינג־שטראַלן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון די בלויע טיפן אָנצוואַרעמען די וועלט, איז דער צוויי און זיבעציק יעריקער מייזליץ, אָנגעלענט אויף זיינע אונטערשפּאַר־שטעקנס, אַרויס פון זיין קעלער. נאָך אָנגעטאָן אין ווינטער־פּעלצל, האָט ער אַוועקגעזעצט זיין אַלטן גוף אַנטקעגן דער זון און געלאָזט צילן אויף זיך אַלע שטראַלן. דאָס אַלטע בלוט האָט פּאַמעלעך געקרייזלט אין זיינע האַלב־פּאַראַליזירטע גלידער און אַרויסגעוואָרפן קליינע, ציטערדיקע קרעכצעלעך, באַגלייט מיט צופרידענע אויסרופן, ווי ספּאַזמעס פון הנאה: „איי, אַ כוח! איי, אַ תענוג!" ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און איינגעזאַפּט אין זיך דאָס געזאַנג פון די פייגל, צוזאַמען מיט דער לויטערער זיסקייט פון שמעקנדיקן, יונגן פרילינג־טאָג.

אָנגענעמע מחשבות האָבן געגלעט זיין אַלט האַרץ, ווי דאָס מילדע ווינטל זיין צעקנייטשטן הוט. ער האָט געטראַכט פון זיין נייעם מאַנטל, וואָס פון זייט דער שניידער האָט אים דעם מאַנטל אָפּגעברענגט, האַלט ער אין איין אָנמעסן אים... און פון דעם אָנקומענדיקן זומער... און פון זיין פידעלע און פון נאָך אַ סך היימלעכע זאַכן. אפשר וועט אין דער וואַרעמקייט זיין רעוומאַטיזם זיך פאַרבעסערן? האָט ער אין דער הייטערקייט, ווייך געמאַכט די ברוטאַלע ווירקלעכקייט פון זיין פּאַראַליזש, מיט דער באַצייכענונג פון „רעוומאַטיזם". איי, וועט ער דאָס מאַכן אַ לעבן! ער וועט אָנטאָן זיין נייעם מאַנטל און וועט זיך אַרומשפּאַצירן אין שטעטעלע... אָדער ער וועט גיין אין וואַלד אַריין מיט זיין פידעלע און וועט שפּילן, שפּילן...

אַזוי פּאַראַליזירט, ווי ער איז, מיט זיין קאָפּ, וואָס שאָקלט זיך שטענדיק, ווי אויף „יאָ", האָט ער נאָך גענוג געשמאַק פאַרן לעבן. ווען נישט דאָס אומגליק מיט זיין קראַנקהייט, וואָס האָט אים ערשט פאַראַיאָרן געטראָפן, וואָלט ער נאָך אפשר חתונה געהאַט... נאָר היינט איז שוין פאַרפאַלן. עס איז אים געקומען אויפן געדאַנק די אלמנה מיט די געקאַרבטע

האָר. ער האָט אויף איר געהאַט אַן „אויג״ גלייך פון דעמאָלט אָן, ווען מען האָט אים גערופן צו אַ מנין, קדיש צו זאָגן נאָך איר געשטאָרבענעם מאַן. נאָר ער האָט נישט געוואָגט קיינעם דאָס צו פאַרטרויען און באַהאַלטן זיין בענקשאַפט אין דער חורבה פון זיין עלטער. פּלוצלונג איז די קאָנצענ־טרירונג פון זיינע געדאַנקען אַרום דער אלמנה צעשוווּמען געוואָרן. אַ צווייט געשטאַלט האָט אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן, דאָס געשטאַלט פון זיין דעפּאָרטירטער פרוי. פּונקט ווי אין אַ חלום, ווען איין געשטאַלט טוישט זיין פיזיאָגנאָמיע און שטעלט פאַר צוויי פּערזאָן, אַזוי האָט זיך אים גע־פלאָנטערט פאַר די אויגן — די אלמנה מיט די געקאַרבטע האָר און זיין פרוי זלאַטקע.

טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער זיך פאַרגאַפּיעט אויפן אַנטקעגנאיבערדיקן גאָרטן, וווּ עס איז געשטאַנען מאַריס זעמלאַ און מיט אַ לאָפּאַטע אַרויסגעצ־צויגן גאַנצע אוצרות פון דער ערד. פון יעדער פאַרע, וואָס ער האָט אַרויס־געשלעפּט פון דער שוואַרצער טיף, האָט ער אָפּגעטרייסלט די פעטע ערד אַרום דעם וואָרצל און זי לאַנג באַטראַכט פון אַלע זייטן, אַ ווײַלע געוויגן אין דער האַנט און אַוועקגעוואָרפן אין אַ זייט.

— מיסיע זעמלאַ! — האָט דער אַלטער אַ רוף געטאָן זיין שכן, נאָר יענער האָט נישט געהערט. ערשט ביים צווייטן רוף, האָט ער זיך אויסגע־דרייט, פאַרוקט זיין שטרויענעם הוט און אַרומגעקוקט זיך, פון וואַנען מען רופט אים.

— אַ, באָנזשור מיסיע מייזליץ! איר זענט שוין אַרויס פון אייער באַ־העלטעניש?

— יאָ, קוים זיך דערוואָרט אויף אַ ביסל וואַרעמקייט. די זון איז היינט אַ סוד אויסצוזאָגן. קומט אַ ביסל אַריין מיסיע מאַריס. איר וועט נישט פאַר־שפּעטיקן אַרויסנעמען אייערע פאַרעס. מ׳עט כאַפּן אַ שמועס, וועלן זיי דערווייל צווואַקסן — האָט דער אַלטער גוטמוטיק געשמייכלט.

— ס׳איז נישט קיין געלעכטער, עס בלימלט שוין, מען מוז אַרויס־כאַפּן, זיי הייבן אָן אויסצוּוואַקסן — האָט מיסיע זעמלאַ געענטפערט, אַריינ־גייענדיק צום אַלטן.

— זיצט אַ ביסל — האָט דער אַלטער געבעטן זיין שכן.

— וואָס רעדט איר עפּעס, ווער האָט צייט צו זיצן? די גאַנצע אַרבעט פון גאָרטן שטייט אויפן זונטיק און איידער כ׳דריי זיך אויס, דאַרף איך צוריק אַריינפאָרן נאָך פּאַריז — און אין מיטן דערינען — וואָס הערט זיך, מיסיע מייזליץ, האָט איר שוין עפּעס פאַרדונגען?

— און איר? — האָט דער אַלטער געשטעלט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע.

— איך? כ׳זאָל אַזוי האָבן אַ זאָרג מיט מיין פרנסה, ווי כ׳האָב אַ זאָרג

צו באַזעצן ס׳הויז אויף זומער. איך אײַל מיך נישט; איר קאָנט דאָך מיך? דאָ געפעלט נישט דער פּרײַז, דאָרט געפעלט נישט די נאָז; קיין גרויסע פאַמיליעס וויל איך נישט אַרײַננעמען. די „גרינע״ האָבן מיך שוין אָנגעערנט... פאַראַיאָרן האָב איך גענומען דרײַסיק „בלעטלעך״ פאַר אַ שטוב מיט אַ קיכל אויפן סעזאָן. היינט, גוטער ברודער, גייט עס נישט אונטער פּערציק טויזנט — האָט דער ווירט זיכער אונטערגעשטראָכן און כיטרע אַ דרײַ געטאָן מיט די אייגעלעך.

— איך ווייס נישט ווי איך וועל אויסזען דעם זומער מיטן פאַרדינגען — האָט זיך דער אַלטער פאַרקלאָגט — פאַראַיאָרן אין „לאַ טוסען״ (חגא פאַר הייליקע) האָבן מיר שוין געהאַט געמאַכט דעם ערשטן „פּאַטשאָנטעק״ און אַז עס ווײַזט זיך יאָ אימיץ, גיט ער אַ קוק און גייט אַוועק: אַזאַ צעבראָכענער שאַרבן, ווי איך, נעמט אָפּ דעם חשק, האַ, ווי זאָגט איר? — האָט דער אַלטער געענדיקט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און אַרבעטנדיק מיטן פּרעמדן גומען צײַין, וואָס האָט זיך געגליטשט אַראָפּ און אַרויף אויף די אײַנגעשרומפּענע יאַסלעס.

זעמלאַ האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די טאַשן און מיט אַ וווּנדערנדיקע מינע, געמישט מיט מיטלייד, אָנגעקוקט דעם אַלטן און געטראַכט: „אוי, וואָס די עלטער מאַכט פון אַ מענטש! בנאמנות, אַ פאַרשטעלטער״, — האָט ער שיעור נישט אַרויסגעטראַכט אויפן הויכן קול.

— מאַדאַם מאַרטאַ, קומט אַרויס אויף דער זון — האָט מייזליץ אַ רוף געטאָן די אַלטע קריסטן, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּיצל קיכעלע אין דעם ליידיקן הויז און פאַר דער טובה אים באַדינט מיט אַ לעפל עסן אָפּקאָכן און אַ העמד אויסוואַשן.

די מאַדאַם מאַרטאַ האָט זיך אויסגעטשוכעט פון איר ווינקל, אַראָפּגעלאָזט די קעץ, וואָס האָבן איר געוואַרעמט די שויס און אַרויס מיטן שטריקעכץ אין האַנט. אַ פאַרדומפּענער ריח פון קעץ האָט געשלאָגן פון אירע פאַרפעדערטע ספּודניצעס.

— נו, איז נישט בעסער ווי אין שטוב? — האָט מייזליץ זי געפרעגט.

זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ אַנטקעגן דער זון און גלײַך האָט איר אַ זונען־שטראַל ווי אַ שפּיזל, אַ קיצל געטאָן אין נאָז, האָט זי זיך צעניסט ווי אַ קאַץ...

— אַ מאָדנע גויה — האָט דער אַלטער באַמערקט — אַ קוק אין דער זון, איז ביי איר אַ שמעק טאַבאַק...

קוקנדיק אויף די צוויי אַלטע לײַט, האָט זיך זעמלאַ געקוויקט מיט אַ באַהאַלטענעם חוזק־שמייכל...

— נאָט, געסט גייען — האָט דער שכן אָנגעוויזן און אַליין זיך אַרויס־געשאַרט פון אַלטנס גאָרטן.

עס איז געקומען רחלע, מייזליצס איינציקע טאָכטער מיט די צוויי קינדער. רחלע, אָדער די „טויב", ווי ער האָט זי גערופן, פאַר איר גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט פאַר אים.

— וואָס מאַכסטו, טאַטעשי ? — האָט זי געפרעגט, קושנדיק זיך מיטן פאָטער און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו דער קריסטן. די קינדער זענען זיך צעלאָפן אין גאָרטן און די „טויב" האָט אויפגעמאַכט איר אָנגעפילט קוישל. דער אַלטער האָט פאַרגעפילט די גוטע מאכלים און אַ סלינע האָט זיך אים אָנגעקליבן אין מויל.

— טויב מיינע, קום אַראָפּ אונטן — האָט ער מיט אַ גערירטער שטימע געזאָגט. — דו ווייסט, איך האָב שוין פאַרטיק מיין מאַנטל — האָט ער איר שנעל אָנגעזאָגט די גוטע נייעס, ווי מורא האָבנדיק ער זאָל נישט פאַרגעסן. — דו דאַרפסט זען ווי שיין איך זע אין אים אויס — האָט ער מיט קינדישער פרייד גערעדט פון זיין מלבוש.

דער אַלטער האָט זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ מיט די יידישע מאכלים און איבערגעלאָזט אויך פאַר מאַרטאַ. די „טויב" האָט זיך אַרומגעפּאַרעט איבערן קיך, געמאַכט אַביסל אָרדענונג און בשעת מעשה דערציילט די אינטימע נייעסן פון דער וואָך.

— טאַטעשי ! — האָט זי פּלוצלונג אויסגערופן און זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענער שטים.

— וואָס איז טויב ? — האָט דער פאָטער ווייך געפרעגט.

— אוי, כ'האָב שוין פאַרגעסן, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן. כ'וועל מיך נאָך דערמאָנען, — האָט זי זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ תירוץ.

ערשט אין אָוונט, ביים איינפּאַקן אירע זאַכן, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט זי אים אַ זאָג געטון : „דו ווייסט, פּאַפּאַ, זשאַק האָט באַשלאָסן צו פאַרקויפן די „בודע". דעם אַלטן האָט אַ שטאָך געטון אין האַרץ.

— ער וויל נעמען אַ „בוטיק" (געשעפט) און אַרבעטן אייגנס. מיר וועלן זיך פאַרגרעסערן די וווינונג און דו וועסט זיין ביי מיר אין אַ באַ־זונדער צימער און אָפּגעהיטן ווי אַ קיסר — האָט זי דאָס אָפּגעזאָגט מיט אַ באַפרייאונג, ווי זי וואָלט אַ שטיין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך.

דעם אַלטן האָט אַ קלעמעניש אַרומגענומען און איינהאַלטנדיק אַ טרער, האָט ער קוים אַרויסגערעדט. — מילא, אויב איר האָט אַזוי באַשלאָסן, אָבער איך וועל נאָך דאָ קאָנען בלייבן ביז איבערן זומער ?

— ניין, טאַטעשי ! זומער איז לייכטער צו פאַרקויפן, און מיר וועלן

פאַרן דעם זומער ערגעץ אַנדערש; אפשר צום ים... מען וועט שוין זען. זאָרג נישט, טאַטעשי, ס'וועט שוין גוט זיין.

ביי די ווערטער האָט זי זיך געזעגנט. אים איבערגעלאָזט אַ פּאָר פראַנק אויף דער וואָך און איז אַוועק.

דער אַלטער איז געבליבן זיצן אַ צעוויטיקטער. עס איז אים געבליבן דער נאָכגעשמאַק, פון ווינען מיט זיין אײדעם. ווי איבעריק ער פלעגט זיך פילן אונטערן אײדעמס שטרענגן בליק. יאָ, און וויפיל האָט ער דאָס געליטן אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג צו שפּילן און ער האָט מורא געהאַט נישט אויפצווועקן די שטוביקע. נאָר טיילמאָל, האָט ער נישט געקאָנטביישטיין דעם נסיון, האָט ער גענומען זיין פידעלע אונטערן איבערבעט און ווי ווייט מעגלעך, זיך איינגעדישעט דערמיט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַרויסגעצויגן שטילע, געדעמפטע קלאַנגען. נאָר אויף צומאָרגנס, נאָך אַזאַ „גנבה", האָט ער שוין געהאַט זיין פּסק. דער אײדעם האָט אים שוין צום אויפשטיין אַוועקגעלייגט אַ דרשה: „אַ גאַנצע נאַכט הערט מען גרעמפּלען. ס'איז נישט שלעכט צו זיצן ביי אַ רייכן אײדעם אויף קעסט און גרעמפּלען בייטאָג און ביינאַכט. איך בין אַן אַרבעטער און דאַרף ביינאַכט שלאָפן".

האָבן אים די ווערטער פון אײדעם איצט אויפגעקלונגען אין די אויערן.

— שוין בעסער, כ'לעבן גיין איבער די הייזער און שלאָפן אונטער אַ בריק...
— האָט דער אַלטער געטראַכט און זיינע געדאַנקען האָבן וואָס אַמאָל מער געבלאָנקעט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

— אוי, פאַרוואָס האָט מען מיך נישט דעפּאָרטירט צוזאַמען מיט מיין זלאַטקע — האָט ער אָנגעהויבן באַדויערן דעם אויסגעמיטענעם משחית. די אַלע דערמאָנונגען האָבן אים געפּיקט, ווי קראָען פּיקן אַ נאָך־זשיפּענדיקן מענטש.

איבער די ווענט פון קעלער האָט די טונקלקייט זיך אָנגעהויבן גליטשן און באַטאַפּט מיט די גרויע פינגער די סטרונעס פונעם פידל אויפן וואַנט. דער אַלטער איז אויפגעשטאַנען און אַ רוף געטאָן די קריסטן. מאַרטאַ איז אַראָפּגעקומען מיט אַ קאַץ אויפן אַקסל און זיך אַוועקגעזעצט אויפן אַלטנס בעטל.

— פאַרוואָס צינדט איר נישט אָן? — האָט די אַלטע פאַרווונדערט געפרעגט.

— פאַרוואָס איך צינד נישט אָן? ווייל דאָס, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן — האָט ער לאַנגזאַם געצויגן, — איז פונקט געפּאַסט צו דער פינצטער...

ווער ווייסט וואָס דער אַלטער מאַרטאַ איז אין דער מינוט אַדורך דורכן קאָפּ?! זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו איר ווירטס רייד

און אַרויסגעשטאַמלט — צום זון, דעם קאַפּיטאַן, וועל איך נישט צוריק־גיין. צו דער טאָכטער, דער אַרטיסטקע?... יאָ, שוין גלייכער צו זיצן פאַר אַ קירכע!

דער אַלטער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער וואַנט, אַראָפּגענומען זיין מאַנטל און אים אָנגעטאָן. מאַדאַם מאַרטאַ, האָט מיט פאַרטרערטע און נייגעריקע אויגן, נאָכגעפאָלגט דעם אַלטנס יעדע באַוועגונג. זי האָט געזען, ווי ער נעמט דאָס פידעלע פון וואַנט... און מיט אַ ציטערדיקער האָפענונג גע־וואַרט, ער זאָל איר זאָגן: „קומט, מאַרטאַ, מיר וועלן גיין איבער דער וועלט!" נאָר דער אַלטער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שפּילן. האַרצרייסנדיקע טענער האָבן זיך געגאָסן פון האַרץ איבער די סטרונעס. לאַנג, לאַנג האָט דער נאָקטורן וויברירט אין דעם דעמפן קע־לער און באַוויינט דעם עלנט פון די אַלטע לייט.

נדן

זינט ליליען האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין שיינהייט־סאַלאָן ביי איר מוטער, האָט זי זיך צעוואַקסן און צעבליט, ממש אַ כלה־מויד.

די מוטער האָט אָנגעהויבן מיט מאַמישער זאָרגפעליקייט אַוועקלייגן אַביסל וועש און צוגרייטן דעם אויסשטייער. יעדעס שטיקל וועש, יעדעס שטיקל לייוונט, האָט זי אָפּגעגלעט מיט אַ ברכה און אָנגעקוואַלן, וואָס די שאַנק ווערט פולער...

נאָר שוין אַ שטיקל צייט ווי אַ געהיימער געדאַנק האָט אַרויפגעוואָרפן אַ וואָלקן אויף איר געזיכט. זי האָט געהאַט אַ חשד אויף דער אומגעווינ־לעכער באַציאונג מצד דער טאָכטער צו איר שטיף־פאָטער... דער דאָזיקער געדאַנק האָט איר נישט צורו געלאָזט. האָט זי אָנגעהויבן איינלייגן וועלטן, כדי וואָס גיכער חתונה מאַכן די איינציקע טאָכטער.

חיים איז געווען איר צווייטער מאַן נאָכן היטלער־חורבן. ביידע קריגס־געליטענע מיט אָפענע טרויער־ווונדן פון די אומגעקומענע פאַמיליעס האָבן געפּרוווט בויען אַ ניי פאַמיליען־לעבן. ליליען איז דעמאָלט קוים אַלט גע־ווען צען יאָר. די מוטער איז געווען גליקלעך, וואָס דאָס קינד האָט ליב באַקומען איר צווייטן פאָטער און אים גערופן פּאַפּאַ.

חיים, אַ צעבראָכענער און פאַרבענקטער נאָך זיין פרוי און מיידעלע, האָט גאָרנישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער האָט חתונה גע־האַט. מיט אַטראָפירטע געפילן האָט ער זיך געלאָזט צורעדן פון דער פרוי, ביז ער האָט זיך אין אַ טאָג דערזען אין איר ווינונג... אַ שטיק צייט האָט ער זיך טאַקע געפילט ווי אַ סובלאָקאַטאָר ביי זיין צווייטער פרוי. ביסלעכ־ווייז האָט ער אָנגעהויבן ליב האָבן ס׳קינד און זיך צוגעבונדן צו ליליען מיט די איידלסטע פאָטערלעכע געפילן.

אין שטוב האָט געהערשט אַ וואַרעמער שלום־בית. נאָר דאָס אויפפירן זיך פון דער טאָכטער, דאָס אַרומכאַפּן קושן און צערטלען איר פאָטער, דאָס זעצן זיך אויף זיין שויס, האָט ליליענס מוטער נישט נאָר וואָס אַמאָל מער

באַאומרואיקט, נאָר זי האָט פּשוט געזען, אַז עס הויבט זיך אָן אַ דראַמע פּאַר איר. חתונה מאַכן די טאָכטער איז געוואָרן איר איינציקער געדאַנק.

שדכנים האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען. באַקאַנטע האָבן פאָרגעשלאָגן שידוכים, אָבער ליליען האָט זיך אויסבאַהאַלטן און נישט געוואָלט הערן.

— אַ יונגע ציג, זי שעמט זיך — האָט די מוטער געטענה'ט. אָבער קיין גרויסן ווידערשטאַנד האָבן אירע אַכצן יאָר נישט געקאָנט שטעלן. — בפרט, אַז ס'איז געשען אויף אַ היימישן אופן.

די פרוי גאַנעם איז אַריינגעקומען אינעם שיינהייט־סאַלאָן צו דער פרוי רייך. ליליען האָט זי טיילמאָל באַדינט, מאַניקירט איר די נעגל, אַרומגע־פלאַטערט מיטן ווייסן פאַרטוך, געלאַכט מיט די ווייסע ציין, איז זי דער פרוי גאַנעם אַריינגעפאַלן אין אויג... מיט אַמאָל, האָט זי פּראָסט און פּשוט אַ זאָג געטאָן: — אייער טאָכטער געפעלט מיר.

נאָך דערצו, אַז די פרוי רייך האָט נישט אויפגעהערט זיך צו באַרימען, אַז דער מאַן פאַרדינט שיין און זי אַליין, האַלט אַ גאַנצן טאָג די הענט אין דער קאַסע...

— איך האָב אַ ווויל יינגל פאַר אייער טאָכטער.

— נו, אדרבא — האָט אויפגעלויכטן דער מוטערס פּנים.

— ווער איז דאָס יינגל, וואָס טוט ער? — האָט פרוי רייך אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן פראַגן, ווי זיי וואָלטן שוין געווען פון לאַנג צוגעגרייט. דער־הערט, אַז ס'איז אַן אייגענער זון, האָבן זיך די צוויי פרויען וואַרעמער צע־רעדט און מען האָט אָפּגעשטימט צונויפצופירן ס'פּאָרל.

ליליען האָט שטענדיק געטענה'ט: „אויב איך וועל נישט געפינען קיין חתן, וואָס זאָל זיין ענלעך צום פּאַפּאַ, וועל איך נישט חתונה האָבן".

ווען ליליענס מוטער האָט געהערט, אַז דאָס פּאָרל איז זיך געפעלן און מען האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין צוזאַמען, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַריבער אַ באַרג. די טאָכטער האָט זיך געטיילט אין דער היים מיט אירע איינדרוקן פון דער נייער באַקאַנטשאַפט און די מוטער האָט אין דעם געזען דאָס דערנענטערן זיך צום ציל.

יעדן אָוונט האָט אַ טרומייט פון אַן אויטאָ איר געגעבן אַ סיגנאַל, אַז ער איז דאָ. און ביי ליליען, האָט דאָס האַרץ געשפּרונגען פאַר פרייד. בייטאָג פלעגט זי מערערע מאָל פאַרפאַלן ווערן ביים טעלעפאָן, אַריינגעהילכט מיט אַ געלעכטער, און די אויגן האָבן ביי איר געלויכטן.

— איידעלע — האָט דער מאַן אַ זאָג געטון צו זיין פרוי — מען דאַרף נישט לאָזן די קינדער אַזוי לאַנג זיך אַרומשלעפּן, איידער מען שמועסט זיך נישט אַדורך מיט די מחותנים.

— ביזט גערעכט, חיימל — האָט זי אויך ליבלעך פאַרצויגן זיין נאָמען,
— מען דאַרף טאַקע וויסן ווו מען האַלט...

מען האָט גלייך באַשלאָסן, אַז ליליען זאָל פאַרבעטן אויף זונטיק מיטאָג די מחותנים, כדי זיי מודיע זיין וועגן דעם נדן.

די פרוי גאַנעם איז שוין אַריינגעקומען ווי צו אַן אייגענער אויף אירע שיינהייטס־סעאַנסן — און דער כלה'ס מוטער האָט שוין נישט געפּאַסט צו נעמען באַצאָלט פאַרן פּנים־מאַסאַזש.

דאָנערשטיק, ווען די פרוי גאַנעם איז געזעסן ביי איר וואָכנטלעכן מאַ־סאַזש אונטער די פלינקע פינגער פון דער כלה'ס מוטער, און ליליען איז פונקט געווען ביי דער שניידערקע, האָט די פרוי רייך, ווי געטריבן פון אַן אינסטינקטיוון שטויס, אַ זאָג געטאָן:

— כ'וואָלט וועלן מען זאָל שרייבן תנאים... וואָס דאַרפן זיך די קינדער אַרומדרייען... אָדער אפשר גאָר באַלד אַ חתונה... כ'האָב דריי מיליאָן פראַנק פאַר מיין ליליען. פון דעם ווערט גאָרנישט געריירט, דאָס וועט זיין אויף אַ וווינונג... מען דאַרף די קינדער גוט אַוועקשטעלן... — האָט זי מיט האַרץ גערעדט און זיך אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט אין איין אָטעם אַרויף אויף הויכע שטיגן.

— אָט דאָס איז עס, מיט וואָס איר ווילט אַוועקשטעלן די קינדער? — האָט די מחותנתטע גענומען וואַרפן נערוועז מיטן צוגעגלעטן קעפּעלע און פלעסקען מיטן צונג. — מנע, מנע מנע — האָט זי אין אַנטוישונג אויסגע־רופן. — איר האָט געוואַרט, אַז מיין זון זאָל זיך פאַרליבן אין אייער טאָכ־טער? כאַ־כאַ־כאַ — האָט זי פּעט אַרויסגעלאַכט און פון איר געלעכטער האָט אַ יאָג געטון מיט חוזק, כעס און חוצפּה.

גלייך האָט זי גענומען אַרויסשטעלן אירע פאָדערונגען:

— 5 מיליאָן. אַ וווינונג מיט מעבל. אַ געשעפט מיט אַן אויטאָ און אַ וויללע... — זי האָט די רייד אַרויסגעפּאַקט, ווי פון אַן אייז־קאַסטן. די כלה'ס מוטער איז געוואָרן רויט און ווייס פאַר אויפרעגונג. בטבע אַ פלאַפּלערקע, איז ביי איר די צונג, ווי אָפּגענומען געוואָרן און דער גאַנצער כוח־הדיבור איז איר אַריין אין די פינגער... האָבן די פינגער אָנגעהויבן נערוועז זיך צו וואַרפן אויפן פּעטן גוידער פון דער מחותנתטע, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט, וועט די רציחה איבערגיין אין אַ נקמה־אַקט און זי וועט אַזוי מאַ־סירנדיק איר גוידער, אַרומנעמען דעם האַלדז און זי דערשטיקן.

***

אינעם וואַרט־זאַל, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם סאַלאָן מיט אַ דין ווענטל, איז געזעסן ראַכעל, אַ חברטע פון ליליען און געוואַרט אויף איר. זי האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך און דאָס מינדערווערט־געפיל, וואָס

האָט זי שטענדיק באַגלייט, האָט זיך אין איר אויפגעשטויסן און זי האָט זיך איינגעאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. אַ מיידל פון אָרעמע עלטערן, דערצו נישט קיין שיינע, האָט זי זיך דערזען אַ פּאַרזעסענע און פאַרוועלקטע, אָן אויסזיכטן אויף אַ פאַמיליען־לעבן. מיט דריי יאָר צוריק האָט זי געקאָנט היראַטן מיט אַ גוי, אַ פראַנצויז, וואָס האָט זי ליב געהאַט און זי געוואָלט נעמען אַזוי ווי זי שטייט און גייט. האָבן אירע עלטערן זיך איינגעעקשנט, אַז זיי ווילן נישט קיין שגץ. איז זי דעמאָלט אַוועק אין אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט מען זי צוגעגרייט צו פאָרן נאָך ישראל, איז ווידער אַ פרישע דראַמע גע־וואָרן אין שטוב און זי האָט געמוזט איבעררייסן מיט דער חברה. איצט איז זי אָן אַ יידישער סביבה און אָן אַ צוקונפט. איר איידל צניעותדיק האַרץ, האָט זיך שטיל רעוואָלטירט פון די געהערטע רייד און זי האָט באַשלאָסן, אַפילו קעגן דעם ווילן פון אירע עלטערן, צו פאָרן אין אַ קיבוץ. — דאָרט אַנערקענט מען אַ פאַר העגט פאַרן שענסטן נדן — האָט זיך אין איר דער באַשלוס פאַרפעסטיקט.

ווען די כלה האָט זיך דערוווסט פונעם געשפּרעך וועגן נדן, האָט זי אַוועקגעחלשט. בערנאַרד (אָדער בעני, ווי זי האָט אים פאַרצויגן), איז ווי־דער אַרויפגעקומען, ווי ער וואָלט פון גאָרנישט געוווסט. די קינדער האָבן פאַרליבט געקוקט אויף זיך. זיך איבערגעוווּנקען פון צייט צו צייט — און די מוטער האָט נישט אויפגעהערט אַריינצווואַרפן אין דער סימפּאַניע פון זייערע פאַרליבטע בליקן, אַ גרילצנדיקן רעפריין:

— מאַך דיר נישט קיין אילוזיעס, כ׳האָב נישט מער ווי דריי מיליאָן, קיין סו נישט מער!

— איידל, ווי אַזוי רעדסטו? — האָט איר דער מאַן שפּעטער פאָרגע־וואָרפן. — אָסור מיר צי דו קענסט מיט אַ מענטש אַ וואָרט רעדן!...

האָט זיך איידל צעוויינט, ווייל איר מוח האָט ווי אַ פּליטע גוט רע־גיסטרירט די ציפער פון אַ פינף מיט זעקס נולן, נאָך וועלכע עס האָט זיך נאָכגעשלעפּט אָן אויטאָ, מיט אַ ווילע, מיט דעם גאַנצן האַק־פּאַק, וואָס האָט באַדאַרפט שליסן די חתונה־טראַנזאַקציע. ווי אַן אָנגעשטעלטע פּליטע, האָט זי דאָס כסדר איבערגעחזרט און ביי דעם מינדסטן פאָרוווּרף פון איר מאַן האָט דאָס איר פאַרקלעמט ביים האַלדז און פאַרשווינדלט די אויגן מיט פייערדיקע נולן...

ער אַליין, חיים, האָט נישט געוואָלט זיך מישן. זאָל עס גיין ווי עס גייט — האָט ער געטראַכט. נאָר די שפּיץ־נאָז האָט זיך ביי אים געריטלט פון כעס און ער האָט נערוועז אונטערגעפּיפן. אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, דאָס וואָס ער האָט נישט געקענט אַרויסשרייען, האָט ער אַרויסגעפּייפט...

— געוואַלד, געוואַלד, — האָט די כלה׳ס מוטער זיך געקלאָגט, — אָפּגעפּראַצעוועט אַ שטיק לעבן פאַר דער טאָכטער, געמיינט כ׳וועל אַ וועלט איינגעמען פאַר דריי מיליאָן פראַנק. מאַכט מען עס גאָר צו קליינגעלט. נאָכמער האָט עס איר ווי געטון וואָס די זעלבע מחותנתטעס, וואָס פאַר־לאַנגען אַזעלכע חוצפּהדיקע נדנים פאַר זייערע זין, וואָלטן אַ טאָכטער גע־וואָלט אַרויספּטרן פאַר גאָרנישט. די פאַרביטערונג האָט זיך גאָרנישט גע־קענט אָפּטון פון איר און זי האָט פשוט געזען, אַז ס׳איז אַן אומגליק צו זיין אַ פרוי.

בערנאַרד האָט אויפגעהערט אַרויפצוקומען, נאָר ליליען האָט אים נאָך טעלעפאָנירט און געשריבן אין געהיים בריוולעך. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויפגעהערט צו ווייזן דעם חתנ׳ס מוטער אינעם שיינהייט־סאַלאָן.

ליליען איז געוואָרן בלאַסער. איז אַרומגעגאַנגען מיט רויטע אויגן און אויסגעצערט פון בענקשאַפט, איז זי גאַנצע טעג געלעגן אויפן בעט, נישט אָנגעטון זיך און נישט געוואָלט עסן.

די מוטער האָט כסדר באַרייכערט איר אויסשטייער און איבערגעלאָזט אַ טרער אויף די ראָזע שלייפן פון דער וועש.

ביסלעכוויז האָט ליליען צוריק באַקומען די גלייכגעוויכט. דער מייד־לעשער אומעט איז צעשוומען, ווי עס צעשווימט אַ וואָלקן אין אַ תמוז־טאָג, ווען אַ זון־שטראַל שניידט דורך אַלע טומאַנען. די עלטערן האָבן זיך דער־שטוינט אָנגעקוקט, ווי איינער ביים אַנדערן וואָלט געוואָלט לייענען די סיבה. דער שטיף־פאָטער האָט אַפילו אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז ער גלויבט דאָס ליליען טרעפט זיך אין געהיים מיטן בחור.

אין אַ מיטן מיטוואָך, נאָכן אָוונט־ברויט, האָט ליליען פּלוצלונג געעפנט די שאַנק מיט די שופלאָדן פון דער קאָמאָדע און אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן איר אויסשטייער. בלאַנקע שטיקער וועש, געהאָפטענע ציכלעך, וועבענע ליילעכער, קאָלירטע שטאָפן זענען געפלויגן פון אירע איידעלע הענט. מיט יעדן וואַרף פון אַ שטיק קאָלירט זיידנס, האָט זיך געדאַכט, אַז זי פאַרציט רעגנבויגנס אין שטוב. די עלטערן האָבן זיך ערנסט דערשראָקן. דער פאָטער האָט אַ פאַרצווייפלטן פייף געטאָן און די מוטער האָט אַרומגעכאַפּט די טאָכ־טער אַ פאַרציטערטע און מיט פאַרצויגענע נעמען גערופן: „מאַמעלעבן, ליליענשי!“ זי צוגעהאַלטן און דורך טרערן גערעדט: „וואָס איז מיט דיר, פאַרוואָס טוסטו דאָס?“

— איך פאָר אַוועק קיין ישראל. איך וועל דאָרט צעטיילן מיין אויס־שטייער — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ טרוקן קול, וואָס האָט אומהיימלעך אָפּגעשלאָגן איבערן צימער. — ראַכעל פאָרט אויך, מיר פאָרן צוזאַמען.

דאָרט אין ישראל דאַרף מען נישט קיין נדבים... איך וועל אַרבעטן אין אַ קיבוץ. די יונגעלייט האָבן דאָ צערייצטע געלט־אַפּעטיטן, זיי עקלען מיך! — האָט ליליען מיט אַן אַקצענט פון באַשלוס גערעדט.

אין שטוב איז געווען שטיל, ווי ס׳וואָלט דאָ אַ טייערע כלי צעבראָכן געוואָרן מיט איין בראַזג. אַ ווײַלע זענען אַלע געבליבן ווי פאַרשטיינערט. באַלד האָט די מוטער אַרויסגעוויינט אויפן קול: — זע נאַר, וואָס מען מאַכט פון צען יאָר האָרעוואַניע.

דער דאָזיקער באַשלוס ביי ליליען איז נישט געקומען פון דער העלער הויט. ליליען איז דורך איר חברטע ראַכעל אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיך אַריינגעוואָקסן אין דער נייער סביבה מיט אַ נייער ליבע, וואָס איז גרייט געווען אויף קרבנות.

פלוצלונג האָט אַ קלונג געטון אין טיר. דער פאָטער איז אַוועק עפענען און אויסגערופן מיט פאַרווונדערונג, ווי צו אַ גאַסט: — אַ־אַ־אַ, בערנאַרד, וואָס טוסטו דאָ?!

ליליען דערהערנדיק דעם נאָמען, איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות. די שטור־ביקע האָבן זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן מיט דער פאַרחלשטער און אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר.

ווען ליליען האָט געעפנט די אויגן, האָט זי געזען דעם דאָקטאָר ביי איר בעט. ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן באַנעמען די סיבה פון איר אַוועק־פאַלן. ביים טיש איז געזעסן אַ מאַן, אָבער נישט איר בעני, ווי זי האָט געמיינט, נאַר אירס אַ קוזין, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען וואָס דער ברוגזער חתן.

די מוטער איז געשטאַנען אָפּהענטיק. געקוקט אויף דער טאָכטער און אויף דעם באַרג אָנגעוואָרפענע זאַכן. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ בייזער חלום. די קאָלירטע שטאָפן האָבן אויפגעשפילט אין אויג, ווי פאַרביקע בלומען, און געמילדערט אויף אַ האָרעלע דעם אויפשטויס פון צער. אָבער גלייכצייטיק האָט די שטוב איר אויסגעזען, ווי אַ גרויס אויפ־געגראָבן קבר, וווּ מען גייט אַריינלייגן אירע צען יאָר שווערע פּראַצע.

הויז־חיות

מיין פראַנצויזישע שכנה יאָלאַנדאַ איז אַ צאַרטע און אַ רירעוודיקע, ווי אַ ספּרוזשינע. אַפילו דער שראַם אויף דער רעכטער זייט פון איר פּנים, אַן אַלטע וווּנד פון אַ הינטישן ביס, וואָס זי האָט באַקומען אַלס קינד, טיילט זיך אויס ווי אַ באַזונדערער חן פון איר צעשמייכלט געזיכט און גוטע אויגן, וואָס אַנטפּלעקן לעבנסלוסט און גלייכגעוויכט.

מיין וועקזייגער האָט זיך די נאַכט אָפּגעשטעלט און ס׳איז געווען, ווי די שטילקייט וואָלט מיך איבערגעוועקט. איך האָב מיך דערפילט ווי אַ פאַרלוירענע, אָן דער אָנונג פון צייט. נאַכט־שאָטנס האָבן ציטערדיק געשפּינט אויף די ווענט און געאַרבעט אָן צייט־חשבון. איך האָב מיך קאָנצענטרירט אינערלעך און אויסערלעך אויף צו ווערן בלויז געהער, כדי אויפצוכאַפּן דעם קלאַנג פון קירכן־זייגער. פּלוצלינג איז געפאַלן אין דער נאַכט אַריין איין קלונג און ס׳איז שטיל געוואָרן, ווידער בין איך געווען אין פאַרלעגנהייט. עס איז שוין נישט געווען אויסצומיידן, נישט צו הערן די דריי „איינסלעך״: האַלב איינס, איינס און האַלב צוויי, וועלכע רופן ביי מיר שטענדיק אַרויס אַ פּיינלעכע דערמאָנונג פון אַ שפּיטאָל־אַנשטאַלט.

ווי נאָר דער ערשטער פויגל, ווי אַ שליח פון טאָג, האָט אַריינגעטרילט אין דער גרין־בלויער ראַזיקייט, בין איך איינגעשלאָפן. ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט בין איך גלייך אַרויס אין גאָרטן, ווי אַ פּאַרשפּעטיקטע, און אַ קוק געגעבן אויפן לאָדן פון יאָלאַנדאַס שלאָפצימער. עס מוז נאָך זיין פרי — האָב איך געטראַכט — יאָלאַנדאַ שלאָפט נאָך. אַ סימן — די קאַץ איז נאָך געלעגן רואיק אויסגעצויגן אויפן פוסטרעט פאַר דער טיר מיטן עק פאַרדרייט אין אַ פרעג־צייכן.

טויבן האָבן געוואָרקעט דורך די דראָטן פון זייער שטייג, און דורך דעם צעריסענעם שטיקל פאַרקן האָבן זיך געזען די צוויי הינער־מאַמעס שטאַרק פאַרנומען מיטן גראָבן אין מיסט. אַ קוואַקען ווי אַ טראַלאַלאַלאַ פון דער מוטערלעכער הינער־שפּראַך, האָט אַנגעפילט די שטילקייט פון

פּרימאָרגן. דאָס האָט איינע אַזוי געדופן די צווייטאָגיקע קורטשאַקלעך און זיי געלערנט זיך זוכן חיונה. אַ הינדעלע, גרויס ווי אַן איי און מיט אַ פּאָר־קלעפּט געל פליגעלע, סימנים פון געבורט, מיט נייגעריקע אויגעלעך ווי די קערנדלעך, איז געלאָפן פלינק מאַכן אַ באַזוך אין דער הינערוועלט. עס האָט אַ פּיק געטאָן אין אַ שטויב און אַרונטער אונטער דער מאַמעס פליגל.

די קרוליכע האָט נאָך נעכטן מיט פאַרזאָרגטער מוטערשאַפט זיך אויס־געריסן גאַנצע קלימפּערס פּוך פון איר פעל און צוגעגרייט אַ געלעגער פאַר די נייע קרוליקלעך. איצט האָט זי מיט ערנסטער אָנגעלאָדנקייט גע־צויגן דאָס שנעבעלע און געוואַרט...

אַ פייגעלע, אַ מבין אויף דער פיינפילעוודיקייט פון יאָלאַנדאַ, האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אינעם ברייוקעסטל פון איר טויער, אויסגע־מייסטרעוועט אַ גרויסאַרטיקע נעסט. דער פּאָסטטרעגער, וואָס איז גלייך אַלאַרמירט געוואָרן צו לייגן די פּאָסט אונטערן טויער, האָט פאַרגעסן און אַריינגעוואָרפן דאָרט אַ בריוו... גלייך איז די נעסט איבערגעטראָגן געוואָרן אויפן דעכל פון דער הינערשטייג און עס פּישטשען שוין אַרויס פון דאָרט פרישע לעבנס.

צוויי פאַרבלאָנדזשעטע הינט האָבן געפלירטעוועט אינעם שטילן געסל... די זי האָט קאָקעטירט מיט אַ דריי מיטן עקל אויף „ניין". דריי מאָל מאַנירלעך אָפּגעשפּרונגען — און דאָך...

איך האָב אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק און זיך אַרומגעדרייט אין גאָרטן. קינדער־וועש, ווי ווייסע טייבעלעך, האָט זיך געוויגט אויף אַ דראָט; געוויגט זיך אין דער אומזעעוודיקער לופטהוידע פון דער לייכטווינטיקער טאָג־פרישקייט און פון דער זאַטער, וועגעטאַרער פּיטאָרעסקע האָט זיך דערהערט אַ לאַנג־דערוואַרטער קלאַפּ פון צעעפנטן לאָדן. איך בין אונטער־געגאַנגען צום פענצטער. יאָלאַנדאַ האָט מיך באַגריסט מיטן גאַנצן מויל:

— נענעט איז אַ מוטער, איך האָב דריי קליינע הינטעלעך... אוף! איך בין שוין צופרידן דאָס צו האָבן איבערגעקומען.

— איר האָט בייגעוווינט די געבורט? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס רעדט איר, מאַדאַם, בלויז בייגעוווינט? איך האָב זיי דאָך ביי איר אָפּגענומען. דערפאַר שטיי איך אויף אַזוי שפּעט. כ'בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן... זי האָט די לעצטע ווערטער פאַרענדיקט מיט אַ גענעץ, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויפן אָפענעם מויל.

— ווי שפּעט איז? — האָב איך געפרעגט אומגעדולדיק.

— נאָך צען. קומט אַריין זען מיינע קליינע קינדערלעך! און זי האָט אַרויסגעשמייכלט דורכן פענצטער מיט אַזאַ הנאה, גלייך די קינדערלעך וואָלטן געווען איר אייגן בלוט און פלייש.

איך בין אַריין צו מיר אין שטוב, אָנגעשטעלט דעם זייגער און ווי באַצוווּנגען פון דער נייגעריקייט צו זען דעם נייעם הינטישן דור, בין איך גלייך אַריין צו יאָלאַנדאַן. די קאַץ ביי דער טיר האָט אָפּגעטרייסלט די לעצטע סימנים פון שלאָף און מיך אַריינבאַגלייט. דאָס קאָנאַריקל, וואָס איז שוין אַוודאי לאַנג וואָך געווען צו עבודת הבורא, האָט קאָקעטירט מיט די פליגעלעך און געצויגן מיין אויפמערק אויף זיין זינגען און טאַנצן. פּאַפּי, די קאַץ, האָט אַפּעטיטלעך אַ קוק געגעבן אויפן טישל ביים קליינעם פענצ־טערל, ווו עס איז געשטאַנען די שטייג מיטן שפּיל־פייגעלע און אַ רייב געגעבן זיין פּיסקל ביי יאָלאַנדעס פיענטע...

— קוקט נישט אויף דער אומאָרדענונג, האָט יאָלאַנדאַ זיך געבעטן אַ האַלב פאַרשלאָפענע, אַוועקשטעלנדיק דעם סלוי פּוטער פון טיש אויפן פענצטער, גלייך דאָס וואָלט געווען דאָס וויכטיקסטע פון דעם גאַנצן אָנגע־שטעלטן געפּעס.

דריי פּרעכטיקע הינטעלעך האָבן זיך געפּאַלעוועט אין אַ קעסטל, איינס איבער דאָס אַנדערע, אונטער דער מוטערס בויך. דערזעענדיק מיך איז נענעט אַרויס פון קעסטל־בעט און רעאַגירט פריידיק אויף מיין באַזוך, באַוועגנדיק מיטן עק. צו דעם וואַרעמען אויסבליק פון די הינטישע מאַמע־אויגן, האָבן זיך געהערט דריי פריינדלעכע בילן: „קום זען מיינע קינדער!"

יאָלאַנדאַ האָט מיט פאַרקלענערטע אויסרופן מיר פאָרגעשטעלט די הינ־טעלעך, איינס נאָך דעם אַנדערן; און צו דער קאַץ האָט זי מיט שימחה אויסגערופן: „פּאַפּי!" און אים אַנטקעגן געטראָגן אַ הינטעלע, ווי מען טראָגט אַנטקעגן אַ ניי־געבוירן קינד צו ווייזן אַ פאַמיליע־מיטגליד:

— פּאַפּי, זע נאָר, די פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט.

נאָר דער שוואַרץ־ווייסער צעפּיעשטשעטער קאָטער האָט אַ בייזן סיקע געגעבן אויפן אָנבליק פון דער פרישער חיה און איז אַנטלאָפן.

נענעט האָט געוואַשן און געטוליעט די ניי־געבוירענע הינטלעך צו אירע מילך־וואָרצלען. יאָלאַנדאַ האָט זי זאָרגעוודיק געפלעגט מיט קרעפּ־טיקער מילך.

— נעכטן אָוונט איז נענעט מיר נאָכגעגאַנגען מיט אַ בעטנדיקן בליק, האָט יאָלאַנדאַ אָנגעהויבן דערציילן דעם פאַרלויף פון געבורט. און ווי נאָר כ'האָב אָנגעהויבן באַמערקן סימנים פון געבורט, האָב איך איר גענומען מאַסירן דעם בויך און איר אָפּגעהיט ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב אָבער פאַרלוירן מיין געדולד און זיך צוגעלייגט. אַרום פינף אַזייגער בין איך ווידער געגאַנגען זען ווי עס האַלט, און שטעלט אייך פאָר, אַז מיין אָרעמע נענעט האָט געהאַט דערשטיקט איין הינטעלע. זי האָט געוואַרט אויף מיין הילף... איך האָב ווידער גענומען מאַסירן איר בויך און איר געהאָלפן

געבוירן די דריי לעבעדיקע הינטעלעך. איך זאָג איר, מאַדאַם, — האָט זי מיט אַנטציקונג אויסגערופן, — ס'איז פּרעכטיק! און דערביי אַ קאָפּ געטאָן נענעטן און געקושט זי מיט אַ מאַמעשער ליבשאַפט.

— אַזאַ מוטיקע מאַמע — האָט זי געלויבט דאָס הינטל — קיין איין קרעכץ האָט זי נישט געגעבן. זי איז ווערט געווען אַ שוואַרצע קאַפּע...

— פאַרוואָס אַ שוואַרצע קאַפּע? — האָב איך דערשטוינט געפרעגט.

— איך זאָג איר — האָט זי מיט באַגייסטערונג אויסגערופן — ס'איז ווערט געווען די מי. ווי קלוג זי האָט מיך געבעטן אַ טרונק; זי האָט מיך אָנגעקוקט און געהעשעט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג און געציטערט... פּונקט ווי אַ פרוי, פּונקט ווי אַ מענטש, האָט זי ערנסט געזאָגט. — נאָך דער שוואַרצער קאַפּע האָב איך איר וואַרעם איינגעדעקט און זי איז גליקלעך איינגעשלאָפן!...

— זעט נאָר, די קאַץ עסט די פּוטער — האָב איך, אַ פּאַטש טוענדיק מיט די הענט אויסגערופן. אָבער ווי געפּלעפּט בין איך שטיין געבליבן, ווען יאָלאַנדאַ האָט רואיק אַפּערגענומען דעם סלוי פּוטער פון אונטער דער קאַצס נאַשער־צינגל. זי האָט דורכן פענצטער גענומען די קאַץ אויף די הענט און איר דערפאַר אַ געשמאַקן קוש געגעבן אין דער וואַנצע...

איך האָב מיך פּשוט אינערלעך פאַרשעמט פאַר מיין מאָדנע פרעמד־קייט־געפיל צו שטוב־חיות. איך האָב זיך דערמאָנט, ווען יאָלאַנדאַ האָט אַמאָל געפונען אַ טויטע פעלדמויז, האָט זי דאָס חיהלע באַהויכט מיט איר ליבלעכן אָטעם אַזוי נאָנט פון איר געזיכט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט — אָט, אָט און זי גיט אַ קוש דער מויז... ווען איך האָב זי אָנגעקוקט מיט פאַר־וווּנדערונג און מיט אַ גרימאַסע, האָט זי מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ירושה־סענטימענט — איר זיידע איז געווען אַזאַ צער־בעלי־חיימניק, אַז ער פלעגט אַזש נערן די שטוב־מייז...

ווער עס וועט אָנשרייען אויף אַ קעצל אָדער הינטל, וואָס שלעפּט אָן דעם רעגן אין שטוב, יאָלאַנדאַ אָבער שמייכלט ליב צו די בלאָטע־בלימלעך, וואָס דאָס חיהלע שטעמפּלט אָפּ אויפן דיל...

דער קאָטער פּאַפּי, וואָס איז אויפגעכאָוועט געוואָרן צוזאַמען מיטן הונט, געגעסן פון איין שיסל, געקושט און געשלאָגן זיך אויס ליבשאַפט, האָט איצט צוליב אייפערזוכט, צוליב די צוגעקומענע חיות, נישט אַריינ־געשמעקט אין קיך און אַריינגעכאַפּט די מאַלצייטן אונטערן פענצטער.

אַ צווייטער שכנהס קאַץ מיטן נאָמען פריזעט, פונעם טיפּ אַנגאָראַ, אַ פּאַריזערין, מיט אַלע מאַניערן פון דער גרויסער שטאָט, פלעגט קומען אויפן דאָרף מיט אירע באַלעבאַטים, נאָר אויף צו טוישן די לופט, שבת און זונטיק.

איצט אַ טראַגעדיקע, אויף דער צייט, האָט זי אַזאַ גוואַלדיקן אַפּעטיט און עסט ביי אַלע שכנים.

— מיאו, מיאו! רופט זי צו דער גוטהאַרציקייט פון יאָלאַנדאַ.

נענעט האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אירע הינטלעך און מיט אַ העפטיקן בילן פּראָטעסטירט אויף פריזעטס דערשיינען. אָפּגעבילט און אַריין אינעם קעסטל באַשיצן מיט איר לייב די הינטלעך.

— קליין מאַמעלע, נענעטל — האָט יאָלאַנדאַ דין אויסגערופן — האָב נישט מורא, מען וועט דיר נישט צונעמען דיינע קינדערלעך. זי איז אַ שפּרינגענדיקע פאַרשווונדן אין קעלער און אונטערגעטראָגן פאַר דער פרעמדער קאַץ אַ שטיק לונג.

עס איז געווען אַ שיינער וועטער. די הינטלעך האָבן זיך געלערנט גיין אין גאָרטן; געלאָפן און געפאַלן, געמאַכט קאָזשעלקעס איינס אויף דאָס אַנדערע און אַריין אין דער ערשטער פאַזע פון דערקענען גוטס און שלעכטס וואָס די וועלט פאַרמאָגט אין זיך. זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון זייער לעבן, וואָס זיי זענען הינטלעך און נישט עפּעס אַנדערש, און דאָס אויסגעדריקט אין אַ פּישטשען, וואָס איז שוין ענלעך געווען צו אַ בילן...

די פאַריזער קאַץ פריזעט האָט געהאָט פיר קעצלעך. די צוויי פון פרי־ווילעגירטן מין האָט מען געלאָזט ביים לעבן. די „זיען" האָט מען אומגע־בראַכט. פון צייט, וואָס עס פעלן איר צוויי קעצלעך קוקט פריזעט צאָרנדיק אויף יעדן, וואָס דערנענטערט זיך צו איר. די צוויי ציטערדיקע קעצלעך האַלט זי אַרומגענומען מיט אירע לאַפּקעס און טוליעט זיי צו זיך מיט אַזאַ ליבשאַפט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט צוריק אין זיך אַריינגענעמען, כדי בעסער זיי צו באַשיצן... זי איז אַ מוסטער פון אַ מאַמע. אַ גאַנצן טאָג פּוצט זי די קינדערלעך מיט איר שאַרפן צינגל.

צוליב עפּעס געפינט זי זיך נישט באַקוועם מיט די קינדער אויף דעם געלעגער און האָט שוין פאַרטראַכט אַ פּלאַן. יאָלאַנדאַ נערט אַ גאַנצע וואָך די קינדער, ביז אירע שכנים קומען, האַלט דעם שליסל פון זייער גאָרטן און ס'איז אויך אויף דער קאַצן־פאַמיליע. נאָר ווען יאָלאַנדאַ זעט נישט טראָגט פריזעט אַריין אויף דעם אויסגעשפּירטן פּלאַץ אַ קעצל אין שאַנק אַריין... זי וואַרפט אויף אים אַרויף אַ שטיקל שטאָף, וואָס ליגט איר אונטער דער לאַפּקע, און לויפט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איבערציען ס'צווייטע קינד... אָבער דאָ טרעפט זי יאָלאַנדאַ אויף די טרעפּ פון איר צימער און פאַרהאַלט זי. מילא, נישט געלונגען דאָס מאָל; אָבער פריזעט איז נישט אַנטמוטיקט. זי פּרווט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אָבער קיין איין מאָל געלינגט נישט דער אָרעמער קאַץ איבערצופירןביידע קעצלעך. אָט כאַפּט מען זי אין שאַנק פאָרען זיך אַרום איינס, און אָט כאַפּט מען זי טראָגנדיק דאָס צווייטע.

נאָך מיטאָג. יאָלאַנדאַ רופט איר קינד צו לייגן אים שלאָפן. אין גאָרטן איז שטיל. אַ דרימלדיקע אומבאַוועגלעכקייט ליגט איינגעראָמט אין גרינס. ערגעץ ווו ענדיקט אַ פויגל זיין שטילן, אויסגעצויגענעם טריל, ווי אַ מאַמע דעם ניגון ביים איינגעשלאָפענעם קינד. פלוצלינג הער איך מען רופט מיך. עס איז יאָלאַנדאַס דינע שטימעלע.

— קומט — זאָגט זי — קומט שנעל, וועט איר זען אַ בילד.

די נייגעריקייט טרייבט מיך טאַקע אונטער און איך זע „דאָס בילד״. פּריזעט ליגט מיטביידע קעצלעך אין אַלאַנס קינדער־בעטעלע און מרוקעט צופרידן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. יאָלאַנדאַ שטייט איבערן בעטעלע און רעדט צו דער קאַץ, ווי צו אַ קינד, נאָר די קאַץ „הערט זי ווי דעם קאַטער״ און ציט ווייטער דעם מרומרו פון קעצישן ניגון.

— אָרעמע פּריזעט — האָט יאָלאַנדאַ מיט מיטגעפיל געזאָגט און מטריח געווען די מאַמע־קאַץ פון איר קינדס בעטעלע. זי האָט גענומען איין קעצעלע און איך דאָס צווייטע און מיר זענען אַוועק אַריינלייגן די קעצלעך אין זייער קעסטל. ביים טויער האָט יאָלאַנדאַ אַוועקגעלייגט איין חיהלע אויף דער ערד און באַפוילן דער נאָכלויפנדיקער מאַמען עס אויפהויבן. פּריזעט האָט אַ כאַפּ געגעבן דאָס קעצל אין פּיסקל און — גענומען די ריכטונג פון קינדער־בעטעלע...

יאָלאַנדאַ האָט זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון פּריזעט. זי האָט אַכטונג געגעבן, אַז די טירן וואָס פירן אין שלאָפצימער זאָלן זיין פאַרמאַכט און דער איינפאַל האָט זי אַ ביסל באַרואיקט. פּריזעט איז אָבער אַ גוטע „סטראַטעגין״ און פאַר אירע קינדער וועט זי זיך מקריב זיין. זי שפּירט אויס אַלע וועגן און שפּרינגט מיט אַ קעצל דורכן פענצטער און פאַרכאַפּט די נעכטיקע פּאָזיציע...

אויף צו מאָרגנס פרי, ווען יאָלאַנדאַ האָט געעפנט די טיר פון קיך, האָט איר אַרומגענומען אַ וואַרעמקייט פון אַנטציקונג און זי איז געבליבן שטיין אומבאַהאָלפן. פּריזעט האָט איר אָפּגעוואַרט מיט ביידע קעצלעך פאַר דער טיר... נאָר יאָלאַנדאַ, וואָס קאָן אַזוי גוט די נשמה פון אַ חיה, האָט דייטלעך געהערט אין דעם מיאוקען: „דו מוזט מיך אַדאָפּטירן״.

יאָלאַנדאַס ייִנגעלע אַלאַן האָט זיך געשפּילט מיט פּאַפּי דעם קאָטער. ער האָט אים געקניפּן, געריסן ביים עק, אים געשלעפּט פאַרן האַלדז — און דער קאָטער האָט דאָס געדולדיק איבערגעטראָגן און אַפילו קיין בייזע מינע נישט געמאַכט. נאָר אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט פאַרנעמען די פּייניקונגען, האָט ער זיך פלינק אַרויסגעדרייט, זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ רויזנקוסט און מיט אַן אויפגעשפּיצטן רוקן אָבגערווירט די שפּילנדיקע הינטלעך.

אַנדרע, יאָלאַנדאַס מאַן, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ קאָסע אויפן הויכן גראָז, אַ פאַרטראַכטער אין דער גרינקייט פון אַרום און אין דער שוואַרץ־וואַלדיקייט פון זיין באַהאָרטן קערפּער. אַ פרעמדער הונט האָט צופעליק באַמערקט אַן אַנדערן און ס'איז אַוודאי געווען צום ערשטן מאָל אין זיין הינטישער עקזיסטענץ, וואָס ער האָט באַגעגנט אַ צוויי־פיסיקן מיט אַזאַ פעל ווי זיינע אויף זיך... ווער ווייסט וואָס דעם הונט איז אין דעם מאָמענט איינגעפאַלן? לויט דעם „ויברח“ האָט מען זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די דערקענטעניש איז פאַרן הונט נישט געווען קלאָר. פון אַזאַ גרויס אַ הונט האָט ער נאָך מסתם קיין מאָל נישט געזען...

אַנדרע האָט זיך צעלאַכט און אַ קראַץ געטאָן זיך אין קאָפּ. מען האָט געזען, אַז עס גלוסט אים אַזוי צו אַרבעטן, ווי עס גלוסט אַ קאַץ צו שטיין אונטער אַ רעגן, ער האָט פאַררויִכערט און זיך אַוועקגעשטעלט ביים ראַנד פון פלאַץ. פלוצלינג האָט ער מיט אַ דעצידירטער באַוועגונג אָנגעהויבן שניידן דאָס לאַנגע, בויגעוודיקע גראָז. בינטלעך גרינע כוואַליעס האָבן זיך גענומען פאַרציען ווי רעגן־בויגנס. זיין אומגעהויערער שאָטן איז געשטאַנען נעבן אים און מיט אַן ערנסטקייט, ווי פון אַ געדונגענעם קנעכט, אים נאָכגעשפּעט און אַטאַקירט די ליידיקייט... זיין רעגלמעסיקער בויג איבער דער קאָסע האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער רעפּעטירט אַ ריטמישן טאַנץ. פלוצלינג האָט ער זיך אויסגעגלייכט און זיך איינגעהערט אין דער טומלדיקער שטימע פון זיין מוטער, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום הייזל.

— יאָלאַנדאַ, יאָלאַנדאַ — האָט זיך געהערט דאָס קוויטשנדיקע שטימעלע פון מאַדאַם בלאַנש — קום נאָר זען וואָס עס האָט מיך געטראָפן.

אין איין אויגנבליק שפּעטער איז יאָלאַנדאַ צוריקגעלאָפן פון וועלדל, פון דער מוטערס הויז, האַלטנדיק אַ שטייג מיט אַ קליין פייגעלע.

— זע נאָר, אַנדרע — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן איר מאַן, וואָס איז אַ דערשראָקענער זיי אַנטקעגן געלאָפן.

— אַ רויבפויגל האָט די נאַכט געגנבעט דריי פייגעלעך פון דער שטייג, און זע נאָר אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דאָס לעצטע איז... האָט זי גערעדט צעהיצט.

— אָלאַלאַ! — האָט דער גערטנער פאַרזאָרגט אויסגערופן און גענומען באַטראַכטן דאָס פאַרוווּנדעטע פייגעלע.

יאָלאַנדאַ האָט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרצווייפלען. זי איז שנעל פאַרשוווּנדן מיטן לעצטן פייגעלע אין דער קיך אַריין, גענומען אָפּוואַשן די ווונד מיט עטער און אָנגעשמירט דאָס צעריסענע העלדזל מיט יאָד. נאָך דעם האָט זי עס אָנגעקאָרמעט, נעמענדיק אויף אַ פינגער טראָפּעלעך וואַסער און ווי פון אַ טראָפּן־מעסטער אַריינגעטראָפּט אין זיין שנעבעלע.

— אוי, וואָס פאַר אַן אומגליק! — האָט זי כסדר איבערגעחזרט. — אַזעלכע באַטעמטע פייגעלעך... און די סירענע, אַזאַ טייערע קינדלערין! מען וועט מוזן איצט אַריינלאָזן צו מאַמאַ בלאַנש די קאַץ. פּאַפּי איז אַ גוטער יעגער, ער וועט שוין פאַרטרייבן די רויבער!

די „מאַמאַ בלאַנש" איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט און גע־פליעסקעט מיטן צינגל, ווי אַ פּאַפּוגײַ. פלוצלינג האָט מאַדאַם בלאַנש אַ בליק געוואָרפן אויף יאָלאַנדאַס שטייגל און ווי נישט מיט איר קול אויס־געשריגן: „ווו איז דיין קאַנאַריקל?"

יאָלאַנדאַ האָט אַ צעשראָקענע אַ קוק געגעבן אין דער זייט פון קאַנאַ־ריקל — די שטייג איז געווען ליידיק.

— וואָס איז געשען, ווו איז מיין שפּיל־פייגעלע? — איז זי אַרומגע־לאָפן און זיך געטומלט ווי אַ פאַרסמטע. אַן אַלטער פאַרדאַכט האָט איר פלוצלונג אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ...

— פּאַפּי, פּאַפּי, — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע געשריגן. נאָר דער קאָטער איז נישט געקומען.

אין אַ זייט ביים פּאַרקן, נעבן אַ קוסט פון ווילדע רויזן, האָט פּאַפּי שוין געהאַט געזעטיקט זיין נקמה־געפיל, צוליב די פריש־צוגעקומענע חיות, און זיך געשפּילט מיט זיין קרבן...

ווער איז ער?

אין אַן אָפּגעלאָזענעם הילוך, דאָס פּנים ווילד באַוואַקסן, פאַרשטויבט פון קאָפּ ביז פיס, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ מענטש אין יידישן קוואַרטאַל אין פּאַריז. דאָס איינציקע וואָס מען האָט געוווּסט וועגן אים, אַז זיין משפּחה איז אומגעקומען אין קריג און אַז ער האָט פאַרלוירן דעם געדאַנק אין דעפּאָרטאַציע.

זיין איינציקער און לעצטער געמיט־צושטאַנד איז באַשטאַנען אין אַ כוח, וואָס האָט אים געטריבן צו גיין און צו גיין. ער איז אויסגעגאַנגען צענדליקער קילאָמעטער אַ טאָג. אויף דער פלאַך פון זיין זכרון האָט זיך אַרומגעדרייט דער נאָמען „זיסל". דאָס האָט אים דעם גאַנצן טאָג באַגלייט אין זיינע אומענדלעכע שפּאַצירן.

פרוי זיסל ווייצנבערגס מאַן איז נישט צוריקגעקומען פון דעפּאָרטאַ־ציע. זי איז שטענדיק אַדורכגעגאַנגען די יידישע גאַס מיט אַ האַרצקלאַפּ. זי האָט מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט דעם מרה שחורהדיקן מענטשן מיטן געלבלעך־באַוואַקסענעם פּנים. ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקע ענ־לעכקייט צו איר אומגעקומענעם בערל, אַז עס האָט איר אַזש ביים האַרצן פאַרקלעמט. טיילמאָל האָט עס אין איר אַרויסגערופן אַ חשד, אַז דאָס איז טאַקע איר מאַן. זי האָט שוין טויזנט מאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך, זי זאָל צוגיין צו אים, און מיט אים רעדן. זי קען אָבער דאָס ביי זיך נישט פועלן, זי ליגט עס כסדר אָפּ אויף אַ צווייט מאָל. לאַנגזאַם האָט זיך איר חשד פאַר־וואַנדלט אין אַ קרענקלעכער נייגעריקייט, גענאָגט איר מאַרך, ביז זי האָט באַשלאָסן צוגיין צו אים און פרווון עפּעס דערגיין. זי איז אַוועק אין יידישן קוואַרטאַל אַ דעצידירטע צו דערגיין דעם סוד פון דעם שווייגנדיקן וואַנ־דערער, וואָס צו אים האָט זי געפילט אַ געהיימע שייכות. זי האָט אים אַרומ־געזוכט, אָבער דאָס מאָל איז איר נישט געלונגען אים צו געפינען. זי איז אַהיימגעקומען מיט טרערן אין די אויגן. מער האָט זי נישט געקענט האַלטן

אין זיך דעם ווייטיקלעכן סוד, און זי האָט זיך פאַרטרויט איר שוועסטער, אויך אַ מלחמה־אַלמנה, וואָס האָט ביי איר געוווינט.

— הערסט, פריידקע — האָט זי מיט איינמאָל אַרויסגעפּלאַצט — איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, ווער דער משוגענער איז; דער סוד, וואָס באַהאַלט זיך אין זיין כסדרדיקן איינציקן וואָרט „זיסל״! איז דאָס נישט אַמאָל מיין בערל? ווי מיינסטו? דו זעסט נישט אין אים אַן ענלעכקייט? עס פלאָגט מיך לעצטנס דער געדאַנק, אַז ער איז עס; איך האָב אויפן געוויסן וואָס איך האָב זיך נישט אינטערעסירט מיט אים ביז איצט.

— וואָס פאַר אַן איינפאַל, זיסל! — האָט פריידקע אויסגערופן צעטומלט פון איר שוועסטערס משונהדיקע רייד.

— יאָ, יאָ, פריידקע, הלוואי וואָלט עס אמת געווען, און אפשר איז עס אמת, ווער קען וויסן? איך ווייס נאָר איינס, אַז יעדעס מאָל ווען איך זע אים, ווערן מיר פאַר שרעק אונטערגעהאַקט הענט און פיס. ער האַלט אין איין רופן „זיסל״... מע זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער — האָט די פרוי ווייצנבערג, מיט טרערן אין די אויגן גערעדט.

— וואָס רעדסטו, וואָס פאַר אַ איינפאַלן האָסטו? — האָט פריידקע זי אָנגעקוקט דערשראָקן.

—וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, פריידקע? כ׳בין ביי די קלאָרע געדאַנקען. אַ קאַליקע, אַ קריפּל אפילו אָן הענט און פיס, וואָלט איך דאָך באַשטאַנען מיין בערלען צוריק צו זען. ווען איך קען אויף אים בלויז קוקן, וואָלט מיר שוין לייכטער געווען מיין לעבן.

פריידקע האָט מיט אַ פאַרוואורף צוגעוואָרפן דער שוועסטער:

— דו וואָלסט זיך בעסער אַ ביסל צורעכט געמאַכט; דער שוועסטערקינד דאַרף אַרויפקומען. כ׳זאָל מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר, ווי אַ ווילער מענטש ער איז: אַז ער דרייט זיך אַזוי אַרום ביי אונדז, האָט ער דאָך עפּעס אַ מיין דערביי. גלויב מיר, עס וואָלט געווען אַ גליק פאַר דיר.

די שוועסטער האָט אָפּגעענטפערט:

— מיין מאַן איז זיכער דער, וואָס דרייט זיך אַרום אין די גאַסן. איך וויל אים אַריינבעמען אין שטוב אַריין, געבן אים צו עסן און טרינקען; כ׳וועל אַרום אים אַרומגיין ווי אַרום אַ קינד, און איך בין זיכער, אַז אין עטלעכע וואָכן וועט ער צוריק ווערן נאָרמאַל.

אין זיסלס טאָן איז געלעגן אַזאַ זיכערקייט, אַז פריידקע איז געבליבן ווי פאַרגליווערט און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. דער שוועסטערס רייד זענען איר אַריין אין קאָפּ און זיך צעלייגט דאָרט ווי פּיאַווקעס, וואָס האָבן זי נישט צורו געלאָזט, דערצו נאָך, אַז זי אַליין האָט אויך געזען אין דעם מענטשן עפּעס אַן ענלעכקייט צו איר שוואָגער בערל.

דער שוועסטערקינד לייב קאָרן איז אַרויפגעקומען אָפט, ער איז וואָס אַמאָל געוואָרן היימישער. די שכנים האָבן שוין געוווּסט צו דערציילן, אַז די גאַנצע משפּחה מיטן שוועסטערקינד גרייטן זיך צו פאָרן קיין ארץ ישראל, נאָר מיט וועלכער שוועסטער ער וועט חתונה האָבן, דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט, נאָר יעדער האָט געפּרוּווט צו טרעפן...

און שטוב איז מען געווען ערנסט באַאומרואיקט וועגן זיסלען... אַזוי זיך איינשפּאַרן, אַז איר מאַן דרייט זיך אַרום אויף דער גאַס.

איינמאָל האָט זיך פריידקע דעצידירט אויף אַזאַ געוואַגטקייט — זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון איר שוועסטערס וווינונג מיט אַ ווילד־באַוואַקסענעם מאַן. דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז די פרוי ווייצנבערג האָט פון גרויס שרעק אָנגעהויבן ספּאַזמירן. צווישן די קינדער איז געוואָרן אַ טומל, חיים האָט געדראָט אַוועקצוגיין פון שטוב, און די פּופּצניעריקע סאַראַ האָט ביטער געוויינט. ביי דעם גאַנצן גערודער האָט דער אומבאַקאַנטער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד אין אַ ווינקל און געציטערט ווי פיש. זיסל האָט זיך די ערשטע באַרויִקט. זי האָט דערקלערט די קינדער, אַז מען וועט דעם מענטשן האַלטן עטלעכע טעג אין שטוב ביז מען וועט אים אויספאָרשן. חיים אַליין האָט אויך אָנגעהויבן באַמערקן ביי דעם פרעמדן אַ וווּנדערלעכע ענלעכקייט צום פאָטער, האָט ער אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן.

אין שטוב האָבן אַלע זיך אָנגעהויבן באַציִען מיט דרך־ארץ צום שווייגנדיקן מאַן, וואָס האָט פון צייט צו צייט איבערגעחזרט דעם נאָמען „זיסל“, ווי ער וואָלט זיך עס באַמיט נישט צו פאַרגעסן. מען האָט פון אים גאָרנישט נישט געקענט דערגיין. צו דעם נאָמען „זיסל“ זענען מיט גרויס מי צוגעקומען נאָך די ווערטער „איך געדענק נישט, איך געדענק נישט“. דערווייל האָט עס אויסגעוויזן, ווי דער מענטש וואָלט זיך געפילט גליקלעך אין דעם הויז. און די פרעמדע זענען אים געוואָרן היימיש און ליב.

דאָס שטענדיקע אומבאַוווּסטזיניקע גיין אָן אַ צוועק, דער איבערכוח פון אָפּגעטעמפּטקייט, האָט דאָ אויך אין דער ענגער אומגעבונג פון שטוב, נישט אָפּגעלאָזט דעם אומבאַקאַנטן, און אים געטריבן פון אָרט צו אָרט. יעדן טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן פאַרטאָג מיט אַן אימפּעט. זיינע האַמעטנע טריט האָבן אָפּגעשלאָגן אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט. שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז מען גייט אין מיטן דער נאַכט ביי די ווייצנבערגס. די שטוביקע האָבן נאָכגעקוקט דעם קראַנקן און אָנגעהויבן איינזען זיסלס טעות. זיי זענען געוואָרן באַזאָרגט וואָס זי איז נישט מסכים אַרויסצולאָזן דעם אומבאַקאַנטן פון שטוב.

אין מאָל האָט זיסל באַמערקט ווי דער פרעמדער פאָרעט זיך ביי

חיימס ראַזיר־מכשירים, און הייבט פּלוצים אָן מאַניפּולירן מיטן ראַזיר־מעסער; אַ שרעקלעכער געדאַנק איז ווילד אַדורכגעלאָפן דורך איר קאָפּ... און פאַר שרעק איז זי אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער, פאַרקלאַפּט און גלייך פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר. ווען חיים איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער דערזען, אַז די מאַמע זעט אויס מאָדנע בלאַס און הילפלאָז.

— וואָס איז, מאַמע? וואָס איז געשען? — האָט ער דערשראָקן געפרעגט.

זיסל האָט אים געוואָלט ענטפערן, זאָגן וועגן איר שרעק, נאָר נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט.

חיים האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער מאַמעס צעדרודערונג האָט אַ שייכות מיט דעם פרעמדן; ער איז צו צו דער טיר, געזען, אַז זי איז פאַרשלאָסן, האָט ער מיט שטויסן, אַ דריי געטאָן דעם שליסל און איז אַריין אין צימער.

דער פרעמדער איז געשטאַנען ביים שפּיגל און זיך רויִק ראַזירט. אַ ווײַלע איז ער געבליבן אומבאַוועגלעך, נאָכגעקוקט דעם פרעמדנס יעדע באַוועגונג און דאָס געענדערטע געזיכט זיינס. ער האָט געפילט אַ הייסער שטראָם בלוט גייט אים דורך און אין חיימען האָט גערעדט אַ קול:

— דאָס איז נישט קיין ענלעכקייט, דאָס איז דער זעלביקער...

ער האָט זיך אָבער שנעל אָפּגעטרייסלט פון דעם געדאַנק, ווי פון אַ ברי און אַרויס פון צימער.

אויך מאָרגן, נאָכן איבערגעלעבטן שרעק, איז געקומען דער שוועסטערקינד. ער האָט געבראַכט אַ בריוו, פול מיט באַגייסטערונג פאַר דער נייער היים. דער גאַנצער אָוונט איז אַוועק אין שמועסן וועגן טאָג ווען מען וועט שוין אַליין דאָרט זיין, און קענען אָנהייבן לעבן אַן אמת יידיש לעבן. די דאָזיקע נאַכט האָט זיסל נישט געקענט שלאָפן און כסדר געהערט דעם שוועסטערקינדס ווערטער וועגן אַן אמת־יידישער היים.

אין אַן אָוונט, נאָכן נאַכט־עסן, ווען די גאַנצע פאַמיליע איז געווען פאַרזאַמלט און „בערל" איז אַוועק פון טיש, האָט דער שוועסטערקינד זיך גענומען דעם עול איבערצייגן זיסלען און אָפּווענדן זי פון דעם פאַלשן חשד, אַז אָט דער גייסטיק צעטומלטער מאַן זאָל זיין איר בערל.

ווען ער וואָלט געווען אַ מענטש פון דער שטוב — האָט דער שוועסטערקינד איר געגעבן צו פאַרשטיין — וואָלט דאָס אָנשטויסן זיך מיט היימישע מענטשן און זאַכן אַרויסגערופן ביי אים אַ דערמאָנונג. ער איז שוין דאָ אַכט טעג, דרייט זיך אַרום איבער די שטובן אָן קיין שום איבערראַשונג, קיין שום דערינערונג טרייסלט אים נישט אויף, דעריבער מיין

איך, אַז מען דאַרף מאַכן אַ סוף; דאָס גליקסטע וואָלט געווען מען זאָל אים, ווי צום שנעלסטן אָוועקפירן אין אַ היים־אַנשטאַלט.

— איך מיין אויך דאָס זעלבע — האָט זיך חיים געקאָכט — אַ געווויסן מאָמענט בין איך אַפילו געווען איבעררעשט פון „בערלס" ענלעכקייט צום טאַטן, איך האָב מיך אָבער איבערצייגט, אַז ער איז עס נישט, דער טאַטע האָט געהאַט קליינע הענט, אַ סך קלענערע!

נאָך אַ ווײַלע פון אַלעמענס שווײַגן, האָט דער שוועסטערקינד געמאַכט אַ פאָרשלאָג:

— וואָס דאַרפן מיר בלאָנדזשען אין דער פינצטער! עס איז פאַראַן אַ מיטל, וואָס קען אונדז אפשר עפּעס געבן. מען קען אויספּרוּוון זײַנע בלוטן און די קינדערס, ווי מיינט איר?

אַלע זענען מסכים געווען — עס וועט נישט זײַן קרום אַדורכצופירן אַזאַ אַנאַליז. פריידקע איז געווען צופרידן, וואָס די שוועסטער איז געוואָרן צוגעגרייט, אַז זי דאַרף זיך די אײַנרעדעניש אַרויסשלאָגן פון קאָפּ.

אין דער זעלביקער נאַכט איז זיסל איבערגעוועקט געוואָרן פון אַ קאָשמאַר. זי איז געלעגן וואַך און זיך אײַנגעהערט אינעם געשמאַקן שלאָף פון די אַרומיקע. פון ערגעץ האָט אַ זייגער אַרויסגעקלונגען פיר מאָל. זי האָט מער נישט געקענט אײַנשלאָפן. פון צווייטן צימער, וווּ בערל איז געשלאָפן, האָט זיך דערטראָגן אַ שטילע באַוועגונג, און גלײַך דערנאָך דער גערויש פון אַ דרוק טאָן אויפן עלעקטרישן קנעפּל. אירע וואַכע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שפּיזלדיק שטיקל שײַן, וואָס האָט געבויערט אין דער פינצטערניש פון איר צימער. זי איז אַראָפּ פון בעט, אויף די שפּיצן פינגער צוגעגאַנגען צו דער טיר, און דורך אַ געגנוג ברייטער שפּאַרע געוואָלט זען וואָס „איר בערל" טוט. אַ דאַרע קנאָכיקע האַנט האָט זיך באַוויגן איבער דער וואַנט קעגנאיבער און געטינטלט מיטן פינגער אויף דעם וואַנט־פּאַפּיר. אין איין אויגנבליק איז די גאַנצע וואַנט געווען באַשמירט. די דאָזיקע סצענע איז געווען אַזוי אויסטערליש, אַז פון איבעראַשונג, האָט זי זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביים האַרץ און פאַר שרעק שיעור נישט אומגעפאַלן. בעת זי האָט איצט געקוקט אויף די ביינערדיקע הענט פון דעם נישט־נאָרמאַלן, האָט זי קלאָר דערזען איר טעות — עס איז נישט איר בערל.

זי האָט נישט געוווּסט צי זאָל זי עמעצן אויפוועקן אָדער נישט. אַ צעבראָכענע איז זי צוריק אַרײַן אין בעט. עס האָט איר באַהערשט אַ האַרצווייטיק אינאיינעם מיט רחמנות פאַר דעם פרעמדן און צו זיך אַליין. זי האָט אינגאַנצן געציטערט. זיך געוואָרפן פון איין זײַט אויף דער צווייטער. אײַנגעשלאָפן איז זי ערשט, ווען ס'איז שוין געווען ליכטיק אין דרויסן.

ווען די באַוועגונג אין הויז איז געוואָרן רואיקער, איז זיסל אַראָפּ פון בעט ווי אַ פאַרשפּעטיקטע. זי האָט אַלעמען געוואָלט צוגרייטן צו דעם געשעענעם, נאָר אין שטוב האָט זיך שוין געטומלט אַרום די פאַרשמירטע ווענט. אויף די ווענט האָט מען צווישן די מאַסן פלעקן אויך געקענט לייענען צענדליקער מאָל „זיסל, מיין ליבע זיסל, כ׳וואַרט אויף דיר״. צווישן די סענטימענטאַלע שורות, זענען אויך געווען אָנגעשריבן אין העברעאיש, פּסוקים אַדורכגעפלאָכטן מיט „זיסל מיין כלה״.

אין דעם גאַנצן טומל האָט זיך דער פרעמדער אַרומגעדרייט איבערן צימער און געלאַכט.

פון קיינעם נישט באַמערקט, האָט זיך פריידקע אַרויסגעשלייכט פון שטוב און איז אַרויף אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

חיים האָט נישט אויפגעהערט פאַרצוואָרפן דער מאַמען:

— נו, האָבן מיר דאָס באַדאַרפט? איבערגעפירט אַ שטוב!

אויף דעם זונס פאַרוואורפן, האָט זיסל געענטפערט מיט אַ שטילער טרער אין אויג. זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין אויף דעם טעות, וואָס זי האָט געהאַט, און פאַר דער אילוזיע מיט וועלכער זי האָט זיך גענערט.

נאָך מיטאָג האָט מען אַרויפגעברענגט אַ בריוול. ס׳איז געווען אַן אַרויסרוף אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

אין שטוב האָבן שוין אַלע געוווסט פון פריידקעס אונטערגענומענע שריט; מען איז געווען אַ ביסל פאַרלוירן, נישט געוווסט ווי אַזוי דער פרעמדער וועט דאָס אויפנעמען.

— אַ בריוו פאַר דיר — האָט זיסל ריזיקירט און צוגעטראָגן די אַרויספאָדערונג צום פרעמדן. — מען רופט דיך אין קאָמיסאַריאַט, עס קען זיין אַ גוטע נייעס פון דיין פאַמיליע — האָט זיסל מיט אַ ציטערנדי־קער שטימע אַרויסגעברענגט פון זיך דעם ווייטיקדיקן ליגן.

די נייעס האָט אויפגעלעבט דעם פרעמדנס פּנים אין אַ מאָסע שמייכ־לענדיקע קנייטשן.

באַגלייט פוןביידע שוועסטער איז דער פרעמדער, אַ צופרידענער, מיטן צעטל אין האַנט, אַרויף אין קאָמיסאַריאַט. ביים טויער איז שוין געשטאַנען אַן אויטאָ פון רויטן־קרייץ און אַ קראַנקן־שוועסטער האָט זיך געדרייט אין קאָרידאָר. דעם פרעמדן האָט מען אַריינגענומען אין אַ באַ־זונדער צימער און די שוועסטער זענען מיט האַרץ־קלאַפּעניש געבליבן אין דעם אַלגעמיינעם אויפנעם־צימער פון קאָמיסאַריאַט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער קראַנקער באַוויזן, געפירט פון אַ פּאָליציאַנט און אַ ציווילן, די קראַנקן־שוועסטער איז זיי נאָכגעגאַנגען. דאָס פּנים פון פרעמדן איז געווען אָנגעכמורעט. די שטענדיקע גלייכמוטקייט פון זיין בליק איז

איצט געווען אָנגעלאָדן מיט אַן אויפרייס־שטאָף. ביידע פרויען זענען גע־שטאַנען ווי פאַרגליווערט אויפן אָנבליק פון די דאָזיקע אויגן, וואָס האָבן געשריגן מיט אַ שטומען פאָרוורף. בליץ־שנעל האָט מען אים אַריינגע־זעצט אין אויטאָ און דער אויטאָ איז גלייך אָפּגעפאָרן.

אויפן גאַנצן וועג האָט פריידקע אַריינגערעדט אין איר שוועסטער. אָבער זיסל האָט איר גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זיך געפילט ווי נאָך אַ שווערער קרענק. זי האָט פאַר זיך געזען דעם פרעמדנס אויגן פול מיט צאָרן און דאָס געוויסן האָט נישט אויפגעהערט איר אַריינצוהאַמערן אין קאָפּ: „איך האָב דערהרגעט אַ מענטשן“.

די שטעק-שיך

— פֿאַרוואָס ווייַנסטו, מאַמאַ? — האָט געפֿרעגט די אַכט־יאָריקע ראָזאַ, זעענדיק איר מוטערס פֿון טרערן אָנגעצינדענע אויגן.

— איך בין דאָך נישט קראַנק, מאַמאַ, טאָ פֿאַרוואָס ווייַנסטו?

מיט ליבע, געמישט מיט מיטלייד, וואָס שאַפֿט זיך אין אַ ווייִמוטיקער שטימונג, האָט פֿרומקע אָנגעקוקט איר קינד און געוואָלט זאָגן: „איך בין קראַנק, מייַן קינד". נאָר די אָנגעצויגענע נערוון אין האַלדז האָבן זי ווי מיט אייַזערנע פֿינגער געשטיקט און געדריקט דאָרט, פֿון וואַנען טרערן קומען. האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ שטראָם פֿון אירע אויגן, אַז זי האָט אים גאָרנישט באַוויזן אָפּצוטרוקענען. איבערגעברענטע, שוין לאַנג נישט אַרויס־געווייִנטע טרערן האָבן געזאָטן אויף אירע באַקן מיט רעש, ווי אַ רעגן פֿון אַן איבערגעלאָדענעם וואָלקן. זי וואָלט זיך געוואָלט באַהערשן, ווייל זי פֿילט, אַז אָט־אָט וועט זי האָבן אַן אויסברוך פֿון ספּאַזמעס. פֿאָרעט זי זיך איבערן צימער, זוכט אַ וואָסערע עס איז שטוב־אַרבעט, כדי זיך צו באַ־רויִקן. פּונקט הייַנט, זונטיק, וואָלט זי באַדאַרפֿט דאָס ווייַנען אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל, ווייל באַלד דאַרף זי אַוועקגיין צו פֿרייַנד, ווו זי איז פֿאַרבעטן. נאָר די ווידערשפּעניקע טרערן ווילן אַרויס און לאָזן זיך נישט האַמעווען.

— ראָזאַ, גיי אַראָפּ צו מאַדלען, גיי, מייַן קינד, וועסט זיך אַ ביסל שפּילן, ביז איך וועל דיך רופֿן.

פֿרומקע האָט בכיוון אַוועקגעשיקט איר קינד, כדי צו האָבן דאָס גאַנצע פֿאַרגעניגן פֿון אַן אומגעשטערט ווייַנען. נאָר ווען פֿרומקע איז גע־בליבן אַליין, האָט זי זיך געוווּנדערט וואָס זי הויבט זיך אָן צו באַרויִקן. ישׂראלס בילד, געצייכנט אין לאַגער, האָט אַראָפּגעקוקט פֿון איבערן קאָמין, איינגערעמט אין אַ שוואַרצער קרעפּע, מיט אַזאַ פֿאַרביטערטקייט, אַז ווען אַ פֿרעמדער מענטש האָט אַ בליק געטאָן דערויף, האָט עס אים אויף עט־לעכע מינוטן אין אַ ווייטיקפֿולן, אומבאַוועגלעכן רעספּעקט געהאַלטן.

פרומקע האָט אָנגעקוקט איר מאַן און ס'ערשטע מאָל האָט זי זיך געפונען אַזוי ענלעך צו אים, פונקט ווי איר פּנים וואָלט זיך רעפלעקטיוו אין אַ שפּיגל איבערגעחזרט.

טראָץ דעם, וואָס זי האָט נישט חתונה געהאַט מיט אים דורך ליבע, האָט זי אָבער ערלעך אָפּגעטרויערט זיין אומקום. פון אַלע אירע פריינד און באַקאַנטע איז זי איינע, וואָס לעבט נאָך אַליין. איר קינד וויל זי נישט אָנטרויען אין פרעמדע הענט. דערציט זי עס אַליין; האַנדלט מיט וואָס עס לאָזט זיך און שטיקעוועט איר אָרעם לעבן אויף אַ בכבודיקן אופן.

נישט פון איר אַטלעטישן געזונט און נישט פון איר שיינקייט איז עפּעס געבליבן — און דאָך איז זי אינגאַנצן אַלט פינף און דרייסיק יאָר. זי האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג אַרויסצוגיין פון דער איינזאַמקייט. די סקע־לעטיש־אויסגעצערטע פאַרלאַנגען צו באַנייען איר לעבן האָבן שוין מער נישט וואָס צו קאָנסומירן אין איר יונגן קערפּער. טייל מאָל דוכט זיך איר, אַז אָט־אָט פאַרגייט זי אין איינגעשרומפּנקייט, ווי אַ נישט־געפּלעגטע בלום.

ווען פרומקע איז אָנגעקומען צו אירע פריינד מילברוין, איז זי שוין געווען די לעצטע פון די געסט. מען איז איר אַנטקעגנגעקומען מיט אַ שמייכלענדיקן פאָרוואורף: „פאַרוואָס אַזוי שפּעט?"

— אחרון, אחרון חביב (דער לעצטער איז באַליבט) — האָט זיך איינער פון די געסט אָנגערופן.

— מי מדבר בעברית? (ווער רעדט העברעאיש) — האָט אויך פרומקע אויף העברעאיש געפרעגט, נאָך איידער זי האָט זיך באַגריסט מיט אַלעמען.

— אַ ייד פון אומעטום און ערגעץ נישט — האָט זיך אָנגערופן אַ ניי־איינגעוואַנדערטער.

— יאָ, היימלאָזיקייט און שפּראַך־קענטעניש, דאָס זענען די ערשטע קריטעריעס פונעם נאָך־מלחמהדיקן ייד — האָט פרומקע געענטפערט אין דער ריכטונג, פון וואַנען די שטים איז געקומען און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ געבאָרגטן שמייכל.

מען האָט איר פאָרגעשטעלט דעם ניי־איינגעוואַנדערטן און איר פריינ־דין האָט אָנגעהויבן דערלאַנגען טיי מיט קוכן פאַר די פרישע געסט.

ראָזאַ האָט זיך צוגעחנפעט צו אַלע געסט און יעדן געגעבן אַ קורצן וויזיט אויף דער שויס.

— ווי אַלט ביסטו, קליין מיידעלע? — האָט דער פרעמדער געפרעגט, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פונעם קינד.

— איך בין נישט קיין קליין מיידעלע, אמת מאַמאַ? — האָט זיך ראָזאַ באַליידיקט און געזאָגט איר עלטער אינעם פרישן יאָר אַריין.

— מיין צווילינג וואָלט היינט אַזוי אַלט געווען — האָט ער שטיל געזאָגט צו בעני, דעם בעל־הבית, מיט וועמען ער האָט אַדורכגעמאַכט דעם גאַלגאַטאַ־וועג פון די לאַגערן. בעני האָט געלענקט דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג. דער ניי־איינגעוואַנדערטער האָט נישט געהאַט קיין געבונדענע צונג. די אַנדערע האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן און ס'איז אַוועק אַ הייסער געשפּרעך איבער דער נאָך־מלחמהדיקער לאַגע און אַקטועלע פּראָבלעמען. דער ניי־איינגעוואַנדערטער האָט זיך צעוואָרעמט ביים רעדן און פאַרענדיקט, אַ קלאַפּטוענדיק מיט דער פויסט אין טיש, אַז דאָס גלאָזוואַרג האָט זיך אַזש צעקלונגען ווי אויף אַ בראַוואָ.

— ער רעדט ווי פון אַ טריבונע — האָט זיך אַ געמורמל צעטראָגן פון צווישן די געסט.

— קינדער, אפשר גייען מיר בעסער מאַכן אַ „מלווה־מלכה״? — האָט מאַדאַם מילברוין געמאַכט דעם פאָרשלאָג. — אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין שבת, טאָ זאָלן מיר גיין באַגלייטן דעם זונטיק און אַרויסגיין ערגעץ זיך פאַרוויילן.

— נו „מלווה־מלכה״ איז אויך גאָרנישט קיין שלעכט מאכל — האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן און אַלע זענען שמייכלענדיק אַראָפּ אין גאַס אַריין.

ווען פרומקע איז שפּעט ביינאַכט אַהיימגעקומען פון קינאָ, איז איר שטימונג געווען אַ ביסל אויסגעלייטערט. פרומקע איז געווען צופרידן, ווען זי האָט זיך דערוווסט, אַז די זונטיקדיקע פאַרבעטונג איז גאָר געווען אַן אימפּראָוויזירטע זעאונג מיט דעם פּריש־באַקאַנטן יונגנמאַן. זיי זענען זיך געפעלן אוןביידע האָבן געמאַכט אַ שריט פאָרויס צו זייער דערנעענטערונג. פרומקע האָט זיך צוגעבויגן מיט ערנסטע און וואַרעמע געפילן פאַר דעם נייעם פריינד און נאָך עטלעכע זעאונגען מיט אים, האָט ער אָנגעהויבן אַרויפקומען צו איר אין שטוב. ווי נאָר דער פאַרשעמטער טיש און דאָס ליידיקע פּלאַץ פון איר מאַן איז פאַרטרעטן געוואָרן מיט אַ צווייטן אָנגענומען מענטש, האָט זי אָנגעגריפן איר גאַנצע מאַגערע עקאָנאָמיע און אָנגעטאָן דעם טיש אינעם בעסטן און שענסטן. כדי איר אָרעמקייט זאָל זי נישט פאַראַטן, פלעגט זי פונעם מיטאָג אָפּשפּאָרן, כדי די נאַכט־עסנס, מיט וועלכע ער האָט מיטגעהאַלטן, צו מאַכן וואָס רייכער.

כאָטש איר אָפּגעלאָזן געמיט האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגערופן אויף דער ווירטשאַפט, האָט דאָך דער פרישער אָטעם פון איר פריינד, נישט נאָר אין איר אַליין וואָרעמקייט צעבלאָזן, נאָר אויך איז אויף יעדן קעגנשטאַנד פון שטוב, אַ פרישער גלאַנץ פון לעבן אַרויף. ביסלעכווייז האָבן זיך פרומקעס גלידער אויפגעוועקט צו אַ ניי לעבן און אַלע, ווי פון אַ לעטאַרגיע פאַרשמאַכטע געפילן, האָבן אָנגעהויבן אויפגיין אין איר, ווי אַן אָנגעלאָדע־

נער, דופטנדיקער פרילינג. די האָפענונג, אַז עס נעמט שוין אַ סוף צו איר איינזאַמקייט האָט אין איר געוועקט אַ געוואַלדיקן ווילן צום לעבן. אַזוי ווי אַ זומער־שטראַל וואַרעמט אָן אַ פון ווינטער פאַרגליווערטן טייך, אַזוי האָט איר פריינד אַ באַוועג געטאָן איר פרויען־געמיט און אַ טרער פון פרייד האָט זיך אַרויסגעריסן צום אויג. אַ טרער, וואָס האָט גערעדט: „האָסט דיין גליק נישט געגנבעט".

די שטיקלעך ליגאַלעאָום פון אַלע קאָלירן אויפן באָדן, ווי אויך דאָס אָרעמע מעבל מיט די שטילן פון אַלערליי סטילן, וואָס זענען געקויפט געוואָרן ביסלעכווייז ביי פאַרשידענע אויפקויפערס פון אַלטוואַרג, האָבן געבלאַנקט פון זויבערקייט און ס'האָט זיך געדוכט, אַז זיי שמייכלען און דערציילן ווי זיי זענען געצערטלט און נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין דער בעל־הביתטעס גליק. נייע פאָרהאַנגען מיט שלייפן האָבן אַראָפּקאָקעטירט פון די פענצטער און אַ פרישער בוקעט בלומען אויפן טיש האָט צושטייער געגעבן זיין פאַרפום פאַר דער פּאָעזיע פון בעל־בתישקייט.

אַפילו די שוואַרצע קאַץ איז באַשלייערט געוואָרן מיט אַ גרינעם באַנד אַרום האַלדז, וואָס האָט קאָנטראַסטרייך צו איר שוואַרצקייט, פאַרביק באַ־לויכטן די שטוב.

די דערוואַרטונג אויפן מ'סיע הירש איז געווען ווי אַן אָנקומענדיקער יום־טוב סיי ביי פרומקען, סייביים קינד. ראָזאַ האָט נישט אָפּגעטרעטן פון דעם מ'סיע הירש און איר בענקל זיך געמאַכט פון זיינע קני.

איין מאָל, ווען פרומקע האָט געקעמט ראָזאַס לאָקן, האָט זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געפרעגט איר קינד: „ראָזאַ, געפעלט דיר דער מ'סיע הירש, וואָלסטו געוואָלט ער זאָל זיין דיין פּאַפּאַ?"

— און דו מאַמע? ער דאַרף דאָך דיר געפעלן — האָט ראָזאַ אָפּגעע־ענטפערט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, פון וואָס פרומקע האָט זיך די ליפּן געביסן פון דערשטוינונג. ראָזאַ איז געווען אַזוי צופרידן פון דער פרישער באַקאַנטשאַפט, אַז יעדן אָוונט האָט זי צוגעגרייט פאַרן גאַסט אַן אַנדערע מתנה פון אַ קאָלירטער צייכענונג. די שטובשטימונג האָט איר אויך איינ־ספּירירט צו באַשיינען דאָס בילד פון איר אומבאַקאַנטן פאָטער. האָט זי אַראָפּגעריסן די שוואַרצע קרעפּע און עס פאַרביטן מיט קאָלירטע סטענ־געס און שלייפעלעך.

קוקנדיק אויפן פאַרפּוצטן בילד איז פרומקען איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן ווו זי וועט אַהינטאָן דאָס בילד...

זי וואָלט נישט געוואָלט ענדערן דאָס אָרט פון מאַנס בילד, נאָר ער וועט באַשטימט וועלן. עס איז איר געקומען אויפן זינען די פאָרטרעטן פון איר ברודערס דעפּאָרטירטער פרוי מיטן קינד, וואָס זענען אויפן פאַרלאַנג פון

דער פרישער שווערין אָוועקגעפירט געוואָרן און העגנען איצט ביי אַ פאַמיליע אין אַ פאָדערצימער. — אָבער פאַרוואָס רעדט ער גאָרנישט וועגן הייראַטן? — האָט פרומקע געפרעגט זיך אַליין אין דער אומגעדולדיקער דערוואַרטונג אויף זיין קומען. זי האָט זיך צוגעוווינט צו אים און אים ליב באַקומען און עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז אויך נישט גלייכגילטיק צו איר און זי האָט באַשלאָסן מיט אים צו רעדן. זי וועט דאָך נישט אָנהויבן איצט אַ ליבע צו פירן. מענטשן זעען זי אַרויסגיין מיט אים און אַרויפקומען צו איר אין שטוב און זי ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט זי איז. זי וואָלט זייער געוואָלט אויסמיידן, אַז מענטשן זאָלן זי נעמען אויף די לאַנגע צינגער. יעדן אָוונט האָט זי זיך געזאָגט: „היינט אָוונט באַשטימט״. זי וועט זוכן אַ פאַסיקן מאָמענט, ווען נישט, וועט זי מיר־נישט, דיר־נישט אים זאָגן וואָס זי דענקט, ווייל דער געדאַנק לאָזט איר נישט צורו. ווי אַ פאַרשפּאַרטער פויגל אין אַ שטייג דרייט זיך דער געדאַנק אין איר מוח און רייסט זיך אַרויס, אַרויס, אַז עס צעשפּאַרט איר אַזש דעם שאַרבן. נאָר עס איז געקומען איין אָוונט, אַ צווייטער און ס'איז אַלץ נישט אויסגעקומען. אָדער בעסער געזאָגט, איר פרויען־אַמביציע האָט איר שטענדיק אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל. אין אַן אָוונט, זיצנדיק מיט הירשן ביים אָוונטברויט, האָט ער זיך אָנגערופן, אָנהויבנדיק זי צו דוצן:

— פרומקע, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

פרומקען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ. — איך האָב באַשלאָסן דיר צו זאָגן, וואָס איך דענק וועגן אונדזביידע. מיר זענען דאָך דערפאַרענע מענטשן. איך האָב ליב דיין קינד און זעלבסטפאַרשטענדלעך... לאָמיר באַשטימען ווען איך זאָל מיך אַרויפציען צו דיר.

פרומקע איז געבליבן זיצן ערנסט און אויפגערעגט. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געענטפערט: „מיר וועלן צוערשט מאַכן די מערי (הייראַטסאַקטן).

— יאָ, באַשטימט — האָט ער אַ ביסל געצויגן זיין ענטפער און ווי עס וואָלט אים געווען שווער אַרויסצוברענגען — איך מוז... דו פאַרשטייסט... איך קאָן נישט... איך וויל אַרבעטן פאַר זיך... — האָבן די ווערטער שווער אַרויסגעקלעטערט אויף זיין צונג, ווי פערד אויף אַ הויכן באַרג. — און דעריבער קורץ. איך דאַרף האָבן געלט. — האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַ זיפץ פון באַפרייאונג. ער האָט באַמערקט, ווי פרומקעס באַקן זענען געוואָרן רויטער און אַריינגעפאַלן אין אַ וויאָלעט־קאָליר.

— איך קאָן אַפילו דיך נישט פרעגן וויפיל געלט דו באַדאַרפסט, ווייל איך האָב נישט קיין שום אויסזיכט און קיין קוועלע פון וואַנען דיר געלט צו פאַרשאַפן.

אַ פֿײַנלעכע שטילקייט האָט געהאַנגען צווישן בײדע מענטשן. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט הירש געזאָגט: — איך האָב אַ סך האָפֿענונג געלייגט אויף דײַן רײַכן ברודער.

— אויב אַזוי — האָט פּרומקע געענטפֿערט — האָסטו לײדער דײַנע האָפֿענונגען געטראָגן אין אַ פֿאַלשער ריכטונג. מײַן ברודער איז זייער אַ גוטער, ביז מען בעט נישט בײַ אים קיין געלט.

נאָכן געשפּרעך, וואָס איז געבליבן ווי נישט פֿאַרענדיקט, האָט ער איר אַ קוש געגעבן, ווי יעדן אָוונט און איז אַוועק. אויף צו מאָרגנס האָט פּרומקע, ווי יעדן אָוונט, געוואַרט אויף אים מיטן עסן. זי האָט אַוועקגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג די לעדערנע שטעקשיך פֿון איר אומגעקומענעם מאַן אין וועלכע הירש פֿילט זיך אַזוי גוט און היימיש... און בײַם געגרייטן טיש האָט פּרומקע זיך אַוועקגעזעצט אָפּוואַרטן הירשן. בײַם סודותדיקזשומענדיקן פֿייער האָט ראָזאַ רעציטירט אַ געדיכט און פֿאַרהילכט דעם מאַנאָטאָנעם קלאַפּ פֿון זייגער. די קאַץ מיט דער בונטער קאָקאַרדע, איז געזעסן אין אַ ווינקל און געדרימלט און אויסגעזען ווי פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער פֿון אַ רײַכן סאַלאָן... און דורך דער שטוב־סימפֿאָניע האָט פֿון צײַט צו צײַט זיך אַדורכגעריסן אַ טרויעריקער רעפֿריין פֿון פּרומקעס הויכן טראַכטן: „ווועט ער קומען?"

און ער איז נישט געקומען. פּרומקע האָט געהאַט דעם אײַנדרוק ווי זי וואָלט אַרויס פֿון אַ קורצן יום־טוב, ווידער אַרײַנצוגיין אין אַן אומענדלעכן גרויען אין דערוואָכן. די שטוב איז אַ ביסל אָפּגעלאָזט. שוין פֿיר טעג ווי דאָס וואַסער פֿון די בלומען איז נישט געטוישט און פּרומקע, דעם קאָפּ אין בײדע הענט, נישט אויפֿגעקעמט, זיצט און זינקט אין אירע שוואַרצע געדאַנקען. אַן עקל האָט זי געפֿילט צו דער גאַנצער וועלט. ווען נישט דאָס קינד, וואָלט זי שוין לאַנג אַן ענדע געמאַכט מיט זיך.

זי האָט זיך געוווּנדערט וואָס קיינער פֿון אירע פֿרײַנד קומען זי נישט זען. ס'איז איר אײַנגעפֿאַלן, אַז הירש איז אפשר גאָר קראַנק און זי איז שוין גרייט געווען זיך אַ פֿאָרוואָרף צו מאַכן.

זי איז אַרויפֿגעגאַנגען צו אירע פֿרײַנד מילבראָין, נאָר זי האָט זיי גאָרנישט באַדאָרפֿן דערציילן וואָס בײַ איר איז פֿאָרגעקומען. אויפֿן צוריקוועג האָט זיך איר געדוכט, אַז עמעץ גייט איר נאָך, האָט זי פֿאַרשנעלערט די טריט, איז אַרײַן אין אַ קאַפֿע און זיך געהייסן געבן אַ טרונק. בײַ דער קאַסע איז געשטאַנען אַ מאַן אין די פֿערציקער יאָרן מיט אַ ייִנגעלע בײַ דער האַנט און גענומען אַ רעשט. זי האָט געפֿילט אַ לאַנגן בליק זיך אָפּשטעלן אויף איר און זיך אומגעקוקט. דער מענטש איז איר געווען קענטלעך און זי האָט אין מאָמענט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווו זי

האָט אים געזען. ער האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן, זי איבערגעבעטן און ווי אַן אַלטער באַקאַנטער זי געפרעגט, וואָס זי מאַכט און וואָס ס'קינד מאַכט. אַנקוקנדיק אים, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט דעם מאַן געזען אין אַ רעסטאָראַן דעם פאַרגאַנגענעם זומער און ער איז צוגעשטאַנען צו איר. זי זאָל אים געבן אַ ראַנדעוו. זי האָט אים דעמאָלט אָפּגעזאָגט, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס און שפּעטער האָט עס איר באַנג געטאָן.

— איר זענט נאָך אַלץ אַליין, מאַדאַם? — האָט ער זי געפרעגט ווי פאַרוווּנדערט.

— יאָ, נאָך אַליין — האָט זי געענטפערט מיט אַ געצווונגענעם שמייכל.

— איך האָב מיר אויך נאָך קיינעם נישט צוגעקליבן. גלויבט מיר מאַדאַם, אַז מיר זענען אַ פּאָר. איך זוך נישט קיין געלט, איך פאַרדין זייער שיין. איך דאַרף אַ געטרייע מוטער פאַר דעם קינד און אַ פרוי אין שטוב. איר קאָנט זיך אויף מיר נאָכפרעגן. מען דערקענט, אַז איר זענט נישט קיין לויפערקע, קיין קאָקעטקע. איך האָב אייך שוין איין מאָל געזאָגט, אַז איר געפעלט מיר און איר לאָזט מיך וואַרטן אַזוי לאַנג אויף אייערס אַ וואָרט און אַ צופאַל איך זאָל עס אייך נאָך אַמאָל זאָגן...

די וואַרעמע ווערטער פון אומבאַקאַנטן האָבן זיך אַרויסגעגאָסן ווי באַלזאַם אויף פרומקעס אַנגעווייטיקט האַרץ. זי האָט אים דערלויבט ער זאָל זי באַגלייטן און זיי האָבן זיך באַשטעלט אויף צומאָרגנס.

יענעם אָוונט, נאָכן געשפּרעך וועגן געלט, איז הירש נאָך נישט געווען זיכער, צי ער וועט איבעררייסן מיט פרומקען. ער האָט זיך געפונען אין אַ דילעמאַ. עס איז אים געווען שווער זיך אָפּגעווינען פון איר און דעצידירן זיך צו הייראַטן — מיט דער אָרעמער פרומקע האָט ער נישט געקאָנט אַזוי שנעל. — כאָטש אַ דריי הונדערט טויזנט פראַנק וואָלט איך באַדאַרפט — האָט ער געטראַכט. — נאָר זי האָט דאָך מיר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט יעדע הילף.

עס זענען אַדורך דריי וואָכן פון יענעם לעצטן וויזיט און הירש האָט קיין אויסוועג געפונען. קיין אַנדער „גליק" האָט זיך אים נישט געטראָפן און אין פרומקען האָט ער אויך נישט געקאָנט פאַרגעסן. אין אַן אָוונט, גייענדיק פון דער אַרבעט אין אַ מבול־רעגן, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן, ווייל דעם גאַנצן טאָג האָט ער געהאַט אָפּגעפלירטעוועט מיטן געדאַנק זיך צו טרעפן מיט פרומקען. ער האָט מורא, אַז ער וועט זיך שוין דעצידירן, ווי עס זאָל נישט זיין, ווייל ער אַליין האָט שוין אויך גענוג פון זיין הינטיש לעבן. און אפשר וועט דער ברודער פאַרט זיך צובויגן. מיט די געדאַנקען איז ער אַרויף צו פרומקען און אַנגעקלאַפּט אין טיר. אַזוי ווי מען האָט אים גלייך נישט געעפנט, האָט ער אומגעדולדיק אַ דריי

געטאָן דעם שליסל און איז אַריין ווי אַן אייגענער. אַן אָנגענעמע זויבערע וואַרעמקייט האָט אים אַ שלאָג געגעבן אין פּנים אַריין. אַפילו מיט צוגע־בונדענע אויגן וואָלט ער דורך דעם ריח דערקאָנט פּרומקעס וווינונג. ער איז ווייטער נישט געגאַנגען ווי ביז צו דער שוועל פון צימער און שטיין געבליבן ווי צעטומלט, זעענדיק אַ מאַן ביים טיש אין די שטעקשיך, ווי אַ בעל הבית... אין פּרומקעס קאַלטן בליק האָט ער זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אַנטשולדיקט, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט — און איז צוריק אַרויס נאָך שנעלער ווי ער איז אַריין.

— צו שפּעט — האָט ער געטראַכט. — שפּעט. ער טראָגט די שטעק־שיך... און ער טראָגט זיי שוין דער לעצטער. דערביי האָט דאָס האַרץ אים אַזוי פאַרקלעמט, אַז ער איז געבליבן הענגען אויף דער ראַמפּע פון די טרעפּ, ווי אַ נאַסע שמאַטע.

לאָטעריע - שפּיל

ווען גאָטליב איז אַהיימגעקומען פון קוראָרט, ווו ער האָט דורכגעמאַכט אַלע שטאַפּלען פון פּייניקונגען, וואָס זענען באַשטאַנען פון פּאַרעס, היצן און שפּריצן, איז ער אַרויסגעקומען אַ געלייטערטער, נאָר אַן אָפּגעצערטער ווי אַן אויסגעדראָשענע זאַנג.

אַזוי ווי ס'איז אים נאָך פאַרבליבן עטלעכע פרייע טעג, ביז צום עפענען זיין פאַבריק, האָט ער דערלעדיקט פאַרשידנס אין צוזאַמענהאַנג מיטן קומענדיקן סעזאָן און זיך אויסגערוט אין זיין באַקוועם בעט.

ביי יעדער באַוועגונג זיינער האָט זיך דאָס בעט ווייך נאָכגעגעבן.

— פּאַפּאַ, הייב זיך אויף, די מומע יענטל דאַרף באַלד אַרויפקומען, וועלן מיר זי מיטנעמען אָנצוקוקן ס'הויז — האָט זיך געהערט זיין פרויס חנהלעס שטימע פון סאַלאָן אַרויס. זי איז שוין געווען אָנגעטון און געהאַלטן ביים אַרויפלייגן דעם לעצטן שיכט שיינהייטס־פּאָמאַדע.

דאָס עטלעכע מאָנאַטנדיקע קינד איז געלעגן אין זיין בעטלע, אַן אויסגעבאָדנס, אַ שמעקנדיקס... עס האָט זיך פאַרגאַפּט מיט באַוואונדערונג אויף זיין אייגן „פאַרמעגן”, זיין הענטל, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט אַנטדעקט און זיך געפרייט דערמיט. ס'קינד האָט צענומען די פינגערלעך און גערדרייט זיין הענטל אין אַלע זייטן, ווי אַ שפּילצייג און אָנגעקוואָלן מיט קינדערישע אויסגעשרייען. די דינסט האָט זיך געפּאָרעט אַריין און אַרויס און געזונגען וועגן אַן אומגליקלעכע ליבע.

גאָטליב האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַ ביסל נאַריש געמאַכט מיטן קינד און געמאַכט אַ שפּאַציר אין די צימערן פון זיין געשעפט און אַטעליע. אין פּאַראַלעלע, סימעטרישע רייען, זענען געווען צעהאָנגען די קאָנפעקציע פאַר מענער און דאַמען. די ווענט זענען געווען אַזוי באַלייגט מיט פּאַרטיקע אַרבעט, אַז קיין פּיצל ליידיק אָרט איז נישט געווען צו זען. גאָטליב האָט דאָס אַלץ באַטראַכט און געשמייכלט צו זיין פאַרמעגן, ווי מען שמייכלט צו אַ קינד. ער איז געווען שטאָלץ אויף דעם אַלעם און נאָך

מער — אויף זיך אַליין. אַ קלייניקייט! געקומען פון דעפּאָרטאַציע מיטן פאַרמעגן פון בלויזן פּעקל ביינער. אַלס אָנדענק דעם נומער אויפן אָרעם און אַ רעמאַטיזם אין די גלידער, האָט ער באַוויזן זיך אַזוי אַרויפצואַרבעטן מיט אַ קליינע פּאָר פראַנק, צונויפגעשאַפט פון די הילף־אינסטיטוציעס. אָבער נישקשה. ס'איז געפאַלן אין אַ פּרוכטבאַרן באָדן. טיילט ער איצט מיט אַ ברייטער האַנט און גיט אָפּ כפל כפלים. — ער האָט אָפּגעטרויערט זיין אומגעקומענע פרוי מיט די צוויי זין און זיך געטרייסט מיט אַ צווייטער, וועלכע האָט אים אַ פריש קינד געשענקט; ער וואָלט שוין היינט אפשר אַ זיידע געווען. איז ער דען שולדיק, אַז ער איז געבליבן לעבן? נאָר אַז דער מלאך־המות האָט אים אויסגעמיטן, פילט ער זיך ביי באַשאַפן. שטייט ער און וואונדערט זיך אַליין אויף זיין פאַרמעגן.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַטעליע, אַ בליק געגעבן אויף די מאַשינען, אַ דריי געגעבן אַ רעדל און אַ גלעט געטון אַ קאָפּ פון אַ מאַשין, ווי מען גלעט אַ פערדל פאַרן קורס, אויף וועלכן מען לייגט פיל האָפענונג... די מאַנעקינע מיטן פאַרשפּיצטן ביוסט איז געשטאַנען ווי אַ פאַרריסענע דאַמע אין אַ פּאָזע צו פאָטאָגראַפירן. ער האָט זי אָנגענומען פאַר די היפטן און זי געגעבן אַ דריי, אַז זי האָט שיעור אַראָפּגעניזיקט פון הילצערנעם פוס. ער האָט אַ כאַפּ געגעבן די שער פון פענצטער און באַקוקט אַ קליינעם זשאַווער און עטלעכע מאָל זי פּראָבירט אויפצומאַכן און צוצומאַכן, שניידנדיק ענערגיש די לופט. אויפן גרויסן צושנייד־טיש איז געלעגן אַן אויסגעצייכנטער שטויס שטאָף, באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט שטויב. גאָטליב האָט עטלעכע זעץ געטון מיט זיין האַנט איבערן שטאָף, אַז דאָס שנייד־מאַשינדל, וואָס איז געשטאַנען און געדרימלט אין אַ זייט, האָט אונטערגעטאַנצט ווי אַ לעבעדיקע זאַך. דער שטויב איז זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן איבערלאָזנדיק די שאַרפע קרייד־ליניעס. גאָטליב האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי ער פירט אַרום ס'מאַשינדל איבערן שטאָף און דאָס מאַשינדל פליט ווי אַ באַנדל אויף שינעס. עס איז קענטיק געווען, אַז דאָס בלויזע טראַכטן פון דער אַרבעט פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן. צושניידן איז געווען זיין באַשעפטיקונג. די פאַבריק איז געגאַנגען פון בלויז „גרינע“, ביי־איינגעוואַנדערטע, וועלכע האָבן דאָרט געגעסן און געשלאָפן, און צוגעקריגן אַ פּאָר פראַנק אין טאַש אַריין.

מען האָט געהערט אַ קלינג. ס'איז אַריינגעקומען די מומע יענטל. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף באַלד אַוועקפאָרן זען ס'הויז. וואָס וועט ער האַלטן אַזויפיל געלט, אַז מען שמועסט פון אַ דעוואַלואַציע; (געלט־אַנטווערטונג) וועט ער עס אויסטוישן אויף אַ הויז.

— וואָס זאָגסטו נישט דערצו? — האָט די מומע יענטל אַריינגע־

טאַנצט אין עס־צימער מיטן קינד אויף דער האַנט. — אַ ליאַדע גאַרנישט האָט היינט אַן אויטאָ מיט אַ הויז. כ'האָב געזען איצט דעם „צום ביישפּיל" פירן אַן אויטאָ.

— ווער איז דאָס דער „צום ביישפּיל?" — האָט גאָטליב געפרעגט.

— ווער ער איז? דו מוזט אים אויך קענען. ס'איז אַ פריש צוגעקו־מענער סוחר, וואָס באַנוצט זיך מיט „צום ביישפּיל" אַ גאַנצן טאָג. האָט מען אים דערפאַר געגעבן דעם צונאָמען. — און די מומע יענטל האָט גע־נומען קריטיקירן די אויפגעקומענע גבירים, גלייך איר רייכטום, וואָלט איר געקומען פון ירושה.

ס'מיטאָג איז אַוועק אין אַ געשפּרעך איבער געשעפטן און סחורות. נאָך מיטאָג האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט אין גאָטליבס אויטאָ און געפאָרן אונטער פאַריז זען ס'הויז.

ווען די פאַמיליע איז אָנגעקומען פאַרן הויז פון דער ווילע, באַגלייט פון דעם פאַרמיטלער, האָבן זיי דאָס ערשטע אָנגעהויבן באַקוקן דאָס הויז פון אויסנווייניק. אויפן ערשטן בליק איז נישט געווען פון וואָס אַנטציקט צו ווערן. ס'איז געווען אַ פעסטע געביידע מיט באַלקאָנען און אַ סך פענצ־טער. פון סאַמע פראָנט, אין דער הויך, האָט אַראָפּגעהנדלט אַ שטיק שלאַק פון מאָזאיק. פיל האָט מען נישט געקאָנט זען פון אויסנווייניק, ווייל אַ הויכער פאַרקן האָט אַרומגעצוימט דאָס הויז.

אינעווייניק, ביים פאַרמאַכן די טיר פון דער פאַסאַדע, האָט די מומע יענטל געוויזן גאָטליבן אויפן בריווקעסטל. שוין לאַנג האָט דאָרט קיין בריוו נישט געמוזט אַריינקומען, ווייל אַ פעסטע פאַרהאַנג פון אַ שפּינעג־געוועב האָט פאַרהאַנגען ס'אָפענע טירל.

דער אַלטער שאַנטאַל האָט אַרומגעפירט וויזיטירן דעם גאָרטן מיט די איינריכטונגען און די אַכט צימערן.

גאָטליבן האָט אַזש געשווינדלט פאַר די אויגן, גייענדיק פון שטוב צו שטוב. גייענדיק אַזוי איבער די טרעפּ, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ווען ער וואָלט געהאַט דאָס הויז אין דער צייט פון קריג, וואָלט ער דאָ געפונען דאָס זיכערסטע באַהעלטעניש און זיי וואָלטן נישט געווען אַזוי נאַריש אַריינגעפאַלן צו די היטלער־באַנדיטן. זיי זענען אָנגעקומען אין דער קיך. דאָרט איז נישט געווען קיין פּלאַץ זיך אויסצודרייען: פלעשער, קופערנע ראַנדלעס מיט געפעס פאַר אַ גאַנצן רעגימענט. באַזונדער זענען די ווענט געווען פאַרנומען מיט פאַרשידענע מכשירים, ווי ליניעס, נעצן, שפּיזן, אַנטיקן שווערדלעך און אַנדער געווער, וואָס מען האָט באַנוצט ביים אַמאָליקן אדל.

אַרומקוקנדיק זיך איבער דער קיך, איז די מומע יענטלס בליק גע־פאַלן אויף אַן אָביעקט, וואָס האָט צוגעצויגן איר אויפמערק, אַז זי האָט אַזש אויסגעשריגן. אויף דער קרעדענץ איז געזעסן אַ קאַץ, דעם קאָפּ אין דער הויך און דער עק אויף פּאַרנט, ווי אַ שלעפּ ביי אַ זיצנדיקער דאַמע. דאָס שענסטע זענען געווען אירע בלויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט טרויע־ריק. דאָס איז געווען אַ טויטע קאַץ, וואָס האָט אָפּגענאַרט מיט איר לעבע־דיקן אויסזען, ווי די וואַקסענע פיגורן אין מוזעאום „גרעוואַן" *). באַלד האָבן אַלע זיך אַרומגעשטעלט באַוואונדערן די קאַץ און יעדער האָט מיט האַרצ־קלאַפּעניש איר אַ גלעט געטון איבערן אויסגעטרוקנטן רוקן און אָנגערירט אַ טויטע וואָנסע. דער אַלטער האָט דערציילט די נייגעריקע דער קאַצ'ס לעבנס־געשיכטע, רופנדיק זי מיט צערטלעכע נעמען.

„היינט דריי יאָר איז זי נאָך געווען לעבעדיק, ווי אַלע לעבעדיקע און געטריי, ווי אַ הונט. אין אַ נאָך מיטאָג איז זי ערגעץ פאַרשוווּנדן און צוריקגעקומען אַ פאַרסמטע. איך האָב מיך געלאָזט קאָסטן און געוואָלט זי דערהאַלטן ביים לעבן. ווען זי האָט אויסגעהויכט די נשמה, האָב איך מיך נישט געקאָנט שיידן מיט איר און זי געגעבן צום וועטערינער. נאָך צוויי יאָר צייט האָב איך צוריקבאַקומען מיין צירינג, אַזוי ווי איר זעט זי... איך האָב זי געזעצט אויפן זעלבן פּלאַץ ווי זי איז געוווינט געווען צו זיצן".

— האָט דער אַלטער פאַרענדיקט טרויעריק.

דער פאַרמיטלער האָט אָנגענומען דעם אַלטן פאַרן האַנט. ווען אַלע זענען אַרויס פון קיך, האָט ער עפּעס מיט אים איבערגערעדט און זיך גע־וואנדן צו די קויפער: „געפעלט עס אייך? קאָנען מיר רעדן וועגן די באַ־דינגונגען?"

— אפשר וועט דאָך עפּעס אַראָפּגיין פון די דריי מיליאָן?

— הערט אויס, מיסיע, דאָס הויז איז באַלד איבערצונעמען. דער מיסיע שאַנטאַל האָט איבערלייגט און וויל איבערגעבן ס'הויז צו צאָלן 350 טויזנט פראַנק יערלעך, אַזוי לאַנג, ווי ער וועט לעבן. ער איז אַלט אַכט און זעכציק יאָר, — האָט דער פאַרמיטלער צוגעגעבן אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט, אויף דעם מסחר, ווי מען דאַרף חשבונען יענעמס לעבן, כדי ס'הויז זאָל נישט אויסמאַכן צו טייער...

דער אַלטער שאַנטאַל איז געבליבן שטיין אין אַ פּאָזע, ווי ער אַליין וואָלט געוועון צו פאַרקויפן און נישט דאָס הויז.

— ער זעט אויס צו טראָגן זיינע יאָרן — האָט גאָטליב געטראַכט און דערביי אַזוי אים אַריינגעקוקט, מען קאָן זאָגן נישט אין פּנים אַריין,

*) אַ פּאַריזער מוזעאום.

נאָר אין האַרץ אַריין... אָבער זיין אומבאַפרידיקטער נייגער אויפן סוד פון אַלטנס לעבן, האָט נאָר געמאַכט אָפּשפּרינגען זיין בליק פון אים.

ביי שאַנטאַלן איז דער רוקן געווען אַראָפּגעזעצט, ווי ביי אַ זקן פון עטלעכע זיבעציק יאָר. די הויט אויף זיין פּנים האָט זיך שלאַבעריק אַראָפּ־געגאָסן אין אַ מאַסע קנייטשן.

— פונדעסטוועגן — האָט גאָטליב געטראַכט — קאָן ער נאָך לעבן אַ גוטע פופציק יאָר...

— דאָס איז אייער לעצט וואָרט וועגן פּרייז — האָט גאָטליב געפרעגט פאַרן אַוועקגיין.

— איר האָט נישט צו האָפן אויף קיין שום ענדערונגען — האָט דער אַלטער קורץ אָפּגעהאַקט.

— אויב אַזוי וועלן מיר נאָך איבערלייגן, האָט חנהלע געזאָגט און זיי זענען אַוועק.

— וואָס זאָגסטו, מאַמאַ? — האָט גאָטליב געפרעגט זיין פרוי, אַרויס־גייענדיק פון דאָרט.

— וואָס איך זאָג? דאָס איז אַ לאָטעריע־שפּיל. אָבער וואָסי, וואָס ברענט דען? מיר וועלן נאָך קויפן. נישט דאָס, וועט זיין עפּעס אַנדערש!

ביינאַכט אויפן געלעגער האָט מען ווידער איבערגערעדט וועגן הויז. גאָטליבן איז דאָס הויז אַריין אין די ביינער... עס האָט אים נישט צו רו געלאָזט, אַזוי איז עס אים געפעלן. נאָר חנהלע, זיין פרוי, האָט אים אָפּ־געהאַלטן.

— נאָר דו, ער האָט נאָך אַפילו נישט אין זינען צו שטאַרבן... אויסער דעם, וואָס דאַרף איך אַריינלייגן געלט אין אַ בלינדע זאַך אַריין. דאָס וועט פּשוט הייסן בעטן אויף יענעמס טויט...

איר מאַן האָט געפונען אירע רייד אַזוי אויסגעהאַלטן, אַז ער האָט מער נישט געענטפערט.

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן. דאָס געשעפט און פאַבריק זענען אַוועק אויף אַלע רעדלעך. מען האָט שוין גאָר קיין צייט נישט געהאַט אַפילו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש ווי אַרבעט, באַשטעלונגען, ליפערונגען.

אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג קומט אַרויף די מומע יענטל מיטן מאַן. זי האָט אויסגעזען צו זיין אָנגעפילט מיט נייעס, נאָר אויסצושיסן. זיצנדיק ביי אַ גלעזל טיי אין סאַלאָן, האָט זי זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט:

— זאָגט מיר מזל טוב, כ'האָב געוווּנען אויף דער לאָטעריע.

— „וויפיל?" — האָט גאָטליב געפרעגט, נאָך איידער ער האָט גע־וווּנטשן.

— דריי מיליאָן.

— וואָס רעדסטו, טאַקע? — האָט גאָטליב אַ שפּרונג געטון אויף זיין שטול, ווי אַן אָפּגעבריטער, און חנהלע איז פאַר איבעראַשונג רויט געוואָרן. די מומע יענטל איז איצט אַרויס מיטן גאַנצן אמת.

— איך האָב געקויפט שאַנטאַלס הויז פאַר 350 טויזנט פראַנק.

די אויגן זענען ביי די גאָטליבס שיעור פון קאָפּ געקראָכן פאַר ניי־געריקייט. די מומע יענטל האָט געקוקט אַמאָל אויף הערמאַנען און אַמאָל אויף חנהלען און מורא געהאַט צו פאַרענדיקן. נאָר הערמאַן גאָטליב, האָט איר אַרויסגעהאָלפן, טרעפנדיק אירע געדאַנקען:

— „גלויב מיר, אַז דער ערל האָט צוגעמאַכט אַן אויג?“

— זאָלן מיר אַלע אַזוי לעבן, ווי דו האָסט געטראָפן.

חנהלע וואָס האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף דער האַנט, האָט איבער־געהאַקט איר צעטומלטקייט:

— „ווען האָסטו געקויפט און ווען איז ער געשטאָרבן?“ — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

— אַ וואָך פריער האָב איך געקויפט און אַ וואָך שפּעטער איז ער פּלוצלונג געשטאָרבן פון אַ געהירן־פאַרגיסונג.“

אין דעם מאָמענט האָט די מומע יענטל באַקומען אַ טרעט אויפן פוס פון איר מאַן און פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף שווייגן. ווייל זי האָט נאָך גע־האַט אין רעזערוו אַ טייערן סוד. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווען איר „נעפּע“ וויסט, אַז זי האָט געירשנט שאַנטאַלס קאַץ און אַנטדעקט אין בויך אַ שנאַל מיט אויסלענדישע גאָלדשטיקלעך, וואָלט עס אים געקאָנט, חלילה, ס׳לעבן קאָסטן.

איפּערזוכט

שוין עטלעכע טעג ווי מאָריס האָט געלייגט די אַרבעט. ער איז אויפ־געגעגט. ביינאַכט שלאָפט ער שלעכט און אָפט גיט אים אַ נערוו אַ שטויס און ער וועקט זיך אויף מיט אַ צאַפּל, ווי ער וואָלט פון ערגעץ אַראָפּגע־פאַלן. איצט, זייענדיק אַליין אין שטוב, האָט ער ענדגילטיק באַשלאָסן, זיך צו מעלדן אַלס פרייוויליקער אין דער אַרמיי.

שוין דער צווייטער מאָנאַט ווי דער קריג כאַפּט אַרום די וועלט, ווי אַ בלוט־דורשטיקער היישעריק און אַלץ איז וואַך, ווי ביי אַן אַלאַרם, זיך צו שטעלן אין דינסט פאַרן פאָטערלאַנד.

גייענדיק הין און צוריק איבערן צימער, האָט מאָריס זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל, זיך באַראַטן מיט זיך אַליין און ווי ער וואָלט אינעם רע־פלעקס פון שפּיגל געזען אַ צווייטע פּערזאָן, האָט ער גערעדט און גע־מאַכט מיט די הענט.

ערשט זעקס מאָנאַטן, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט צירעלענקע. אַ פרוי פאַר אַ סקולפּטאָר צו שטעלן. אַ פיגור מיט באַוועגונגען, ווי אַ וואַסערפאַל און אויגן האָט זי, וואָס קאָנען אַ מויל פאַרטרעטן, זיי קאָנען מיט איין בליק אַ פעסטונג איינגעמען, האָט זי אים טאַקע גענומען, דאָרט אינעם טאַנץ־זאַל — און ער האָט פאַר איר שיינקייט קאַפּיטולירט. ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם טאַנץ, וואָס האָט מיט זיין ריטם אין דער זעלבער שווינדלערישער שנעלקייט פון יענעם וואַלס, מיטגעריסן זיינע געפילן פאַר צירעלענקע. פון דעמלט אָן, האָט ער אויפגעהערט צו טאַנצן פאַר איפּערזוכט, מען זאָל זי אים נישט אָפּכאַפּן, און איצט איז געקומען אַ קריג און גייט צעשטערן זיין גליק, צעשיידן אים מיט זיין יונגער פרוי, און ער איז אַ שונא געווען דעם קריג, ווי ער וואָלט זיין ריוואַל געווען.

פון דער צווייטער זייט האָט זיין מענערישע אַמביציע געליטן, ווייל סוף כל סוף, האָט ער געהאַט אַ באַהאַלטענעם פאַרלאַנג, בלויז אויס ניי־געריקייט זיך צו באַקאַנען מיטן קאַזאַרמע־לעבן. ווייל שטענדיק, ווען ער

איז זיך צונויפגעקומען מיט זיין שוואָגער שלאָמקע און באַקאַנטע, וועלכע האָבן שוין געהאַט געמאַכט זייער מיליטער־דינסט און געהאַט אַזעלכע לע־כערלעכע עפּיזאָדן צו דערציילן, האָט ער זיך געפילט מינערווערטיק, ווי איינער, וואָס געפינט זיך צווישן בלויז טענצער און ער אַליין קאָן קיין פוס נישט שטעלן.

האָט מאָריס אַרויפגעלייגט אויף דער וואָגשאָל פון זיין געוויסןביידע פליכטן: צו שטעלן זיך אין דינסט פאַר פראַנקרייך, אָדער דינען און אָפּהיטן זיין פרוי. ווי אויף צו להכעית האָבן ביידע פליכטן געהאַט איין וואָג און דאָס האָט מאָריסן פון גלייכגעוויכט אַרויסגעבראַכט. ער האָט געכאַפּט דעם הוט און איז אַרויס פון שטוב. אויפן גאַס איז געווען אַ שטימונג פון אַ יום־כיפּור אין אַ פרומער שטאָט. רעקרוטן זענען געלאָפן מיט זייערע רוקזעק, פרויען האָבן געוויינט, יידן האָבן זיך באַגריסט אומבאַקאַנט מיט „מאָרגן איז מיין רייע". פראַנצויזן האָבן זיך געזעגנט ביי אַ גלעזל.

מאָריס האָט זיך אַרומגעדרייט אין גאַס, גערעדט מיט דעם, מיט יע־נעם און זיך אומגעקערט אַהיים. נעבן זיין טויער איז אים אַנטקעגן געקו־מען מאַדאַם גערע, אַ פראַנצויזישע שכנה מיט פאַרוויינטע אויגן. זי האָט היינט געהאַט באַגלייט איר מאַן, וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין צפון. עפּעס האָט זי אים אַזוי אָנגעקוקט מיט אַזאַ פאָרוואורף אין בליק, גלייך ער וואָלט שול־דיק געווען אינעם קריג און טאַקע אויך אין דעם, וואָס איר מאַן איז גע־פאָרן אויפן פראָנט. דער בליק פון דער פרוי האָט אין איין מינוט באַ־פעסטיקט זיין באַשלוס און דיריגירט זיינע געדאַנקען אויף רי סאַן־דאָמי־ניק אין די רעקרוטירונגס־ביוראָס. ער האָט געפילט, אַז ס'וועט זיין אומ־מעגלעך צו בלייבן אין דער היים און אַרבעטן אין דער צייט ווען די פראַנצויזישע שכנים גייען אַלע צום מיליטער.

ווען מאָריס איז צוריק אַהיימגעקומען מיטן בילעט „אַפּט", האָט ער געטראָפן צירעלענקע זיך מאַכן איר פריזור און פּרווון פאַרשידענע וואַריאַ־ציעס. זי האָט זיך געשפּיגלט אין איר שיינקייט, ווי די זון אין אַ קוואַל.

מאָריס איז געווען צופרידן וואָס זיין פרוי נעמט אויף מוטיק די נייעס, אַז ער ווערט אַ סאָלדאַט און האָט פאַר שמחה איר אָנגעצילעוועט אַ קוש גלייך אין מויל אַריין.

אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי און פאַמיליע איז מאָריס מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער געגאַנגען צו דער באַן. מאָריס האָט זיך באַמיט נישט צו זיין נידערגעשלאָגן און געשמייכלט מיט אַ האַלב מויל. צירעלענקע איז געווען מוסטערהאַפט אין איר האַלטונג און דאָס האָט מאָריסן צוגעגעבן מוט. נאָר ווען די באַן האָט זיך גערירט מיט אַ הילכיקער „מאַרסעליעזע", האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער פאָרט אין דער אייביקייט אַריין און

וועט מער נישט זען זיין ליבע צירעלענקע. שוין נישט אַזוי דער קריג מיט איר גאַנצער רייע פּיין, האָט אים געשראָקן, נאָר די איפּערזוכט אויף זיין שיין ווייבל. ער איז געזונקען אונטער דעם געדאַנקען־שטראָם פון איפּערזוכט, ווי אַ שיפל אונטער אַ פּאַרפּלייצונג.

עס איז אַוועק אַ קאָרעספּאָנדענץ אַ פלאַמענדיקע, מיט צערטלעכקייטן, מיט בענקשאַפט, מיט צוזאָגן און טרייסטן. צירעלענקע איז אין איר איינזאַמקייט נישט געווען אינגאַנצן איינזאַם. זי האָט געאַרבעט, האָט פאַרברענגט און נישט פאַרלוירן איר יוגנט מיט זיפצן. טראָץ דעם, וואָס ס'איז איר אַ סך מאָל אַן אומעט באַפאַלן, האָט זי זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פון אים פאַנגען, ווי אַ פליג אין אַ שפּינענגעוועב. איר כאַראַקטער האָט איר שטענדיק געהאָלפן באַהערשן איר סיטואַציע. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז שיין, האָט זי זיך באַמיט איר שיינקייט צו פלעגן און מיט הנאה געטוישט אירע קליידער און פריזורן און דערמיט געשטעלט אַ צוים אַלע שלעכטע שטימונגען, וואָס האָבן געזוכט אין איר זיך צו באַזעצן. איצט האָט איר קיינער נישט געשטערט אין אירע טואַלעטן. דער איפּערזיכטיקער מאָריס האָט אָפּטמאָל איבערגעטריבן אין זיין איינגעשפּאַרטקייט און איר געשטערט זיך איבערצוטאָן.

„צו וואָס אַן אַנדער קלייד? מיר געפעלסטו אַזוי אויך" — האָט ער שטענדיק געטענהט און געוואָלט זי זאָל אים פאָלגן. צירעלענקע איז געווען געקרענקט, נאָר אָפט, נישט וועלנדיק זיך אַנטקעגן שטעלן, האָט זי אים נאָכגעגעבן און געוויינט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר רינגל און אַ שונא געוואָרן דער הייראָט. זי האָט געפילט ווי איר לעבן איז איינגערייפט אין אַזאַ קליינעם רינג־שטח, ווי איר קידושן־רייף... זי אַליין האָט זיך אָבער אויך געהאַט אַ פאָרוואורף צו מאַכן צוליב וואָס האָט זי דען חתונה געהאַט מיט מאָריסן, אויב נישט צוליב דער ירושה, וואָס ער דאַרף אָפּנעמען פון אַן אַמעריקאַנער מומע. יאָ, דאָס האָט זי געלאָקט, מער ווי מאָריס; נאָר די פּראָצעדור איז אַזאַ לאַנגע, אַז זי האָט שוין באַלד די האָפענונג פאַרלוירן.

נעכטן האָט זי דערהאַלטן אַ בריוו פון מאָריסן, אין וועלכן ער שרייבט איר, אַז אַזוי ווי ער האָט נאָך צו זיין אין דער געגנט אַ קורצע צייט און ווערט אַוועקגעשיקט אין די פירענעען, קאָן זי אים קומען זען.

צירעלענקע, וואָס האָט נישט פּיינט געהאַט צו רייזן, איז זייער געפעלן געוואָרן דעם מאַנס פאָרבעטן, האָט זי אים גלייך געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע, אַז ער זאָל דינגען אַ צימער און זי קומט צו פאָרן.

— „אָ לאַ־לאַ, דאָס איז די אַרמיי! — האָט צירעלענקע אויסגעשריגן צו מאָריסן מיט אַ שמייכל, זעענדיק די רעקרוטן אין זייער אויסשטייער.

— „ווער איז יענער? — האָט צירעלענקע געפרעגט מאַריסן, אַנ־וויזנדיק אויף אַ קליין מענטשל אין אַ רייכן אָפיצירן־אוניפאָרם.

— ער דאָרט, דאָס איז אַ דאָקטאָר.

צירעלענקע האָט אַרומגענומען מיט איר קאָקעטיש אויגל דאָס דאָק־טערל אין זיין גאַנצער גרויס.

— „אַ זעלנער האָב איך נאָר ליב אַ זעלכן. עלעגאַנט, אויף פיר שפּיל־קעס, טאָקע אַ יונג ווי אַ טאָרט, נאָר אויף אַ טאָץ אַרויף" — האָט זי מיט אַנטציקונג פאַרענדיקט.

מאַריסן האָבן אַלע געמאַכט קאָמפּלימענטן פאַר זיין שיין ווייבל, פון וואָס ער איז גאָרנישט געווען אַנטציקט... צירעלענקע האָט זיך נישט גע־לאַנגווייליקט. אין דער קאָפּע איז געווען היימלעך. זעלנער האָבן זיך גע־דרייט און נאָך פרויען פון רעקרוטן, וואָס זענען געקומען באַזוכן זייערע מענער. נאָר דער עיקר איז געווען אינטערעסאַנט, וואָס דאָס דאָקטערל איז אויך דאָרט אַריינגעקומען. און אַזוי ווי צירעלענקעס צינגל איז שטענדיק געווען אויפן פּאָסטן און די אויגן האָבן געשאָסן אין ציל, האָט דאָס דאָק־טערל, וואָס איז אויך נישט געווען פון קיין ליים, זיך געשטעלט פאַר איר און געוואָרן איר צילברעט... זי מיט אַ וואָרט, דער דאָקטאָר מיט אַ שמייכל און די באַקאַנטשאַפט איז געמאַכט געוואָרן.

„איר לאַנגווייליקט זיך נישט דאָ?", האָט דאָס דאָקטערל געפרעגט צירעלענקע און איר מכבד געווען מיט אַ סיגאַרעט.

„ביז היינט האָב איך זיך געלאַנגווייליקט... און פון היינט אָן שוין נישט מער", האָט זי געזאָגט מיט אַ קאָקעטיש פּיסקעלע.

„און איר, דאָקטאָר? — האָט צירעלענקע געפרעגט.

„ביי אונדז אין מיליטער לאַנגווייליקט מען זיך נישט. דאָס באַוווסט־זיין, אַז מען ברענגט נוצן דעם פאָטערלאַנד גיט די פולסטע באַפרידיקונג".

„ווען איר וואָלט אַזוי ליב געהאַט דעם קריג, ווי מיר פרויען, בין איך זיכער, אַז ס'וואָלט קיין קריג נישט געווען. די קעגנער פון קריג זענען ליידער די, וועלכע מען מאָביליזירט נישט", האָט צירעלענקע געזאָגט און צוגעשטעלט צו איר באַמערקונג אַ פראַגע: „און ווען וועט שוין זיין דער לעצטער קריג?"

— דער לעצטער — קיינמאָל נישט! די וועלט איז אַן אייביקע באַ־נייאונג. זי דרייט זיך ווי אַ ראָד און קומט שטענדיק אויפן זעלבן פּלאַץ — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און אַריינגעצויגן עלעגאַנט דעם רויך פון סיגאַרעט. — קריג איז געווען און קריג וועט זיין. מיטן אונטערשיד, וואָס די שפּעטערע מיט די נייסטע דערפינדונגען וועלן זיין קורצערע און גרוי־זאַמערע. און דאָס וואָס איר זאָגט, מאַדאַם, אַז פרויען זענען די גרעסטע

פּאַציפיסטן, איז אויך נישט אינגאַנצן ריכטיק. צום טייל בין איך מיט אייך איינשטימיק, אַז פּרויען וואָלטן זיך באַגאַנגען אָן אַזעלכע אַוואַנטורעס, נאָר אונטער זייער באַוווסטזיין, ליגט פּאָרט באַהאַלטן אַ ליבע פאַרן קריג.

— אוי אַזוי! — האָט צירעלענקע אונטערבראָכן מיט איר נייגעריקייט.

„יעדע מוטער וואָלט זיכער געוואָלט, אַז איר זון זאָל נישט גיין אויפן פראָנט. זי איז אָבער שטאָלץ, ווען ער ווערט אויסגעצייכנט! פרויען זענען אַנטציקט צו זען אַ מיליטערישן פּאַראַד — איצט דעם אוניפאָרם, האָט איר דען פיינט?"

„ס'איז ריכטיק, מיר האָבן ליב דאָס שיינע פון מיליטערישן לעבן, — האָט צירעלענקע צוגעשטימט. אַ זעלכע און ענלעכע שמועסן זענען פאָרגעקומען טאָג טעגלעך.

מאָריסן האָט אָנגעהויבן באַנג טאָן, וואָס עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אַהערצוקומען זיין פרוי. ווייל אויסער דעם, וואָס די חברים האָבן געשפּאָסט אויף זיין חשבון האָט ער אַליין מיט זעקס אויגן געזען, וואָס אַרום אים קומט פאָר. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז דער פלאַץ און די באַדינגונגען האָבן געשטערט צו מאַכן אַ העפטיקן פאָרוואורף זיין פרוי. נאָר איין מאָל, ווען דער חשד אויף זיין פרויס פאַראַט האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, האָט דער דעמאָן פון איפערזוכט געמאַכט זיין גייסט דערפינדעריש.

צירעלענקע איז געלעגן אויפן געלעגער מיט מאָריסן. אירע בלאָנדע פלעכטן זענען געווען צעלאָזן אויפן קישן און אויף זיינע אַקסלען, ווי אַ זונען־געוועב. מאָריס איז געלעגן נעבן איר ווי אַ פאַרשיכורטער און זיך פאַרקוקט אויף אַ פלאַטערל, וואָס האָט זיך געשפּילט אין אַ קאַרוזעלע אַרום דעם לאָמפּ־אַבאַזשור און געוואָרפן אַן איבערגעטריבענעם שאָטן אויף די ווענט אין דער גרייס פון אַן אַעראָפּלאַן. אַ לויטער בלאָער, מיט אויסגעזעצטע שטערן, ווי מיט מעדאַלן, איז געהאַנגען דער הימל, ווי אַ גלאָרייכער פאַן. אַ ליב ווינטל האָט אַריינגעפּאַכעט דורכן האַלב־אָפענעם פענצטער... און ס'וואָלט געווען אַזוי גוט איינצושלאָפן מיט אַ רואיקן קאָפּ, נאָר צירעלענקע איז געלעגן מיט אים אויף איין קישן און ער האָט געפילט, אַז זי איז אַזוי ווייט פון אים, ווי דער הימל פון דער ערד. צום אומגליק האָט אַ וואַנט פון מאָריס צימער קאָמוניקירט מיטן דאָקטאָרס צימער... ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צי זיין חשד איז נישט קיין פאַלשער, צי זיין צירעלענקע פאַרברענגט נישט מיטן דאָקטערל, ווען ער שלאָפט ווי אַ געהארגעטער, ווייל מאָריס האָט גאָר קיין צוטרוי נישט געהאַט צו זיך ווען דער שלאָף האָט אים געפאַנגען. ער האָט געהאַט אַזאַ פעסטן שלאָף, אַז מען האָט געקאָנט מצות אויף אים וועלגערן און ער זאָל נישט פילן. נאָר

לעצטנס איז ער געווען צופיל אויפגערעגט ער זאָל זיך קאָנען איבער־געבען מיט אַ קינדערישער לייכטקייט דעם שלאָף. ער האָט זיך אויסגע־דרייט צו זיין פרוי און ווידער אַמאָל זי באַוואָרפן מיט צערטלעכקייטן און געגלעט אירע לאַנגע האָר. און גלעטנדיק איר אין דער נאַנטקייט, האָט ער אַרומגעוויקלט אַ לאָק פון צירעלענקעס האָר אַרום אַ קנעפל פון זיין העמד... און געוואַרט מיט אומגעדולד וואָס עס וועט פּאַרקומען. צירעלענקע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע אָרעמס און אים אָפּגעגעבן אירע צערט־לעכקייטן, האָבנדיק דערביי אין זינען דעם דאָקטאָרס ווייסע טויבן־הענט.

שפּעט ביינאַכט, ווען זי האָט דערהערט דעם ערשטן סיגנאַל פון דאָק־טאָר, וואָס איז באַשטאַנען אין איבערוקן אַ שטול, האָט צירעלענקע געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהויבן. זי איז אָבער גלייך צוריק אַנידערגעפאַלן מיט אַ קרעכץ. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און אַנטדעקט דעם מאַנס אייפּער־זוכטס־איינפאַל.

צירעלענקע האָט אָנגעהויבן קרעכצן און סימולירט אַ שוואַכקייט. איר מאַן, וואָס האָט דרימלענדיק געפילט, אַז צירעלענקע וויל אויפשטיין, האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און געמאַכט זיך שלאָפן. נאָר ווען די קרעכצן זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, האָט ער אַ דערשראָקענער זיך אויפגע־כאַפּט און געטראָפן זיין פרוי האַלב פאַרחלשט.

„צירעלענקע, צירעלענקע, וואָס איז דיר ?" — האָט ער זי גערופן, טרייסלענדיק ביים אָרעם.

— ס'האַרץ, ס'איז מיר נישט גוט — האָט זי קוים אַרויסגעקרעכצט.

— וואָס זאָל איך דיר טאָן ? — האָט ער זי געפרעגט פאַרלוירן. נאָר זי האָט געענטפערט מיטן זעלבן „ס'איז מיר נישט גוט".

ער האָט שוין געוואָלט אַרויסרופן דעם דאָקטאָר, איז ער אָבער געווען ווי געפּענטעט. ער האָט גענומען אויפפּלאָנטערן דעם לאָק און אין געאייל נאָך מער פאַרדרייט אירע האָר, ביז ער האָט פאַר כעס אָפּגעריסן ס'קנעפּל מיט אַ שטיק פאַדערהעמד... און האָט צירעלענקען געבערענגט דעם דאָקטאָר.

דאָס דאָקטערל אין פּיזשאַמע מיטן מאָרגן־ראָק פון אויבן, האָט זי באַטראַכט, גענומען איר דעם דופק און אויסגעפונען, אַז ס'האַרץ איז איר אַביסל אָפּגעשוואַכט און איר געהייסן ליגן אַ צוויי טעג אין בעט... צירע־לענקעס געזיכט איז געווען אין פלאַמען און מאָריס האָט זיך געמאַכט פאַר־ווורפן אויף זיין משוגענעם איינפאַל און געגאַנגען רואיק צו זיינע איבונגען.

ער האָט אָבער נישט געוווסט, אַז איר „רעקרוטן־לערע" וועט זיין אַ קורצערע ווי זיינע... און אַזוי ווי דעם דאָקטערלס האַרץ איז געווען פאַר איר אָפן ווי אַ קאַזאַרמע, האָט ער זי דאָרט אויסבאַהאַלטן און אין אַ שיינעם פרימאָרגן פאַרשווונדן מיט איר.

דיאַגנאָס בילד

— ווי פילט איר זיך? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט זיין פאַציענט, דעם דאָקטאָר ניסנזאָן, נאָכן אָפזיין עטלעכע טעג אינעם תפיסה־שפיטאָל.

— פיל בעסער — האָט דער דאָקטאָר ניסנזאָן, אָפנהאַרציק געענטפערט. אויפן תפיסה־דאָקטאָרס פנים איז קענטיק געווען אַ דערשטוינונג פון דעם אומדערוואַרטן ענטפער פון זיין פאַציענט. ער האָט געגלויבט, אַז נאָך דעם לאַנגוואָכעדיקן באַקלאָגן זיך אויף זיין מאָגן; נאָך דער לעכצנדיקער דערוואַרטונג אויפגענומען צו ווערן אין שפיטאָל, וועט דער יידישער דאָקטאָר פרוון וואָס לענגער סימולירן זיין שוואַכקייט, כדי אויסצונוצן די מילך־דיעטע, וואָס איז געווען אַזוי נויטווענדיק פאַר זיין ראַנע אויפן מאָגן. די ערלעכקייט פון דאָקטאָר ניסנזאָנס ענטפער האָט אַ ביסל צעטומלט דעם תפיסה־דאָקטאָר. ער האָט זיך דערווייטערט מיט אַ מינע, וואָס האָט אים פאַראַטן: „און דאָך איז שווער אָפצושאַצן אַ יידן!“

פאַרשידענע קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן אויפן אַרעסט פון דאָקטאָר ניסנזאָן. איינער האָט דערציילט, אַז ער האָט אַ שלעכטן דיאַגנאָז געשטעלט און איבער אים, איז דער קראַנקער שפעטער געשטאָרבן. פרויען האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז ער איז „אַריינגעפאַלן“ צוליב אַ פאַרבאָטענע אָפעראַציע... אַנדערע ווידער זענען געווען גרייט אַפילו צו שלאָגן זיך פאַרן אמת, וואָס זיי וויסן, אַז ער האָט אַ סך שונאים צווישן די קריסטלעכע קאָלעגן און עמעצער זאָל האָבן צוליב קנאה געמאַכט אויף אים אַ בילבל, אַז ער האָט זיך רייך געמאַכט מיט מיליאָנען, פון בלויז פרויען־אָפעראַציעס.

די אַלע השערות, האָט מען געקאָנט הערן ביי דער אַלטער פריילין, די אַפטייקערין פון דער זעלבער גאַס. טראָץ דעם, וואָס זי פלעגט ליב האָבן אַ שמועס טון מיט יעדן קליענט, אַן עצה געבן וועגן אַ רפואה, רעקאָמאַנדירן אַ ספעציאַליסט, פלעגט זי אָבער, וואָס שייך דעם דאָקטאָרס אַרעסט, זיין פאַרשלאָסן. זי האָט יעדן אויסגעהערט און אַליין אַ הויב

געטאָן מיט די שמאָלע אַקסלען. נאָר דער קליינער שמייכל־קנייטש ביים מויל האָט אויסגעזען צו טראָגן דעם דאָקטאָרס סוד.

אין פאַרגלייך צו די שונאים, האָט דאָקטאָר ניסנזאָן געקאָנט זיך גרויסן מיט די פּילצאָליקע פריינד און פּאַציענטן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אים די גרעסטע אנערקענונג און צוטרוי. דעריבער האָט מען געמוזט ביי אים אין וואַרטע־זאַל אָפּזיצן שעהען, ביז מען איז צו אים אָנגעקומען. די איינוווינער פון דער יידישער גאַס האָבן אים געקאָנט נאָך פון פאַר דער לעצטן מלחמה אַלס דעביוטאַנט. ווי נאָר ער האָט געהאַט געעפנט זיין מעדיציניש קאַבינעט, פלעגט ער גיין אויף וויזיטן מיט אַ וואַליזקעלע אין וועלכן ער האָט מיטגעטראָגן עטלעכע טערמאָמעטערס, אַספּירין און אַ סך פון די צוגעשיקטע פּרובע־מעדיקאַמענטן. ביי נישט פאַרמעגלעכע קראַנקע פלעגט ער שענקען רפואות און אַרויסבאָרגן אַ טערמאָמעטער.

ווען ער פלעגט דורכגיין די גאַס מיט זיין קודלאַטן הונט וואָיו, האָבן די שטיינער געציטערט פון זיין הויכער, אימפּאָזאַנטער פיגור. ער האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען אויף רעכטס און אויף לינקס און אָפּגע־שטעלט פּאַציענטן אויספרעגן זיך אויף זייער געזונט. זיין עטוואָס געבוי־גענעם קאָפּ אויף אַ זייט, האָט זיך געהוידערט ביי זיין יעדן טריט און אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. פונקט ווי ער, איז אויך זיין הונט וואָיו געווען באַקאַנט אין גאַס. נישט איינמאָל האָבן זיינע פּאַציענטן געזען דעם הונט אויף אַ בולוואַר, אַרומלויפן ווי אַ פאַרסמטער, זוכנדיק זיין באַלע־באָס — און פלוצלינג, האָט מען באַמערקט פון אונטער אַ בוים דעם קוועלנדיקן דאָקטאָר נאָכפּאָלגן דעם צערודערטן הונט. שטיפעריש פלעגט ער זיך באַווייזן פאַר וואָיו און געוואַרט מיט טריאומף אויף דעם הונטיש הכנעהדיקן האָפּקען אַרום אים.

גאַנץ באַזונדער האָבן פרויען פון אים אָפּגעקוואָלן. איצט רעדן די שכנים אין די געוועלבער אַז דעם דאָקטאָרס פרוי פירט זיך געאָרעמט מיט אַן אַנדערן מאַן — און האָבן שוין געזאָגט זייער נבואות, אַז דער דאָקטאָר וועט שוין אָפּזיצן אין תפיסה ביז זיין ענדע.

צומשטאָרקסטן האָט געוויטיקט אויפן דאָקטאָרס אַרעסט זיין אמתע פריינדין, די פּאָלאַטשקע בראָניסלאַוואַ. אַלס יונגע אלמנה האָט זי באַ־קענט דעם דאָקטאָר ניסנזאָן. זי האָט דאָס אים איינגעאָרדנט זיין איצ־טיקן קאַבינעט און אין די שווערסטע מאָמענטן געהאָלפן אים מאָראַליש און מאַטעריעל שטעלן די ערשטע טריט פון זיין מעדיצינישער קאַריערע.

איצט אין איר פריזיר־סאַלאָן, ביים קעמען דעם קאָפּ פון אַ קליענטין, וויטיקט זי מיט גרענעצלאָזן מיטגעפיל פאַר אירליידנדיקן פריינט, וואָס איז אַ קרבן פון רכילות, אַרויסגערופן דורך אַנטיסעמיטישן גיפט. פונקט אַזוי

זיכער, ווי ס'איז איר ליבע צום דאָקטאָר, אַזוי זיכער ווייסט זי, אַז אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, איז אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער אַרבעט, דיקטירט פונעם געוויסן פון אַ מעדיצינער. ביי טאָג און ביי נאַכט איז ער געווען אויף זיין פּאָסטן און געדינט דעם ליידנדיקן מענטשן.

בראָניסלאַוואַ גלעט אַ האָפנונג אין האַרצן, אַז דער אמת וועט זיגן און דער דאָקטאָר וועט באַפרייט ווערן. זי פילט דאָס אינטואיטיוו. איר ליבע פאַרן דאָקטאָר איז געבליבן פּונקט אַזוי פריש ווי דעמלט, בעת דעם קריג, ווען זי איז געקומען אים זען אין דעם בוידעם־שטיבל, ווי זי האָט אים אויסבאַהאַלטן פון די דייטשע גהנימניקעס. צוויי יאָר צייט האָט זי אים געפלעגט אין זיין באַהעלטעניש, נישט וויסנדיק, אַז זי קעכלט אים פאַר אַ צווייטער פרוי.

דער סוד פון אויסבאַהאַלטן דעם דאָקטאָר איז געווען פאַרטיילט צווישן איר און דער הויז־וועכטערין. פון דעמלט אָן האָבן צוויי פרויען אויסגעפילט דעם דאָקטאָרס איינזאַמקייט. שטענדיק דינסטפערטיק, האָבן צוויי פרויען־הערצער געקלאַפּט פאַר זיין באַדראָט לעבן: די רייצנדיקע אלמנה בראָניסלאַוואַ און די הויזוועכטערינס טאָכטער דיאַנאַ.

ווען דער דאָקטאָר האָט דאָס ערשטע מאָל געזען דיאַנאַ, האָבן אים אַ קלאַפּ געטון אין אויג אירע איידעלע שטריכן און די קינדערישע בויגעוודיקייט. נאָר איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען זי האָט אים אַרויפגעברענגט די קאַפע, אָנגעטון אינעם מאָרגן־קלייד, די האָר צעלאָזן, האָט דער דאָקטאָר, דערזעענדיק אירע לאַנגע האָר, וואָס האָבן מיט אַ שימער פון זיידענעם וועלור זיך געצויגן ביז אויף אירע נאַקעטע ליטקעס, פאַר אַנטציקונג אויסגערופן „אָ מאַדמואַזעל! וואָס"... ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצושרייען זיין באַוווּנדערונג פאַר אירע לאַנגע האָר, ווי זי האָט אַ צאַפּל געטון און אַרויסגעלאָזט דאָס קריגל קאַפע פון האַנט... אַ פאַרבלופטער האָט ער איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשווונדן. דעם דאָקטאָר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט נאָר וואָס די אויגן געעפנט פון אַ חלום. פון דעמלט אָן, האָט זיך איר געשטאַלט ווי צוגעקלעבט צו זיין מוח. און אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג, ווען אין קאָפּ האָבן זיך געטומלט די געדאַנקען און אָנגעשטויסן זיך איינאַנדער, ווי פאַרשפּעטיקטע רייזנדע אויף אַ וואָקזאַל, האָט זיך אַרויסגעשיילט דיאַנאַ, ווי די באַן, וואָס דאַרף אים פירן צום ציל...

ווען דיאַנאַ האָט שוין געהאַט באַהערשט דעם דאָקטאָרס האַרץ, איז ער צוגעפאַלן צו זיין פריינדן בראָניסלאַוואַ, ווי אַ ייד צו דער כותל מערבי און דערציילט דעם סוד פון זיין ליבע צו דיאַנאַ. זי האָט דערויף געשוויגן, ווי עס קאָן שווייגן די הייליקע וואַנט, וואָס פאַרשטיינערט אין זיך מענטשלעכע טרערן. די דערקלערונג פון דאָקטאָר האָט זי צעטרייסלט. טראָץ

דעם קלאַפּ אויף איר אייגן־ווירדע, האָט זיך איר אַמביציע נישט אַריינגעמישט אויף אָפּצוווענדן אירע געפילן פון דאָקטאָר. אַפילו אויף אַ האָר האָט זיך איר ליבע נישט געמינערט. ווען זי קאָן אים מיט וואָס עס איז העלפן, וואָלט זי נאָך היינט פאַר אים זיך מקריב געווען. פון דעסטוועגן האָט זי דורך די איידלסטע געפילן טיילמאָל ביטער אים געהאַסט.

**

דער דאָקטאָר איז באַפרייט געוואָרן. אויף דער שוועל פון זיין הויז, איז ער ווירדיק אויפגענומען געוואָרן פון זיין דינסטמיידל מאַרי און זיין הונט וואָיו. זיין פרוי וואָס האָט זיך געפונען ביים קינד אויפן דאָרף, האָט מען טעלעגראַפירט, אַז דער דאָקטאָר איז אין דער היים. וואָיו איז אַרומגעשפרונגען אַרום דעם דאָקטאָר, אים באַלעקט און באַשמעקט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די אונטערשטע לאַפּעס, אָנגעקוקט גלייך זיין באַלעבאָס און אויסגעבילט די פאַרווונדערונג, וואָס מען האָט געקאָנט אויסטייטשן: „אָ ווי דו האָסט זיך געענדערט מיין פריינד!"

באַלד אויפן צווייטן טאָג פון זיין באַפרייאונג האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער דאָקטאָר איז צוריק אין דער היים און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן די אַלטע באַוועגונג ביים דאָקטאָר ניסנזאָן. פון דאָ און דאָרט זענען אָנגעקומען באַגריסונגען, טעלעפאָנישע און שריפטלעכע. צווישן אַנדערע, האָט זיך אויך געפונען בראָניסלאַוואַס אַן ענטוזיאַסטישע טעלעגראַמע. פאַרשידענע דערמאַנונגען האָבן זיך אין אים אויפגעגראָבן און באַלד צוריק פאַרשיט געוואָרן.

דעם דאָקטאָר איז קוים מעגלעך געווען צו דערקאָנען, אַזוי אָפּגעצערט איז זיין גוף געווען. בלויז דער שמייכל איז געבליבן דער זעלבער. ער האָט אויסגעזען געגוג קאָמיש אין די קליידער, וואָס האָבן געשלאַבערט אויף אים, ווי זיי וואָלטן נישט זיינע געווען. פון זיין שוואַרצער טשופּרינע איז נישט געבליבן קיין סימן פון שוואַרץ. דאָס גאַנצע זילבער, וואָס די עלטער פאַרמאָגט איז געלעגן אויף זיין קאָפּ.

דער דאָקטאָר האָט זיך געפילט דערשעפּט און נישט בכוח געווען אויפצונעמען זיינע פּאַציענטן. אַ וואַרעמקייט האָט אים געזעצט אין די שלייפן און די אויגן־לעפּלעך זענען שווער געפאַלן איבער די אויגן. איידער ער האָט זיך באַוויזן אין וואַרט־זאַל, האָט ער גענומען זיין טעמפּעראַטור. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן פערציק. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין שאַנק־אַפּטייק און געמאַכט אַ גרימאַסע, ווי איינער וואָס איז איבערגעזעטיקט און קאָן נישט קוקן אויף קיין שפּייז. פון דעסטוועגן איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, צונויפגעמישט אַ דראָג און ביי דער אָפענער שאַנק,

ווי מען כאַפּט אַריין אַ שנעפּסל אויף דער שנעל, האָט ער דאָס אויסגעטרונקען. איבערבויגנדיק זיך ביים טרונקען, זענען זיינע מידע אויגן געפאַלן אויף דער וואַנט ווי עס איז געהאַנגען דיאַנאַס בילד מיט די צעלאָזענע, געפאַלעוועטע האָר, ווי זי איז גיכער ענדלעך געווען צו אַ גריכישע פאַבל־געטין, ווי צו אַ נאַטירלעך באַשעפעניש. אָבער וואָס זעט ער?... זיינע אויגן האָבן פיקס געקוקט אויפן פלאַץ, ווי ס'איז אַנשטאָט ס'בילד, געבליבן די בלויזע פאַרמע פון רעמל, וואָס האָט געלאָזן אַ העלן פלעק. ער האָט אומרואיק אַריבערגעפירט זיין בליק איבערן צימער, מיינענדיק, אַז דיאַנאַ האָט געטוישט דאָס פלאַץ פונעם בילד, אָבער אין ערגעץ איז עס נישט געווען. דאָס בילד איז געווען זיין ליבלינג, זיין „פעטיש". ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט זיין אַרבעטס־צימער אָן דיאַנאַס בילד, וואָס האָט אַ סך מאָל אין אים דערוועקט דאָס ערשטע געפיל צו איר, ווען זי איז דערשינען מיט די צעלאָזענע האָר אין בוידעם־שטיבל פון זיין באַהעלטעניש און אים דעמלט ווי פאַרהיפּנאָטיזירט. דאָס בילד האָט שטענדיק געהאַנגען אַנטקעגן דער טיר, אַזוי אַז ס'איז אוממעגלעך געווען, אַז דער אַריינקומענדיקער פּאַציענט, זאָל עס נישט באַמערקן. יעדער פלעגט זיך לאַנג פאַרגאַפן אויף דעם פאַרכאַפּנדיקן בילד און ווי אַ פאַרשפּילט קינד, לייכטער אויפנעמען דעם דאָקטאָרס געשטעלטן דיאַגנאָז...

דעם דאָקטאָר האָט אָן אומרו באַהערשט. אָן אומרו, אַז זיין פרוי פאַראַט אים. פון וואַנען דער איינפאַל? אַז קיין שום קאָנקרעטע באַווייזן האָט ער נישט געהאַט. ער האָט אַדורכגעפירט אַ קורצן סך־הכל פון זיין ביז איצטיקן פאַמיליען־לעבן און געקומען צום אויספיר, אַז די זעקס מאָנאַטן תפיסה האָבן לייכט געקאָנט אַריינברענגען אַן איבערקערעניש אין זיין פאַמיליען־לעבן.

ער ווייסט אַז דיאַנאַ האָט געהאַט אַ שוואַכקייט פאַרן ראַדיאָלאָג ביל. פּאַמעלעך האָט ער זיך צוגעשאַרט צום טעלעפאָן „אַלאָ! דאָ דאָקטאָר ניסנזאָן. איך וויל רעדן מיטן דאָקטאָר". — ער איז פאַרייזט, — האָט מען געענטפערט פון דער צווייטער זייט דראָט. הממממ, ער איז נישטאָ שוין עטלעכע טעג?" — האָט דער דאָקטאָר דורך די ציין איבערגעחזרט, פלעגמאַטיש האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און געבליבן זיצן ווי אַ געליימטער. זיין חשד איז געקרעפטיקט, ביל איז מיט זיין דיאַנאַ.

אַ שווערקייט האָט אָנגעפילט אַלע זיינע גלידער און די אויגן האָבן זיך אים צוגעשלאָסן. פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין וואַרט־זאַל וואַרטן אויף אים קראַנקע, האָט ער מיט אַלע כוחות זיך אויפגעשטעלט פון פאָטעל, זיך שווער צוגעשאַרט צו דער טיר און זי געעפנט. אָבער מאָדנע, ווו זענען די מענטשן? דער זאַל איז געווען פוסט, די שויבן אויסגעהאַקט

און אַ ווינט האָט געיאָגט פון פענצטער. פלוצלינג האָבן די צעבראָכענע שויבן אויפן באָדן זיך פאַרוואַנדלט אין אייז... דעם דאָקטאָר איז מיט אַ מאָל קאַלט געוואָרן. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, אַ שטויס באַקומען און געעפנט די אויגן. אַ קאַלטער שווייס איז אים געשטאַנען אויפן שטערן און די וועש האָט זיך ביי אים געקלעבט צום לייב. ער האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס איז די צוריקווירקונג פון דראָג. אין צימער איז שוין געווען טונקל. ביסלעכווייז האָט די נאַכט זיך צעוויקלט און אַרומגענומען אַלע קעגנ־שטאַנדן צוזאַמען מיטן אומבאַוועגלעכן דאָקטאָר. זיין פאַנטאַזיע איז געווען פיקסירט אויף דיאַנאַס בילד, טראָץ דעם וואָס אויף דער ליידיקייט האָבן נאָר פאַנטאַסטישע שאָטנס געשפּינט.

מאַרי האָט דורכן טעלעפאָן פון פאָדער־צימער גערופן דעם דאָקטאָר צום טיש. דערזעענדיק אים, האָט זי אים גלייך געזאָגט אַז זי האָט גע־נומען איניציאַטיוו צו זאָגן די אומגעדולדיקע פּאַציענטן אַז דער דאָקטאָר פילט זיך נישט גוט.

— אַ סך מענטשן געווען?

— אַכט מאַן.

דער דאָקטאָר האָט זיך געוווּנדערט דורך אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל.

אויפן דריטן טאָג איז דיאַנאַ געקומען מיטן קינד. דאָס פּאַרפּאַלק האָט אויסגעטוישט אַ פּאָר סענטימענטאַלע ווערטער. זי האָט זיך אָפּגעווישט אַ טרער. די זעקס יעריקע סילפיד האָט אַרומגעפלאַטערט אין שטוב און דאָס שטימעלע האָט אָפּגעשלאָגן ווי אַ קוקאַווקע.

— ווי איז דאָס בילד? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט מיט אַ ציטער אין דער שטים, נאָכן אָפּפרייען זיך אַ ביסל מיט זיין פרוי.

טראָץ דעם וואָס דיאַנאַ האָט דערוואַרט די דאָזיקע פראַגע און געהאַט אַן אָנגעגרייטן ענטפער, האָט זי אין אַ אָנגערייצטן טאָן, וואָס זוכט צו פאַר־שטעלן אַ צעטומלטקייט, אומגעלומפּערט געענטפערט.

— וואָס איז דען? איך האָב עס. די שויב איז צעבראָכן געוואָרן ביים רוימען, האָב איך אַוועקגעגעבן צו מאַכן אַ צווייטע — האָט זי אָפּגעענט־פערט קורץ.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַביסל באַרואיקט„ אָבער פאַרוואָס מיידט זי אויס מיין בליק, פאַרוואָס קוקט זי מיר נישט גלייך אין די אויגן?"

— דיאַנאַ, — האָט דער דאָקטאָר זיך געווענדעט צו זיין פרוי, זיצנדיק מיטאָג־שעה ביים טיש.

— וואָס איז דידיע? — האָט זי געפרעגט.

— פאַרוואָס נעמסטו נישט אַראָפּ דעם טורבאַן פון צייט דו ביסט

געקומען. דו גייסט דען אַוועק? עס האָט זיך אין אים אַ גלוסטן דערוועקט זיך צו שפּילן מיט אירע האָר.

אַ כמאַרע האָט זיך פאַרצויגן אויף דיאַנאַס געזיכט — איך דאַרף גיין צום פריזירער.

דאָס ערשטע מאָל, פון צייט דידיע וווינט מיט דיאַנאַ, האָט ער גע־הערט, אַז זי דאַרף גיין צום פריזירער. שטענדיק פלעגט מאַרי קעמען און פלעכטן אירע האָר. אַ מיאוסער פאַרגעפיל האָט אים אַ שטויס געטון צו אַ באַוועגונג און ער האָט האַסטיק אַ כאַפּ אַראָפּ געגעבן דעם טורבאַן פון דיאַנאַס קאָפּ...

— וואָס איז מיט דיר דידיע? דו האָסט דיין גאַנצע איידלקייט פאַר־לוירן אין דער תפיסה צוזאַמען מיט די גנבים.

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, שרייען, פּראָטעסטירן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט איבערזעצן זיין כעס־געפיל, וואָס די פרויס אָפּגעשוירענע האָר האָבן אין אים אַרויסגערופן. פאַר אים איז איצט געשטאַנען אַ פרעמדע, דורכשניטלעכע פרוי מיט גלייכע צעפּאַטלטע האָר און דאָס געפיל פון ווייטיק האָט אים געבערענגט אויף אַ בליצוויזיע און פאַרוואַנדלט דיאַנאַ אין אַ מכשפה, וואָס די עקן פון די האָר זענען באַוואָפנט מיט שטאָלענע שפּיצן און אָט באַלד וועלן זיי זיך אַריינבעגלען אין זיין האַרץ אַריין.

אין עטלעכע טעג אַרום אין אַ זונטיק, האָט דער דאָקטאָר זיך ווידער געפרעגט אויפן בילד.

— דידיע, וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אין אַ בילד? דו האָסט דאָך מיך!

— ניין. דער אָרגינאַל איז שוין ווייט נישט ענלעך צום בילד. זאָג דעם אמת, דו האָסט דאָס בילד עמעצן אַוועקגעגעבן? — האָט ער מיט ווייטיק געפרעגט. גלייך דאָס פּאַפּירענע אָפּבילד פון זיין לעבעדיקער פרוי וואָלט איצט געווען די איינציקע פאַרהייראַטע געמיינזאַמקייט.

דיאַנאַ איז צעטומלט געוואָרן. האָט אָנגעקוקט איר מאַן און אַ רויט־קייט האָט באַשלאָגן איר געזיכט.

די אינערלעכע וואַקלענישן פון איר צעריסן געמיט האָבן איר אָנגע־רייצט די שטים און מיט אַ געפיל פון באַפרייאונג האָט זי אויסגעשאָסן:

— איך האָב ליב בילן. איצט ווען דו ציסט מיך ביים צונג, וועל איך גאָרנישט מער אויסבאַהאַלטן פאַר דיר. איך לאַנגווייליק מיך אין דיין הויז. עס איז מיר נימעס, אַז מיין לעבן זאָל אָפּגיין אין אַ קרייז פון קראַנקע ווי אין אַ שפּיטאָל!

— האָסט דען נישט געוווסט, אַז אַ דאָקטאָר דאַרף כמעט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעבן פאַר קראַנקע?

— דיינע קאָלעגן זענען נישט אַזוי פּאַרקויפט ווי דו. אַ ביישפּיל ביל. גייט צו דיר אַריין אַ פרוי האַלסטו זי אָפּ אַ שטונדע... אַפילו דיין שמייכל האָבן זיי ביי דיר אָפּגעקויפט! פאַר מיר האָסטו מער גאָרנישט. דו האָסט מיך מער נישט ליב. דיינע פּריוואַטע מינוטן זענען אויסגעפילט מיט קרעכצן פון דיין טאָג אַרבעט און דיין קראַנקן־מאָגן. איך שווער דיר, אַז כ'בין מיד פון אַזאַ לעבן!

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן דעם אָנגעזאַמלטן צאָרן, וואָס האָט זי שוין זייט לאַנג געפּרעסט.

דער דאָקטאָר איז געזעסן ווי אויף ברענענדיקע קוילן און געלאָזט זיין פרוי שרייען. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען ביי איר אַזאַ כעס. אין האַרצן האָט ביי אים אַ צאַפּל געטון, ווי ביי אַן עלטערן מענטשן, ווען ער זעט אַ פרילינג פאַרשווונדן און ווייסט נישט צי ער וועט דערלעבן אַ פרישן; ער האָט זיך געפילט אַלט אַנטקעגן דער יונגער דיאַנאַ, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים מיט צאַפּלדיקער פרישקייט, ווי אַ פליסנדיקער קוואַל, וואָס פאַלעוועט אַריבער די ברעגעס מיט זיין אומגעצוימטן כוח...

דיאַנאַ איז פאַרשווונדן און אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען און אַוועקגעלייגט דאָס בילד פאַר דידיען, זאָגנדיק: — דו האָסט ליב מיין בילד, אָבער דאָס בילד דאַרף נישט דיין ליבע!

דער דאָקטאָר מיטן בילד אין האַנט, האָט געקוקט אַמאָל אויף דער פרוי און אַמאָל אויפן בילד. ער האָט געזוכט און געוואָלט געפונען די אַמאָליקע שייכות, די אידענטישקייט. אָבער מאָדנע, איר איצטיק פאַר־ווײַנט געזיכט מיט די קורצע האָר, האָבן זיך אַרויפגעצויגן אויפן בילד — און מיט איינמאָל האָט זיך דער גאַנצער אַדל פון איר אָפּגעטון. נישט די אַמאָליקע דיאַנאַ האָט ער איצט געזען אויפן בילד, נאָר די איצטיקע.

— האָסט נישט אַ טראַכט געטון וועגן קינד? — האָט דער דאָקטאָר מיט אַ געצוימטן צאָרן געפרעגט, אָפּקערנדיק די אויגן פונעם בילד.

דיאַנאַ האָט אָנגעהויבן ווײַנען אויפן קול. סילפיד, הערנדיק דער מוטער ווײַנען, האָט זיך אויך צעוויינט. דיאַנאַ האָט מיט איינמאָל דערפילט די צעריסנקייט פון איר היים. נאָר אים, דעם דאָקטאָר איז שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דיאַנאַ וויינט. צי אויס חרטה פאַר איר טאָפּלט לעבן, אָדער פאַר זיין געמאַכטער, גזלנישער גלייכגילט.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פון שטוב. ער איז געגאַנגען ווי אַן אָנגעדרייטער אויטאָמאַט און אַליין נישט ווייסנדיק ווי אַזוי, האָט ער זיך געפונען אויף דער שוועל פון בראָניסלאַווס וווינונג.

דער דאָקטאָר, וואָס איז שטענדיק געווען אָנגעזאַפּט מיט פרעמדע צרות, אויסהערנדיק צענדליקער קראַנקע דעם טאָג, האָט טראָץ זיין קאָנ־

צענטרירטער נאַטור, געהאַט איצט אַ באַדערפעניש זיין האַרץ צו עפענען פאַר אימעצן.

— הייליקע מוטער! — האָט בראָניסלאַוואַ אויסגערופן, זעענדיק דעם דאָקטאָר ניסנזאָן. זי איז אויף אים אַרויפגעפאַלן, אים געקושט און אים אויפגענומען ווי אַ טייערן גאַסט.

די קניען האָבן זיך איר געבראָכן פאַר איבעראַשונג. זי האָט זיך קוים צוגעשאַרט צו אַ פאָטעל און אַנגעוויזן דעם דאָקטאָר אויף אַ צווייטן. בראָניסלאַוואַ האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן: — זאָג, וואָס האָט דיך געבראַנגט צו מיר? איך בין דיר שטענדיק אַ פריינד. דו האָסט זיך אָפּגעשפּילט מיט מיינע געפילן, אָבער איך... — האָט זי דורך שטיקנדיקע טרערן גערעדט.

— יאָ, בראָניאַ, אַ מוטער בלייבט שטענדיק אַ מוטער, אַפילו פאַרן ערגסטן קינד — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און אויסגעפּילט זיין צעווייטיקט האַרץ מיטן גלאַנץ פון אירע געל־גרינע אויגן, ווי האַרבסט־בלעטער.

זי איז געווען טיף גערירט פון זיין שוואַכער שטים און זיין מאָדנע קרענקלעכע קאָליר.

— בראָניסלאַוואַ, — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופן, נעמענדיק איר האַנט.

— וואָס איז, דידיע? — האָט זי מיט שרעק געפרעגט, זעענדיק די גרימאַסע אויפן דאָקטאָרס געזיכט.

— איך בין געקומען... — די רעשט ווערטער האָבן זיך אים פאַרהאַקט און זיין קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין ברוסט. בראָניסלאַוואַ האָט געריבן דעם דאָקטאָרס שלייפן מיט קעלניש־וואַסער. אים געמונטערט און זעענדיק, אַז ער קומט נישט אויף, האָט זי טעלעפאָנירט צו איר דאָקטאָר. נאָר איידער דער דאָקטאָר איז געקומען איז דידיע געקומען צו זיך. ער האָט געבעטן זי זאָל אָפּרופן די וויזיט. זי האָט אים געפאָלגט.

דער דאָקטאָר איז געלעגן אויף דער סאָפע און זיינע מידע אויגן האָבן טרויעריק זיך געגליטשט איבער בראָניסלאַוואַס געשטאַלט, וואָס איז געזעסן נעבן אים און אים געגלעט די הענט.

קוקנדיק אים אַזוי אין די אויגן, האָט זי געטראַכט: „איצט איז ער מיינער. קיינער וועט אים מער נישט צונעמען. אין גאַנצן מיינער — באַלד וועט ער דאָס מיר זאָגן, כ׳בין זיכער!" נאָר פּלוצלונג, האָט זי אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז דורך דעם נאָר וואָס צוריקגעפונענעם גליק, קוקט אַרויס אַ העסלעכער מזיק, וואָס אַפילו דער בלויזער געדאַנק רעוואָלטירט זיך פאַרן נאָמען... דאָס האָט איר אַזוי ברוטאַל אַ קלאַפּ געטון, אַז זי איז געבליבן זיצן, ווי אַ פּאַראַליזירטע פון אַן אָנגעגאָסענער, זיסער גלייכגילט...

אן ענגלענדער

(דערציילונג פון אַמאָליקן לעבן אין פוילן)

...אַז דיינע קינדער זאָלן דיך אַזוי פאָלגן ווי דו מיך, — האָט נעכע געשאָלטן דעם צוקונפטיקן דור פון איר קינד.

שוין דעם דריטן טאָג, ווי נעכע פירט איר נײַן יעריק הענדעלע פּיאַס־טעווען פאַרן בלויזן עסן דער נגידית'טעס קינד. הענדעלען געפעלט אָבער נישט די באַשעפטיקונג און די נגידית'טע האָט נאָך צרות פון איר, וואָס זי וויל נישט וויגן ס'קינד און לויפט אַהיים מיט אַ געוויין צו דער מאַמען.

הענדעלע וויל גיין אין שולע, נאָר ס'איז שווער איר דאָרט אַנצוקומען.

צו יענער צייט אין פוילן, פאַרן ערשטן וועלט־קריג, איז געווען אַ מאַנגל אין שולן. — דאָס האָט זיך נאָר געקאָנט דערלויבן מנשה דער פאַרמער, וואָס האָט געגעבן אַ האַלב שעפסל דעם לערער און דערפאַר באַקומען אַ פּלאַץ אין שולע פאַר זיין טאָכטער.

היינט האָט הענדעלע, ווייזט אויס, ווידער פאַרגעסן, אַז זי אַליין איז שוין „נישט קיין קינד" און האָט זיך פאַרשפּילט. זי האָט נישט באַמערקט ווי דאָס איין־יעריקע נפש האָט זיך אויפגעשטעלט זוכן אַ גרעסערע וועלט ווי די וויג... און איז אַרויסגעפאַלן מיט אַ זעץ, אַז מען האָט געמיינט ס'הויז פאַלט איין.

דאָס שרייען פון קינד האָט באַשקען די נגידיתטע אַראָפּגעיאָגט פון דער גאַלעריע. זי האָט געכאַפּט דאָס וויינענדיקע קינד, געוואָרפן אין די הענט ווי אַ פּילקע און דערביי געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז אַ האַלב שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן.

„גוואַלד מענטשן, די מויד האָט מיר דערהרגעט ס'קינד!"

די ערשטע נייגעריקע האָט אַרויסגעכאַפּט ס'קינד פון דער מוטער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול אין האַלבן חלשות. באַלד האָט אַ מבינת געזאָגט, אַז ס'קינד איז געפאַלן אויפן נעזל און ס'וועט עס חלילה גאָרנישט זיין...

אַ גאַנצער קנופּ מענטשן האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום הויז און הענדעלע האָט אויסגענוצט דעם טומל אַהיימצולויפן צו דער מאַמען. בלאַס ווי קאַלך, איז הענדעלע אומבאַמערקט פון דער מאַמען, אַריין אין אַ ווינקל, זיך אויס־געוויינט איר יונג הערצעלע, ביז דער מלאך פון שלאָף האָט זי איינגעוויגט.

דער יולי־טאָג איז געשטאַנען ווי אין פלאַמען. אין שטוב איז געווען אַ היץ, אַז ס'האָט דעם אָטעם פאַרברענט. די זון אַ צעגליטע האָט זיך צע־שמאָלצן אין שטראַלן און זיך צעגאָסן אין דעם אָרעמען צימער. דירעקט פון הימל האָבן זיך די שטראַלן געצילעוועט אויף איין וואַנט און געברענט, געברענט...

נעכע איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, די הענט פאַרשלייפט אויף דער ברוסט און געטראַכט פון וואָס צו מאַכן אַ מיטאָג. זי האָט מער נישט פאַר־מאָגט, ווי אַ הייפטל קרויט מיט אַ ציבעלע. נו טאָ נאָך וואָס דאַרף זי זיך יאָגן? וועט זי פאַרשפּעטיקן צו מאַכן דאָס גרויסע מיטאָג! איז זי געשטאַ־נען ווי שטענדיק אַן אומבאַהאָלפענע און די פוילקייט איז געקראָכן אין לייב און אין בלוט; זי האָט זיך אַזוי געטאָפּיעט אין דער פוילקייט, ווי אין דער אומאָרדענונג פון שטוב.

ביי נעכע האָט שטענדיק אויסגעזען ווי נאָך אַ שרפה... דאָס באַלעבאַ־טישקייט האָט נישט געהערט ביי איר צו די ערשטע מצוות. אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפן האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אונטערן טריט — און נעכע מיט איר לאַנגן באַטשיאַנהאַלדז, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, פלעגט שטיין אין מיטן שטוב און שאַרן מיטן פוס, ווי אַ הינדל אין מיסט.

אויף אַלעם האָט נעכע געהאַט אַן ענטפער: „נו שוין נו"... כאָטש דער פוילער ענטפער איז נישט אַלע מאָל געווען פּאַסיק, האָט זי אויס געוויג־הייט אים דאָך באַנוצט.

פלעגט אַמאָל אַריינקומען אַ שכנה און נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם „חורבן" פון שטוב, האָט זי געכאַפּט דעם בעזים און אָנגעהויבן דראַפּען די פּאָדלאָגע, האָט דערויף נעכע, מיט איר אייביקן „נו שוין נו", ווי איינער זאָגט, איז וואָס וועט שוין אַרויסקומען, אַז ס'וועט שוין זיין אויסגעקערט?

— הענדעלע, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אין מיטן טאָג? — האָט נעכע זיך געוווּנדעט מיט אַ טענה צום קינד. — מענטשן האָבן אַ מזל צו קינדער, האָבן לייטישע קינדער, נאָר איך מישטיינס געזאָגט, האָב צו גאָרנישט קיין מזל. אין דער פרעמד טויג עס נישט, אין שטוב וויל עס גאָרנישט טאָן, נאָר צום עסן און שפּילן זיך איז עס גרייט — האָט די מוטער זיך געקלאָגט, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וואָס זי זאָגט.

דאָס הויכע קלאָגן זיך פון נעכען האָט אויפגעוועקט הענדעלען מיט

האַרצקלאַפּעניש. זי האָט זיך אויסגעריבן די טרויעריקע אויגן און געקוקט גאַפּעוואַטע אַרום זיך.

— גיי אַראָפּ זען ווו הערשעלע איז, — האָט די מוטער געזאָגט אַ ביסל ווייכער.

— מיך הונגערט — האָט הענדעלע געענטפערט אָנגעברוגזט.

— נאַ, נעם עס מיין נשמה — האָט די מוטער אַ זאָג געטון מיט האַרץ און דערביי אַ רייס אויף געגעבן דעם בוזעם, ווי זי וואָלט געגאַנגען זי פון דאָרט אַרויסציען. — וואָס זאָל איך דיר געבן עסן? דו זעסט דאָך, אַז איך גרייט צו ס'מיטאָג! — האָט נעכע גערעדט מיט פאַרביטערונג. דאָס האָט פון איר אַרויסגעשריגן דער הונגער, וואָס האָט איר די געדערעם אַרויסגעדרייט.

הענדעלע האָט שוין בעסער געקאָנט פאַרטראָגן דעם הונגער, ווי דער מאַמעס בייזקייט און זי האָט מיט די באָרוועסע פיסלעך אַרויסגעפּאַטשעט אויפזוכן איר פינף־יעריק ברידערל.

פון קאָרידאָר האָט זיך געריסן אַ ריח פון פריש געקעכטס, פון גע־ריישטע ציבל און פון געפּרעגלט פלייש. די ריחות האָבן זיך פאַרקליבן אין קעל און דער גערייצטער מאָגן האָט געמאַכט גוואַלדן און אַרויפגעיאָגט אַ סלינע אין מויל ביז חלשות.

איינגעבויגן איבער אַן ערדערנער שיסל, האָט נעכע געשניטן ס'קרויט. זי האָט פּאַר פוילקייט די הענט זיך געלאָזט אויפעסן פון די פליגן... אַזוי פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָבן זיך געלייגט רינגעלעך קרויט אין דער שיסל אַריין — און נעכע האָט שניידנדיק אָפּגעשפּאָרט פון דער שיסל צו זיך אין מויל אַריין...

אויפן קיך האָט שוין פון לאַנג געקאָכט אַ טעפּל וואַסער. שוין דרייצן מאָל אויסגעלאָפן און אויסגעקאָכט, זיך געפּלעסקעט און געפּאַרעט דעם ליידיקן טאָפּ, רופנדיק דאָס קרויט.

פּלוצלונג איז אָנגעלאָפן הענדעלע מיטן ברידערל. ביידע פאַררויטלט, ווי איבערגעשראָקן און געזאָגט: „מאַמעשי, אַ מענטש פרעגט זיך צו אונדז".

אויף די שטיגן האָבן זיך געהערט ווייכע טריט און גלייך האָט זיך געוויזן דער „מענטש" אין דער טיר.

— דאָ וווינט קרעמסטשיק?

נעכע האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן פאַרן עלעגאַנטן הער מיט אַ ווייסער פּעלערין — און האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט יאָ, יאָ, קומען זי אַריין...

וואָס ווינטשן זי זיך? — האָט נעכע מיט פלאַמען אין פנים געפרעגט.

דער מאַן איז נישט ווייניקער צעטומלט געווען פון דעם הילוך פון שטוב, ווי נעכע פון דעם רייכן פאַרשוין.

— איך ברענג אייך אַ גרוס פון אייער פאַמיליע, איך קום פון לאָנדאָן — האָט דער אויסלענדער זיך דעצידירט אַריינצושטעלן אַ פוס אין שטוב — און געזוכט אַ פּלאַץ ווו צו שטעלן דעם צווייטן...

נעכע האָט אָפּערגעשלעפּט אַ בענקל פון אונטערן טיש און ווי מיט אַ שמאַטע אַריבערגעפּירט דעריבער איר האַנט. דער פרעמדער האָט אַוועקגעשטעלט זיין וואַליזקע, אַרויסגענומען אַ צייטונג פון טאַש און זי אויסגעשפּרייט אויפן בענקל. ערשט איצט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט מער צוטרוי.

— לילי מיט די קינדער זענען געזונט און זי וואָלט געוואָלט אייך אַריבערנעמען קיין ענגלאַנד.

נעכע איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט גאָרנישט געהערט וואָס מען רעדט צו איר. זי האָט געשטוינט וואָס אַ פאַמיליע, זי ווייסט אַפילו נישט פון וואָס פאַראַ מדרגה קרובהשאַפט, האָט זיך דערבאַרעמט איבער איר און פאַראינטערעסירט זיך מיט איר. בלויז כדי עפּעס צו זאָגן, האָט זי זיך פאַרענטפערט, אַז זי איז פאַרשפּעטיקט מיטן מיטאָג — און גענומען שניידן פלינק דאָס לעצטע שטיקל קרויט. גרויסע רעדער ווי ספּיראַלן זענען געפאַלן מיט אַ שווינדל אין דער שיסל אַריין.

די קינדער זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל און זיך געסודעט, מורא האָבנדיק זיך צו רירן פון אָרט.

דער טיש איז געווען פאַרפּלייצט ביז איבער די ברעגעס. נעכע האָט אָנגעהויבן אַראָפּצורוימען און פון אונטער דער האַנט אַוועקגעלייגט אויף דער ערד...

— הענדעלע, קום מיר העלפן, נו שוין — האָט זיך די שטים שוואַכלעך אַרויסגעקאָלערט פון נעכעס האַלדז. הערשעלע איז נאָכגעקראָכן זיין שוועסטער און זיך געפּלאָנטערט פאַר די פיס.

— דער ענגלענדער האָט אַרויסגענומען אַ קעמעלע פון טאַש און זיך צעקעמט דאָס רייכע בערדל מיט די וואָנסעס, וואָס האָבן אים אַוועקגענומען אַ האַלב פּנים. ער האָט אַרומגעפּירט זיינע לבנה־אויגן איבערן שטוב און באַטראַכט די קינסטלעכע טאַפּיצעריע שפּינוועב אין ווערלכע ווו נישט ווו, האָט אַ פליג געהאַלטן מלחמה אין די לאַפּעס פון אַ פעטן שפּין.

דער פרעמדער האָט זיך געוווּנדערט אויף דעם דלת און שמוץ, ווערלכע האָבן דאָ האַנט ביי האַנט געשפּינט זייער נעץ ווי דאָס בני בית האָט געזונקען.

דער גאַסט האָט געעפנט זיין וואַליזקע און גענומען אַרויסלייגן אויפן טיש געבעקס, קאָנסערוון און זיסוואַרג. ער האָט צוגערופן די קינדער, זיי

מכבד געווען מיט „קעקס" און צוקערקעס און יעדן אויף אַ צולאָג געגעבן אַ גלעט און אַ קניפּ אין בעקל, זאָגנדיק דערביי: „איר האָט ווילע קינדער".

— נו שוין נו, שפּילט אַ ראָלע קינדער... דאָס איז נישט קיין קונץ. די פּרנסה איז אָבער נישט ווויל.

דעם ענגלענדער איז געווען הייס. ער האָט זיך געדרייט מיטן בענקל אין אַלע זייטן. פּלוצלינג האָט ער געמאַכט אַ שנעלע באַוועגונג און אַרויס־גענומען פון טאַש אַ קליינעם מעכאַניזם. די קינדער האָבן פאַרווונדערט געקוקט און געמיינט, אַז דאָס איז אַ שפּילצייג. זיי האָבן אָבער געזען, ווי דער פעטער האָלט עס פאַרן געזיכט און לופטערט זיך די באָרד מיט די וואָנסן. ער האָט געשמייכלט צום מעכאַנישן פעכער, וואָס האָט גערוישט ווי אַ ווינטעלאַטאָר און געגלעט מחיהדיק ס'געזיכט, ווי מיט קינדערישע הענטלעך.

די שכנים האָט געביסן די נייגיר און אַלע ווילע איז אַן אַנדערע אַריינ־געקומען מיט אַן אויסרייד, כדי אַ בליק צו טאָן אויפן „לאָרד".

— נעכעלע, באָרגן זי מיר אַ פענדל.

— אפשר האָבן זי אַ שוועבעלע?

— ליב איז אין אינס גאַסט! — אַזוי איז געווען אַ געגיי פון די שכנים, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין יעדער געשעעניש, הן אין אַ פריילעכע, הן חלילה אין אַ טרויעריקע.

זלאַטקע די פישערקע, אַ יידענע מיט אַ שליקעכץ, ווי אַ קריי פון אַ האָן, (וועמען מען האָט טאַקע דערפאַר גערופן: „זלאַטקע דער האָן") איז אַריינגעקומען פרעגן ווי שפעט עס איז. האָט זיך אַנטשולדיקט, ווי זי וואָלט פון גאָרנישט געוווסט. זי האָט אַ בליק געטאָן אויפן „לאָרד" און אַלע קאָ־לירן זענען איר געקומען אין פנים... עפּעס האָט איר אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ!... און זי האָט מיט דער גאַנצער דרייסטקייט פון אַ סוחרטע, אָנגע־הויבן: „זייען זי מוחל הערעלעב, זי זענען אַזוי ענלעך צו מיין שוואָגער פון לאָנדאָן, ווי זי וואָלטן געווען אַ ברודער"... — נישט וואָרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי ווייטער גערעדט. „מיין שוועסטער פון לאָנדאָן האָט מיר געשריבן, אַז איר מאַן דאַרף קומען געשעפטלעך קיין וואַרשע און ס'איז מעגלעך ער זאָל מיר אָפּשטאַטן אין איין וועגס אַ וויזיט...

אַ פויזע. — „קאָנען זי אפשר מיין שוואָגער?"

דער ענגלענדער האָט צעדריקט אַ שמייכל אונטער די וואָנסעס און געזאָגט:

— לאָנדאָן איז אַ גרויסע שטאָט... — און בלויז פון העפלעכקייט האָט ער זיך פלעגמאַטיש אַ פרעג געטאָן: — ווי הייסט אייער שוואָגער?

„וויסבאַרט."

דער ענגלענדער האָט אויפגעריסן ברייט די אויגן, ווי ער וואָלט פּאַר זיך געזען אַן אויסטערלישן מענטש און די נייגעריקייט האָט זיך געשוימט אין אים און אַרויפגעיאָגט אויף זיין שטערן טראָפּנס שווייס.

— איר וועט שוין באַלד ווערן פאַמיליע מיט מיין גאַסט — האָט נעכע איבערגעהאַקט, אַוועקשטעלנדיק זיך אין איר פּאָזע, פאַרשלייפט די הענט און זיך איינגעהערט צום געשפּרעך.

— און אויפן קליינעם נאָמען ווי הייסט אייער שוואָגער?

„טשאַרלי".

— אַזוי?... אַך, הממממ, — האָט זיך דעם „לאָרד" פאַרהאַקט ס'לשון, ווי ער וואָלט אַ ביס באַקומען. ער האָט זיך גענומען דרייען אויפן בענקל ווי אַ פאַרלוירענער.

— ווי הייסט אייער שוועסטער אויפן מיידלישן נאָמען?

„מיין שוועסטער זאָל געזונט זיין הייסט לאה שלאַף".

— לילי סליפּ! — האָט דער ענגלענדער איבערחזרט.

דער לעצטער ענטפער פון דער יידענע האָט געווירקט ווי אַ שטאַרקער צי ביים שטריקל פון אַ פּאַיאַץ, אַזוי האָט דער ענגלענדער אויפגעצאַפּלט... יו העיוו בין מיסטעיקן! (האָב איך דאָך הייסט עס פאַרבלאָנדזשעט) זענט איר דאָס מיין שוועגערין? טאָ וואָס איז דאָ, ווער איז קרעמטשיק? נו נו, אַלץ צוליב מיין פרוי, זי האָט פאַרגעסן מיר צו געבן אַ „פּיקטשע", (בילד) — האָט זיך דער „לאָרד" געברוגזט אויף זיך אין דער שטיל.

— דאָס בין איך קראַמטשיק, איך! און מיין שכנה טראָגט אַן ענלעכן נאָמען קראַמסטיק! — האָט זלאַטקע האַן אַ פּאַטש געגעבן מיט איר מאַרק־שטימע, ווי אַ פיש מיטן עק און מיט שפּיזלדיקע אויגן געקוקט אויף נעכען, וואָס איז געשטאַנען, ווי אַ שיף וואָלט איר אונטערגעגאַנגען.

פּאַר איבעראַשונג האָט זיך ביי זלאַטקע האַן דער שליקעכץ אויפגע־כאַפּט מיט אַ קריי, אַז דער „לאָרד", האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— נו, וואָס זאָגן זי, נעכעלע, שיין, האַ? אַזוי נאַר... — און דער שליקעכץ האָט זיך ווידער צו איר גענומען.

— מיין שוואָגער, מיין ליבער גאַסט — האָט זיך זלאַטקע געקאָכט, צווישן איין שליקעכץ און דעם צווייטן און אַ כאַפּ געגעבן דעם ענגלענדער אונטערן אָרעם.

דער פרעמדער האָט זיך צוזאַמענגענומען. געברומט עפּעס אויף ענגליש און איינגעבויגן, ווי די גאַנצע געביידע וואָלט געהאַלטן אין זיך צעפאַלן אויף זיינע אַקסלען, איז ער אַרויסגעפירט געוואָרן פון שטוב.

נעכע איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, ווי זי וואָלט באַגלייט אַ טויטן

און געזאָגט: „נו שוין נו, זייען זי נישט בייז, װעלכער ייד האָט דען נישט אַ קרוב אין אויסלאַנד!...“

אין קאָרידאָר און אויפֿן גאַס זענען געשטאַנען קופּקעס מענטשן און „אָפּגעריכט פֿון טויט און פֿון לעבעדיק“. היינט איז אויפֿן טאָג־אָרדענונג געווען דער ענגלענדער.

„נישט קיין שלעכטן לעשטש האָט נעבעך געהאַט אויף מיטאָג“, — האָט זיך איינע אָנגערופֿן.

— מיר געזאָגט אַזאַ פֿעטער — האָט אַ צווייטע אַריינגעוואָרפֿן.

— געזען אַ ביסל! — האָט זיך אַ שרייערקע אָנגערופֿן, וואָס האָט געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף נעבעך. — אַנדערש נישט געווינט נאָר צו האָבן אַ „לאָרד“ פֿאַר אַ שוואָגער! דאָס איז אַ חוצפּה! ווי האָט זי אים געזעצט, פֿרעג איך מיך, אין דעם שמעטניק?

— יאָ יאָ — האָט אַן אַנדערע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — מען דאַרף היבלעווען ביי איר.

— נו, דער מאַן איז דאָך אַ סטאָלאַזש, זאָל ער היבלעווען דאָס ד...

די ווייבער האָבן געלאַכט און זיך געשושקעט.

— מען דאַרף זי אַליין אויך היבלעווען כ׳לעבן.

— יאָ יאָ גערעכט, דאָס זאָג איך דאָך שוין פֿון לאַנג.

— לאָזט שוין צו רו — האָט אַ שטילע פֿרוי אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט, זיך אַריינגעמישט — אַן אָרעמע פֿרוי נעביך.

— אַן אָרעמע פֿרוי, אַן אָרעמע פֿרוי, — האָט די שרייערקע זיך געטומלט, ווי זי וואָלט דאָס געווען די שוועגערין פֿון „לאָרד“...

— זאָל זי גיין אָפּוואַשן אַ פּאָר פּאָדלאָגעס, וועט זי נישט דאַרפֿן שיקן די קינדער אין אַלע שטובן עסן. אָדער זי זיצט ווי אַ קוואָקע, אָדער זי שטייט פֿאַרקראָקלט מיט אַ צעקנעפּלטן בוזעם און וואָרעמט זיך די הענט...

די ווייבער האָבן געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— אַרבעטן זאָל זי גיין, אַרבעטן!

— אַוודאי אַזוי, אַוודאי אַזוי — האָבן עטלעכע ווייבער, ווי אין כאָר אונטערגעהאַלטן די שרייערקע.

— שששש... נעבעס מאַן, יאָסל פּויער גייט — האָט איינע אַריינגעשושקעט אין קרענצל אַריין.

די ווייבער זענען זיך צעשוומען ווי פֿאַרע אין אַ היץ. אַ פֿאַרנאַכטיק ווינטל האָט געפּלאָטערט אין דער לופֿט און פֿאַריאָגט דאָס שלעכטס פֿון די ווייבער, וואָס איז געהאַנגען אין רוים, ווי אַ בייזער וואָלקן.

די שכינה וויינט

דער אַלטער שרייבער לאָווא קרייצער איז געזעסן איבער אַ בוך, געלייענט און געמאַכט נאָטיצן.

כאָטש דער טאָג איז געווען אַ מייאיק ליכטיקער, האָט אַ גרויקייט בשותפות מיט אַ דיקן שיכט שטויב, דאָרט שטענדיק געשפּינט און פאַרלייגט נעצן. אַן אייביקע קעלער־קילקייט איז געשטאַנען איבערן גאַנצן פאַרנעם פונעם צימערל, וואָס האָט געהאַט אומגעפער די לענג פון אַן אָרון און די ברייט — אַפילו נישט, אויף באַקוועם זיך אויסצוגענעצן. די ליכט פון דער צעבראָכענער דאַך־שויב, וואָס איז געפאַלן גלייך אויף זיין בוך, איז פלוצלונג באַשאָטנט געוואָרן מיט גוף פון אַ קעצל, וואָס האָט געהאַט אַ חזקה שטענדיק צו מאַכן דאָרט איר זיץ און זיך וואַרעמען אויף דער זון.

קיינמאָל האָט ער די קאַץ נישט אַראָפּגעיאָגט פון דעכל, הן פון ליבע צו חיות, הן צוליב דעם הימלעכן געפיל, וואָס די קעצישע טריט איבערן דאַך האָבן אין אים געוועקט. אונטער איין דאַך וואָלט ער די קאַץ אפשר גאָרנישט פאַרטראָגן — פונקט ווי ער האָט נישט פאַרטראָגן צו האָבן זיין גאַנץ לעבן אַ פרוי אונטער איין דאַך און דעריבער קיינמאָל נישט געזאָנט צו רעפאַרמירן זיין בחוריש לעבן. זיך איינגעלעבט און אויסגעלעבט אין דער איינזאַמקייט, ביז דער עלטער פון צוויי און זיבעציק יאָר.

ער האָט זיך פויל אַ באַוועג געטון, אויסגעצויגן די האַנט צום עלעקטרישן קנאָפּ און אָנגעצינדן. דאָס בוך האָט ער פאַרמאַכט און גענומען זיך וויגן איבער אַ לײדיקן בויגן פּאַפּיר. ער האָט געוואָלט אָפּענטפערן אַ בריוו זיין שוועסטער קיין אַמעריקע און נישט געוווּסט וועגן וואָס צו שרייבן. שטענדיק איז אַזאַ בריוו געווען ביי אים אַן אָפּקומעניש. ווייל צו דער שוועסטער האָט ער באַדאַרפט שרייבן וועגן געזונט און פרנסה און געקאָנט אָפּקומען מיט אַ פּאָר ווערטער. ער האָט אָנגעהויבן נאָכטראַכטן, מעכאַניש גענומען וויקלען איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און זיך געוויגט ווי איבער אַ האַרבע קשיה. אַזוי זיצנדיק, איז ער ווי אַריינגעזונקען אין זיין

אַלטער שלאַבעריקײט און געוואָרן קלײן, גאָר קלײן. ער האָט נאָר באַוויזן אָנצושרײבן: „מײן טײערע שוועסטער", ווי אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים געמאַכט אױפצאַפּלען. ר'האָט זיך אַ האַסטיקן וואַקל געטון און זיך דער־כאַפּט בײם בעטל, וואָס האָט נישט געהאַט קײן אָפּשטאַנד, נישט פון דער וואַנט און נישט פון דער אַרױסגערוקטער שטול אָן אַן אָנלען.

אױף דער שוועל איז געשטאַנען אַ צעשמײכלטער מאַן מיט גראָלעכע פּאות און אױסגערופן: — איר דערקאָנט מיך, לאָוואַ קרײצער?

דעם אַלטן האָט פאַר איבעראַשונג, דאָס לשון זיך פאַרדרײַגט און מיט גרויס מי האָט ער אַרױסגערעדט אַ פּאָר צעטומלטע ווערטער און אַרײנגעבעטן דעם גאַסט, אים אָנרופנדיק בײם נאָמען.

— פּרץ זאָמערשײן, נישט וואָר?

— יאָ — האָט יענער מיט צופרידנקײט אױסגערופן און זיך אַוועקגע־זעצט אױפן אײנציקן בענקל אונטער דער טיר.

— איך דרײ מיך שוין אַרום אַ שטיקל צײט אַרום אײער גאַס און בין דאַכט זיך שוין, עטלעכע מאָל אַדורכגעגאַנגען דעם נומער; ווען נישט די הויז־וועכטערין, וואָס כ'האָב דערקענט פאַרן טויער, וואָלט איך נאָך נישט געווען געטראָפן... ווי זע איך אױס חבר קרײצער?

— נו, כ'מײן... גאַנץ גוט — האָט ער פאַמעלעך גערעדט און זיך באַ־מיט צו קומען צו זיך פון זײן איבעראַשונג, — טראַץ דעם, וואָס ער האָט כסדר געקוקט אױף דעם מענטש, ווי אױף אַ געקומענעם פון יענער וועלט.

דער גאַסט האָט נישט געוואַרט אױף קײן סך פראַגן און אַלײן אָנגע־הױבן רעדן און פרעגן. ער האָט אַרױסגענומען אַ באַפרײאונגס־שײן פון דעם הײל־אַנשטאַלט פאַר גײסטיק־קראַנקע און געוויזן זײן פרײנד.

— איך בין שוין געזונט. מײן זעלבסטפילונג איז אױסגעצײכנט. נאָר דער עיקר בין איך צופרידן מיט דעם דאָקומענט, וואָס איז אַ גאַראַנטיע צו קאָנען אױפסנײ אָנהײבן אַ נאָרמאַל לעבן.

— ווען זענט איר געקומען צו פאָרן? — האָט לאָוואַ קרײצער אַרײנ־געשטעלט אַ פראַגע.

— ערשט נישט לאַנג און איך אָפּגעגעבן די ערשטע וויזיט.

דער גאַסט האָט גערעדט זײער הײטער, זיך אױסגעפּרעגט אױף גע־מײנזאַמע באַקאַנטע, דערצײלט אַביסל פון זײן נאָענטער פאַרגאַנגענהײט און זײן פרײנד לאָוואַ האָט זיך אױפמערקזאַם צוגעהערט. אים האָט זיך אָבער אױסגעוויזן, אַז אין די אַלע קלאָרע רײד, וואָס דער געוועזענער קראַנקער רעדט אַרױס, געפינען זיך נאָך רעשטלעך פון אומנאָרמאַלע שטריכן... רעדנדיק פון דעם און יענעם, איז מען אַרױף אױף אַ העכערן געשפּרעך: איבערן כאַראַקטער פון מענטש, גמזעלשאַפט און וועלט־לאַגע.

פונקט, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, אײדער פּרץ איז קראַנק געוואָרן, האָט ער אינעם געשפּרעך אַרויסגעוויזן זיין יחידישקייט מיט אַ קעגנערשאַפט פון אַ קריטישן גייסט, צי אַלץ וואָס עקזיסטירט און אומגעוואָרפן מיט איין מאַך מיט דער האַנט אַלע פעסטגעזעצטע, קאָנווענציאָנעלע איינשטעלונגען.

דער דערשראָקענער לאָווואַ קרייצער האָט אינעם גאַנג פון געשפּרעך זיך ביסלעכוויז באַרואיקט. — און ווען דער גאַסט האָט אַזוי ווי אין צווישן קלאַמערן אַ פרעג געטון אויף זיין פרוי ליבציע, האָט לאָוואַ אים געגעבן איר נייעם אַדרעס...

אַ געפיל פון חרטה האָט גלייך ברוטאַל אַ קלאַפּ געטון אינעם אַלטנס האַרץ און ער האָט זיך אַ שטעל אויף געטון. — דער פּלוצימדיקער זשעסט, האָט ביי פּרץ זאַמערשיין אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט פון אַ חסר דעה...

ביידע האָבן גלייך פאַרלאָזט דאָס צימער. די גוטע שטימונג האָט ביי זאַמערשיינען אַזוי געשטייגערט, אַז זי האָט געזוכט זיך אויסצודריקן אין עפּעס אַ ברייטן זשעסט. זעענדיק פאַרן טויער די הויז־וועכטערין, האָט ער צו איר אַן איבערגעוועלעכן שמייכל געטון, זיך לייכט פאַרנויגט, אַרויס־געכאַפּט אַ בייטעלע צוקערלעך און איר מכבד געווען. — נעמט, נעמט. — האָט ער געבעטן, נאָך דעם, ווי זי האָט שוין געהאַט גענומען דאָס צווייטע. „קיינמאָל צווי אָן דריי" — זאָגט מען דאָך ביי אונדז...

באַגלייטנדיק זיין פריינד אַ הונדערט מעטער ביז צו דער נאָענטער מעטראָ־סטאַציע, האָט לאָוואַ קרייצער גענומען גיין אַהיים. ער האָט גע־טראַכט פון זיין אויסטערלישער וויזיט. אין מויל איז אים געווען טרוקן פון פאַרדרוס און די צונג האָט נישט געקאָנט איינרוען אויף איין פּלאַץ; ווי אַ דערצערנט פישל מיטן עק אויף דער טריקעניש, האָט זיין צונג יעדעס מאָל אַ קלאַפּ געטון איבער דיליידיקע יאַסלעס.

— גוואַלד, גוואַלד, — האָט ער זיך געערגערט, — כ'האָב אָפּגעטון אַ פאַרברעכן מיט דעם אַדרעס... פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן מילדערן זיין כעס אויף זיך אַליין און אַריינגעשמועסט אין זיך, ווי צו אַ קעגנער, וואָס פאַרדינט אַ פאַרוואורף. „אייגנטלעך וואָלט איך נישט געקאָנט דעם מענטשנס פאַרגאַנגענהייט, וואָלט איך אַלץ אָנגענומען פאַר נאָרמאַל. נאָר אַזוי ווי דער מענטש"...

און ער האָט נישט פאַרענדיקט זיין רעזאָנירונג, ווייל די חרטה האָט נאָך דער מעשה מיט די צוקערלעך, וואָס ער האָט מכבד געווען דער הויז־וועכטערין, באַקומען נאָך אַ שאַרפערע באַרעכטיקונג און זיין אומגעלומ־פּערטע האַנדלונג האָט צוגעדעקט יעדע לאָגישע אויספירונג און צום סוף אין גאַנצן אים באַהערשט.

טראַכטנדיק איז ער פאַרביי זיין גאַס און זיך געלאָזט גיין גלאַט אַזוי,

אַן אַ ציל, ביז ר'איז מיד געוואָרן, הן פון טראַכטן, הן פון גיין און זיך אומ־געקערט אַ היים. דער זייגער איז געווען נאָנט צו נײַן. קיין אָונטבערויט האָט ער נישט געהאַט געגעסן, אָבער קיין הונגער האָט אים נישט געגומען.

דער ווייסער בויגן מיטן אויפשריפט: „מיין טייערע שוועסטער" האָט פאַרטשעפּעט זיין בליק, האָט אים אָנגעקוקט און באַקומען ביי אים דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש, וואָס וואַרט מיט אָפענע אויערן צו הערן זיין שווער געמיט. האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעהויבן אונטערן קעפּל:

„שוין פינף און צוואַנציק יאָר, ווי איך קום אַרויף צו אַ פאַמיליע יעדן צווייטן מיטוואָך אויף אָונטברויט. איך ווייס נישט, צי איך האָב פאַרפעלט דורך דעם פערטל־יאָר־הונדערט (אויסער דעם קריג־פּעריאָד) צען מאָל. דאָס אַליין איז אַ באַווייז, ווי טיף איך בין אַריינגעוואַקסן אין דער פאַמיליע. בין זייערס אַ מיטגליד און לעב צו ביסלעך מיט זייער לעבן. איך געדענק גאָרנישט, אַז ס'זאָל עפּעס האָבן אַריינגעטרעטן אין דער פאַמיליע אַ גליק־לעך געשעעניש און האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט. איך האָב איבערגע־לעבט מיט זיי צוזאַמען שווידערלעכע דראַמעס. נאָר נעבן דער פרוי ליבע זאָמערשיין, דעם ערשטן און לעצטן מענטשן־מלאך, זענען אַלע קלעפּ פון לעבן געוואָרן מילדערנדיקע. ווייל קיין שום פּיין איז נישט געווען בכוח צוזאַמענצוברעכן דעם גיגאַנט, נישט געקאָנט פאַרטונקלען די שיינע גוטס־קייט פון איר זוניק געזיכט, וואָס האָט מיט אַן איבערמענטשלעכן אויס־דויער אויפגענומען באהבה אַלע ברוטאַלע צוזאַמענשטויסן, וואָס טרעפן טיילמאָל אַזוי צופעליק, ווי אַ דינער איבערן קאָפּ. ליידן, וואָס קאָנען צע־שמעטערן אַ גיבור, האָט זי אַליין העלדיש איבערגעטראָגן, אָן אָנצווואַרפן אויף יענעם דעם מינדסטן פראַך פון איר צעבראָכן געמיט. יעדער ווער עס איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט איר, האָט זיך געפילט באַשיצט און גליק־לעך, ווי אונטערן בליק פון אַ מאַמע פון דער גאַנצער וועלט — און גלייכ־צייטיק האָט דעם מענטשן אַ נעבעכדיק געפיל באַוועלטיקט אַנטקעגן דעם מעכטיקן פעלדז, דעם פראַמעטעאוס אין אַ פרויען־געשטאַלט.

אין דער צייט פון היטלער־קריג, ווען משפחות זענען געלעגן אין די מייזן־לעכער און זי אַליין אויך צווישן די אויסבאַהאַלטענע, פלעגט זי אייג־שטעלן איר לעבן, ווי פאַר לייבלעך נאָענטע און אַרויסגעהאָלפן, נישט נאָר מיט וואָס זי האָט געקאָנט, נאָר אַפילו פאַרשוועגדעריש געווען און זיך גע־טיילט מיטן מינימום, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

נישט קיין ווונדער וואָס די מענטשן וועלכע האָבן זי אַרומגערינגלט, האָבן געגעבן נדרים, אַז ווען זיי וועלן איבערלעבן די קריג, וועלן זיי דער דאָזיקער צדקת באַוואַרפן מיט מתנות. אַ נערוועזער יונגערמאַן, וואָס פלעגט צוליב מאַנגל אין פּלאַץ אין דער באַהעלטעניש, זיך באַוועגן אויפן זעלבן

אָרט, ווי אַן אומרו, האָט געהאַט אַ גאָר ווייטגייענדיקן פּאַרלאַנג. ער האָט געחלומט, צו קויפן דער פרוי זאַמערשיין אַ ווילע און איר אַ נאָמען געבן: „דער לאַכנדיקער מלאך".

איר אוצר פון גוטסקייט האָט זיך אויסגעדרוקט אין אַלע פאָרמען פון מענטשלעכן מיטגעפיל און אַלץ און אַלע מאָל באַגלייט מיט איר אייביקן שמייכל, וואָס איז ווי אַ זון אַריינגעדרונגען אין אונדזער דעמלט שפּלדיקן לעבן.

דער בלויזער נאָמען אירער רופט ביי מיר אַרויס אַזאַ באַוואונדערונג און דרך־ארץ, אַז זי פאַרמישט זיך מיר מיט נישט קיין ערדישער דערשיי־נונג. זי ווערט ביי מיר פאַרביטן אויף לויטער שכינה.

ווען איך בין ס'ערשטע מאָל געקומען אין הויז צו דער פאַמיליע זאַ־מערשיין, איז זייער יינגעלע מאיעק אַלט געווען צוויי יאָר. ער האָט זיך אויפגעכאָוועט ביז דרייצן יאָר און פאַרניכטעט געוואָרן דורך די לאַפּעס פון היטלערס רוצחים. יעדעס מאָל, ווען איך קוק אויף זיין פּאָרטרעט, וואָס הענגט אין עסצימער, דאַכט זיך מיר, אַז ער גייט אַראָפּ פון דער וואַנט מיט אַן אייביק פרעגנדיקער מינע און נעמט מיר שטעלן פראַגן איבער נאַטור־וויסנשאַפט, איבער טויט און איבער לעבן נאָכן טויט — און פּלוצ־לונג ווערט ער צעשפּילט און מיר נעמען חבריש שטיפן.

פון דעם אַלעם, שוועסטער מיינע, ווען עס זאָל איצט אַ גאַנצע קאַפּעלע פייגל מיר זונגען איבערן דאַך, גלוסט זיך מיר צו וויינען.

ער האָט אַ טיפן זיפץ געטון און אַוועקגעשטעלט אַ פּונקט:

„ווען כ'וואָלט געקאָנט, שוועסטער מיינע, אַזוי גוט די קונסט פון לעבן, ווי די דאָזיקע „שכינה", וואָלט איך היינט נישט געווען אַזוי נעבעכדיק צעבראָכן און נישט געזוכט מיר אַראָפּרעדן פון האַרץ דורך דער פאַרמיט־לונג פון אַ בריוו.

ווען מ'האָט דעפּאָרטירט איר קינד, איז זי געלעגן אין שפּיטאָל. איר קראַנקהייט האָט געדויערט אַ קנאַפּ יאָר. איר מאַן האָט אַן זיין פרוי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם צער און האָט פאַרלוירן דעם שכל.

נאָכן שפּיטאָל, טראָץ דעם ווילן, וואָס האָט מיך באַהערשט זי צו זען, אַנצוקוקן די „שכינה", איר שטראַלנדיק געזיכט, וואָס האָט געהאַט אַ כוח אַריינצוגיסן לעבן אין דעם אויסגעטריקנטסטן חומר, בין איך אויף אירע טרעפּ צוויי מאָל אַרויף און אַראָפּ... עס איז מיר געווען אַזוי פּיינלעך דער צוזאַמענטרעף! איך אַ גאַנצער, אַ געזונטער, ווי אַזוי איר קוקן אין די אויגן? מיר וואָלט ליבער געווען, איך זאָל צו איר קומען אויף צוויי קוליעס. וויל אויפן אָנבליק פון איר טרויעריק־צעשטראַלטן שמייכל און פון אירע

שוואַרצע קליידער, האָב איך מיך געפילט ווי אַ מיטשולדיקער אין איר אומגליק.

ווידער האָט זי איינגעשטעלט אַ נאָרמאַל לעבן, אָנגעהויבן אַרבעטן און מיך אויפגענומען מיט איר מאָמישער ברייטהאַרציקייט.

צוויי יאָר נאָכאַנאַנד איז זי יעדע וואָך געפאָרן זען איר קראַנקן מאַן און יעדעס מאָל איז זי אַהיימגעקומען אַ צעבראָכענע. ער האָט איר שטענדיק געדעדט פון זיין ליבע צו איר און זי געבעטן רחמים, זי זאָל אים אַהיימנעמען. ער האָט אין איר אַריינגערעדט, אַז נאָר דאָס צוזאַמענלעבן מיט איר קאָן אים געזונט מאַכן. איינמאָל האָבן זיינע טרערן ביי איר געפועלט און זי האָט אָן דעם דאָקטאָרס דערלויבעניש אים אַהיימגענומען.

ס'זענען קוים אַוועק אַכט טעג ווי ער האָט ווידער אָנגעהויבן אָנטון נאַרישקייטן. דעמלט האָט מען אים ווידער אַוועקגעפירט אין היילאַנשטאַלט ווו ער איז אָפּגעווען זיבן יאָר. זיין פרוי האָט אים רעגלמעסיק באַזוכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט ווידער אָנגעהויבן בעטן זי זאָל אים אַהיימנעמען. זי האָט זיך דאָס מאָל באַראַטן מיטן דאָקטאָר און אָפּגעשטעלט די וויזיטן ביי אים.

יאָרן זענען געקומען און אַוועק און די איינזאַמקייט האָט אָנגעהויבן גרוי מאַכן אירע שוואַרצע האָר.

אין דער צווישנצייט איז זי זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ מאַן. געטרייסט די אַלטע וווּנדן, די נעסט פון אַלע אומגליקן און אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. זי האָט ממש אויפגעבליט — און איך נעבן די צוויי, זיך ליבנדיקע מענטשן, בין יונגער געוואָרן און זיך געוואַרעמט ביי זייער גליק. נאָר ווייזט אויס, אַז מיר האָבן זיך טועה געווען. דאָס איז גאָר געווען אַן אָנהויב צו דעם בייזן, לעצטן אמת. קורץ, מיין ליבע שוועסטער, אויפן צווייטן יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, אָפּגעקרענקט אַ יאָר צייט און איז געשטאָרבן.

ווידער קום איך צו דער „שכינה". איך קוק אויף די צוויי פאָטאָגראַפיעס פון די מענער און אויפן פאָרטרעט פון מאַיעק און מיר דאַכט זיך, אַז די טויטע פאַפירענע מענטשן באַוועגן זיך אַרום דעם וווּנדער פון דער „שכינה", וואָס שוועבט אַרום איבער די אויסגעפוצטע צימערן און באַזיגט דעם טויט."

אַ דערשעפּטער האָט ער אַוועקגעשאָרט דעם בריוו און אין די מלבושים זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעטל. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געשלומערט אין קאָשמאַרן. ער אַליין האָט זיך געפונען אין אַ הויז פאַר נערוון־קראַנקע און זיך געפּייניקט מיטן געדאַנק, אַז די מענטשן לעבן שוין דאָ צו פינף און

זעקס יאָר און ער איז איצט אָנגעקומען און ווייסט נישט ווי לאַנג מען וועט אים דאָ האַלטן.

אויף צומאָרגנס, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט צעלייגט איבערן צעבראָכענעם דעכל, ווי אַ פּוילע קאַץ און דורך די עפענונגען האָט אַריינ־געבלישטשעט די מאַי־ליכטיקייט, האָט לאָוואַ קרייצער געעפנט די אויגן צוזאַמען מיט אַ קרעכץ.

ס'איז געווען מיטוואָך. און דער טאָג פון זיין וויזיט ביי דער „שכינה". אָבער ווי אַזוי וועט ער קאָנען אַהינגיין נאָך דער נישט איבערגערעכנטער האַנדלונג? ווי אַזוי וועט ער זיך קאָנען אַנטשולדיקן פאַר איר? און ער האָט ווידער גענומען אומבאַהאָלפן קלאַפּן מיט דער צונג אויף די יאַסלעס און יעדעס מאָל באַגלייט דאָס צומצענען מיט דער צונג מיט אַן „אַך" און אַ „אָוואַ".

ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין גרויסן בריוו צו זיין שוועסטער און איידער ער האָט אים פאַרענדיקט, האָט אים אַ געדאַנק פאַרהאַלטן און ער האָט אים גענומען דורכלייענען.

— צי בין איך אַליין אויך אַראָפּ פון זינען?... — האָט ער זיך קרום צעשמייכלט. — נאָך וואָס דאַרף דאָס מיין שוועסטער וויסן? — און ער האָט גענומען דעם בריוו אים צונויפגעקנאָדערט און אַוועקגעשאַרט אין אַ זייט פון טישל.

אַן אומגעדולדיקער האָט ער זיך קוים דערוואַרט אויפן אָוונט און אַרויף צו אירס אַ ברודער געוויער ווערן וואָס עס הערט זיך. דערהערנדיק, אַז ליבציע איז נישט אין דער היים, האָט זיך דאָס אַלטע האַרץ שיעור נישט אָפּגעשטעלט.

— ס'איז צרות, חבר קרייצער. ער לויפט איר נאָך און זי קאָן נישט מער גיין וווינען מיט אים.

— ווו איז זי דערווייל? — האָט לאָוואַ קרייצער אַרויסגעיאָכצט.

— זי באַהאַלט זיך אויס אין אַ האָטעל.

לאָוואַ האָט געוואָלט אויסדרוקן זיין באַדויערן וואָס ער האָט געגעבן זיין שוועסטערס אַדרעס, אָבער פון אַלע רייד איז אַרויסגעקומען אַ קלאַפּ מיט דער צונג.

ביידע פריינד האָבן דאָך ביי אים פאַרנומען אַ גלייך פּלאַץ אין זיין האַרץ! דער אַדרעס איז נאָר געווען אַן אויבנאויפיקע סיבה פון זיין פּייניקן זיך. ווייל אין דער אמתן האָט אים ווי געטון דער גורל פון זיינע ביידע פריינד.

***

עס זענען אַוועק צוויי וואָכן. לאָוואַ האָט געבלאָנקעט איבער די גאַסן און פֿאַרשידענע געדאַנקען האָבן אים געעגבערט דעם מוח. ווי מיט אַ פֿיקס־אידייע איז ער געווען באַשעפֿטיקט וועגן גורל פֿון זײַנע פֿרײַנד, דעריבער איז אים די גאַנצע וועלט מער נישט אָנגעגאַנגען. די „שכינה" האָט אים כסדר געשוועבט פֿאַר די אויגן. ער איז געגאַנגען אין גאַס ווי אַ וואַנזיני־קער. זיך אָנגעשטויסן אין די אַדורכגייער און גערעדט צו זיך.

דער ווילן צו טרעפֿן ליבע זאַמערשיין האָט אים אַראָפּגעפֿירט פֿון די גרענעצן פֿון אמת און אים געברענגט אויף פֿאַרשידענע אילוזיעס. עס איז גענוג געווען ער זאָל פֿון ווײַטן זען אַן ענלעכן סילועט, אַז פֿון דמיון זאָל אויפֿשווימען די גאַנצע שטראַלנדיקע „שכינה"... און בײַ יעדע פֿון אַזעלכע פֿאַרשטעלן האָט דאָס אַלטע האַרץ בײַ אים גענומען זיך וואַרפֿן און אים אין גאַנצן צעטרייסלט.

טעג האָבן זיך געצויגן פּאַמעלעך, ווי מידע שלאַנגען. צו הונדערטער מאָל האָט לאָוואַס בליק זיך אָנגעשטויסן אין דעם צעקנייטשטן בריוו אויפֿן טישל און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָ ליגט דאָס גאַנצע צעקנאָדערטע לעבן פֿון דער „שכינה", וואָס ער האָט מיט זײַנע אייגענע הענט אומגע־ברענגט.

אין איינעם אַזאַ פֿרימאָרגן, ווען די „שכינה" האָט געהאַלטן זײַנע נערוון אין אַן אָנגעצויגענער געשפּאַנטקייט, האָט ער צוליב זײַן אומגע־וועגלעכן ציטערן מיט די הענט, אומגעדרייט בײַם פֿרישטיק זײַן גלאָז טיי. די אומגעשיקטקייט האָט אים געצוווּנגען צו ברענגען אין אָרדענונג זײַנע פּאַפּירן פֿון טישל, ווײַל די פֿאַרגאָסענע טיי האָט אָנגעהויבן אָפּשווענקען די שריפֿט. ער האָט צווישן אַנדערע פּאַפּירן דעליקאַט און מיט פֿאָרזיכט אויסגעגלייכט די צעקנייטשטע בויגנס פֿון זײַן נישט־דערשריבענעם בריוו, גלײַך עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס מען קאָן ווײ טון פֿון דעם מינדסטן באַריר. בײַם אויפֿרוימען זײַן טישל איז גלײַכצײַטיק אַרײַנגעטרעטן אַן אָרדענונג אין זײַן מוח. עס איז מיט אַ מאָל — ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך פֿון זײַן געמיט. ער האָט פֿלינק אַ נעם געגעבן אַ פֿרישן בויגן פּאַפּיר און פֿאַרגעזעצט דאָס שרײַבן צו זײַן שוועסטער.

„— שוועסטער מײַנע,

ערשט נישט לאַנג האָט זיך באַוויזן אויף מײַן שוועל דער מלאך מײַנער. ס'איז געווען ווי די גאַנצע זון וואָלט צו מיר אַרײַנגעפֿאַלן. זי איז געזעסן נעבן מיר און פֿון איר שמייכל האָט געשלאָגן אַזוי פֿיל צאַרטקייט און גוטס־קייט — און איך האָב אַזוי שטאַרק געציטערט פֿון שרעק און גליק, אַז ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אינעם צענטער פֿון מײַנע נערוון האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. איך בין נאָך אונטערן אײַנפֿלוס פֿון איר ווייכער שטים, וואָס

האָט ערשט נישט לאַנג דאָ וויברירט און געבליבן שטיין אין מיין אויער, ווי אַ שנעל אויף דעם טייערסטן קריסטאַל. דעריבער זענען מיר נאָר איינ־צעלנע ווערטער פאַרבליבן פון אירע רייד:

— איך האָב אַ סך איבערגעלעבט די לעצטע טעג — האָט זי גע־זאָגט — אָבער דאָס דאַרף נישט איבעררייסן די געוווינהייט פון אונדזערע מיטוואָכן. נאַט אייך מיין נייעם אַדרעס...

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זי געשמייכלט און גלייכצייטיק האָבן טרערן גענומען פליצן פון אירע אויגן און געמאַכט צוקן אירע געשניצטע שטריכן. ביסלעכווייז האָט דאָס געוויין פאַרכאַפּט איר גאַנץ געשטאַלט און איך האָב געזען און געהערט צום ערשטן מאָל ווי אַ שכינה וויינט מיט אַ מענטשלעכן, קאָנוולסיוון פרויען־געוויין. אין אַזאַ שטורעם קאָן נאָר אויס־ברעכן די נאַטור נאָך לאַנגע יאָרן פון טרוקעניש...״

וויזיע מיט רעאַליטעט האָט זיך אים אַ מיש געטון אין קאָפּ און ער איז געבליבן זיצן איבערן בריוו אין אַ גלייכגילטיקער פאַרטראַכטקייט, ווי ס׳וואָלט זיין ווייטאָג צוזאַמען מיט זיין מאַרך אויסגעטריפט אין בריוו אַריין.

סילוועסטער

אין גאַס איז אַ געדיכטער געגיי. מענטשן לויפן אַהין און צוריק מיט פּעקלעך, מיט בלומען — איינער שלאָגט זיך אָן אין דעם אַנדערן, מען זאָגט אַפילו נישט קיין „פּאַרדאָן" און מען לויפט ווייטער. ס'איז אַ ריטם פון ערב יומטוב; ביינאַכט איז סילוועסטער.

אַדאָלף ליכט גייט אַהיים. ער גייט און פייפט זיך אונטער, ער איז צופרידן אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. וואָס האָט ער צו זיין פריילעך, וואָס ער גייט אַהיים צו זיין ווייב? וואָס קוקט אים אויס ווי אַ רפואה פאַר אַ קראַנקן... ווייל ווי נאָר ער טרעט איבער די שוועל, איז אַננאַ אים מקבל פּנים מיט אַ געשריי און מיט אייביקע פאָרווורפן. זי מוז האָבן אויף עמעצן צו שרייען; מען קען זאָגן, אַז זי לעבט דערפון. אַזוי איז שוין זיין ווייב און אַדאָלף איז צוגעוווינט צו דעם, ווי צו אַ נאַטירלעכע זאַך, פּונקט ווי מען איז געוווינט, אַז ס'זאָל זיין קאַלט אין סילוועסטער.

— שוין ביסט שוין דאָ? מזל טוב, אַבי מען זעט זיך. קריך נישט אַריין מיט די שיך, דו זעסט דאָך אַז די פּאָדלאָגע איז שוין אָפּגעפּיצט.

מיט דעם ברוך־הבא איז אַדאָלף אויפגענומען געוואָרן פון זיין ווייב.

אַננאַ איז אויך נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון גאַס, ווו זי האָט איינגעקויפט אין באַזאַר פאַרשידענע זאַכן אין שטוב אַריין און אויף יומטוב

— האָסט עמעצן פאַרבעטן אויף ביינאַכט? — האָט אַדאָלף געפרעגט.

אַננאַ, וואָס האָט געוואַרט ביזן לעצטן טאָג מען זאָל זי אַליין פאַרבעטן, האָט מיט גאַל אָפּגעענטפערט: — אַ פרישע מעשה! פאַרבעטן? כ'דאַרף נישט קיין געסט, כ'מאַך נישט קיין אָרעם מאָלצייט, כ'אַרבעט גענוג שווער. כ'וויל נישט געבן אָנצופרעסן פרעמדע מענטשן! דיך פאַרבעט איך. כ'מאַך אַ סילוועסטער פאַר אונדז ביידע, — האָט אַננאַ קאַטעגאָריש אָפּגעענטפערט, פאָרענדיק זיך ביי איר איינגעקויפטע זאַכן.

אַדאָלף האָט אַ קנאַק געגעבן מיט דער צונג, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט און אַ קוק געגעבן אויף זיין האַנט־זייגערל.

— איך מוז נאָך צוריקגיין אין געשעפט, איך האָב נאָך געהאַט אַ פּעקל צו מאַכן און פאַרגעסן און דאָס מוז נאָך היינט זיין אַוועקגעשיקט. גיב מיר עפּעס איבערצוכאַפּן, שנעלער — האָט ער אונטערגעאײַלט זיין ווייב.

אַדאָלף האָט אַריינגעכאַפּט דאָס נאַכט־עסן און שנעל ווי אַ ווינט אַרויס פון שטוב.

— פאַרגעס נישט דעם אַדרעס, קום נישט שפּעט — האָט אַננאַ אים נאָכגעשריגן.

זי האָט לעבעדיק געמאַכט דאָס פייער אין אויוון, אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן פון זשיראַנדאָל און געלאָפן אַהין און אַהער. פון עסצימער אין קיך און פון דאָרט אין עסצימער און זיך אונטערגעברומט אַ ניגון.

זי האָט נאָך געהאַט אַ סך צו טאָן: די סאַנדוויטשן צוצוגרייטן, די מאַרינירטע הערינג אויסצולייגן אין אַ ראָד און באַפּוצן מיט רענדלעך ציבל, אויפצומאַכן די סלאָיען איינגעמאַכטס נאָך פון פאַר דער קריג... און נאָך און נאָך — זי וועט מאַכן אַ סילוועסטער, אַז דער מאַן וועט זיין אַנטציקט און וועט אים געדענקען ביזן צווייטן יאָר.

אין גאַס איז געווען אַ טרוקן פרעסטל, וואָס האָט גערעדט רייד. אַ ווינט האָט זיך יומטובדיק צוגעפייפט און דער שניי האָט געסקריפּעט אונ־טערן טריט מיט אַ קרי־קראַ, ווי אַ פּאָר נייע שיך.

אַדאָלף איז צוריק פון געשעפט אַריין אין מעטראָ. די מעטראָ איז גע־ווען איבערפולט, צוגעפּרעסט איינער צום צווייטן זענען געשטאַנען מענטשן, ווי אַ סנאָפּ שטרוי און זיך געוואַרעמט און געוויגט. אַדאָלף האָט געפילט אַ וואַרעמע האַנט אויף זיינער. ער האָט זיך דערשטוינט אומגעקוקט.

— אָ, מאַרי! — האָט ער כמעט אויסגעשריען, פאַרגעסנדיק ווי ער געפינט זיך. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און געלאַכט.

— ווו פאָרסטו אַדאָלף?

— ווו כ׳פאָר?... צו אַ באַקאַנטן.

— צו אַ באַקאַנטן? הממם... און אפשר וואָלסטו בעסער געפאָרן צו אַ באַקאַנטער, ווילסטו? — האָט מאַרי שמייכלענדיק פאַרבעטן אַדאָלפן.

אין דער אמת׳ן האָט אַדאָלף היינט געוואָלט זיך זען מיט מאַרי און אַפילו געהאַט פאַר איר אַ פלעשעלע פּאַרפום אין טאַש. און דאָס האָט זיך אַלץ אַזוי איינגעגעבן, ווי אויף אַן אָפּגעשטימטע ראַנדעוו.

ביידע האָבן צוזאַמען אויסגעשטיגן פון מעטראָ און מאַרי האָט אַרויפ־געפירט אַדאָלפן צו זיך.

מאַרי האָט פון צייט עטלעכע וואָכן זיך געהאַט צעשיידט מיט איר מאַן און געוווינט אַליין.

— בלייב דאָ, אַדאָלף, דו וועסט זען, מיר וועלן גוט פאַרברענגען.

איך האָב פאַרבעטן עטלעכע פריינד. מען וועט טאַנצן, שפּילן אין קאָרטן און זיך לאָזן וווּיל גיין ביז טאָג.

— און מיין ווייב? — האָט אַדאָלף דיקטירט פון געוויסן געזאָגט.

— אַז מען קומט צו מאַרין, האָט מען קיינעם נישט אין זינען, און אַמווייניקסטן אַ ווייב! — האָט מאַרי געזאָגט און אָנגעהויבן אַרויפצושטעלן אויפן טיש: ווייַן, קוכן און פרוכטן.

אַדאָלף האָט מיט אַ כיטרע אויג אָנגעקוקט מאַרין און נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג אירע. און אַזוי שטייענדיק נאָך אין מאַנטל, האָט ער געטראַכט:

— ווי זיס זי איז, ווי יונג און לעבעדיק! צו האָבן אַזאַ פרוי אין שטוב, איז דאָך פּונקט ווי אַ מלאך! — און ער האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס דער מאַן האָט זי פאַרלאָזן.

פּלוצלינג איז ער אַ שפּרונג געגעבן צום טיש, אַרום וועלכן מאַרי האָט זיך געפּאָרעט, זי אַרומגעקלאַמערט און איר געגעבן אַ קוש אויף די ליפּן. מאַרי האָט נישט פּראָטעסטירט.

אַדאָלף, ווי אָנגעשיכורט פון אַ ברענענדיקן ווייַן, האָט גלייך פאַרגעסן אין זיין היים. ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און געהאָלפן מאַרין גרייטן צום טיש. ביידע האָבן געשפּאַסט און זיך אַרומגעיאָגט אַרום טיש, ווי קינדער. און אַדאָלף פּלוצלינג: — איך וואָלט געוואָלט דאָ בלייבן אויף שטענדיק, ווילסטו?

מאַרי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול און געזאָגט:

— אָדער דו האָסט נישט געוואָלט בלייבן אויפן אָוונט, אָדער דו האָסט נישט בדעה אַהיימצוגיין. איך וויל מיך נאָך לאַנג אָפּרוען פון האָבן אַ מאַן. דאַכט זיך, אַז כ'וועל קיינמאָל מער נישט הייראַטן — האָט מאַרי ערנסט געזאָגט. — איך האָב נישט געפונען קיין גליק אין מיין פאַרהייראַטן לעבן און גלויב איבערהויפּט נישט, אַז ס'איז פאַראַן אַ גליקלעך פּאָרפאָלק.

אַדאָלף איז געשטאַנען פאַרטראַכט. פּלוצלונג האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ, דאָס ווייב, זיין היים און ער האָט אינערלעך זיך אָנגעהויבן מאַכן פאַרוואורפן פאַרן אָפּנאַרן זי און לאָזן אויף זיך וואַרטן. אָבער באַלד האָט ער זיך פאַרטיידיקט און אויסגעגלייכט מיט זיין געוויסן... די געסט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען און די שטימונג איז געוואָרן אויפגעלעזן.

ביי אַננאַ אין שטוב איז אַלץ פון לאַנג שוין געווען גרייט. זי האָט זיך געשפּיגלט אינעם פּרעכטיקן גלאָזוואַרג, געשמייכלט דערצו, ווי צו אַ לעבעדיקע זאַך. זי איז צוגעגאַנגען צום טיר, זיך אויסגעדרייט און געקוקט פון וויטן צי דער טיש פּרעזענטירט און יעדעס מאָל האָט זי געפונען עפּעס אויסצובעסערן, עפּעס איבערשטעלן, עס זאָל בעסער האַרמאָנירן. עטלעכע

מאָל האָט זי געמאַכט „רעפּעטיציעס‟, איז ספּעציעל אַרויסגעגאַנגען פון צימער, אויפגעמאַכט די טיר און ווי אַ פרעמדע זיך געזעטיקט מיטן עפּעקט פון טיש.

זי אַליין, אָנגעטאָן אינעם שענסטן קלייד, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. מיט די אויגן געגעסן פון אַלעם און געקוקט אויפן זייגער ווי די ווייזערס רוקן זיך. זי האָט זיך איינגעהערט צום טיק־טאַק, וואָס האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זיין דער איינציקער פריינד און גאַסט, וואָס דריקט זיך אויס דורכן קלאַפּן: „שאַ־שטיל, שאַ־שטיל‟ און אין דער זעלבער צייט דער גרעסטער שונא, ווייל מיטן שפּרונג פון די ווייזערס איז איר אומרו געוואַקסן.

עס איז שוין געווען נאָך עלף אַזייגער און אַדאָלף איז נישט געווען צוריק. זי האָט שוין נישט געוווסט וואָס צו קלערן. דאָ האָט זי געטראַכט, אַז ער איז אפשר אין טעאַטער מיט פריינד און באַלד האָט זי אַ שרעקלעכן איינפאַל געהאַט אַז מען האָט אים איבערגעפאָרן און ער ליגט אין שפּיטאָל און אָט קומט מען איר אָנזאָגן די שלעכטע בשורה. זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם געדאַנק, ווי זי וואָלט אַ ביס באַקומען, אָבער וואָס אַמאָל זענען אַלץ בייזערע געדאַנקען אָנגעלאָפן אין קאָפּ. אַזוי שנעל און מיט אַזאַ אומאָרדענונג, אַז זי האָט קיין איין געדאַנק נישט געקענט דערפירן ביזן סוף; זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן איינער אין אַנדערן, ווי כוואַלעס אויפן ים בעת אַ שטורעם.

אַננאַ איז געזעסן ביים טיש און אויפן שנייוויסן טישטוך זענען געפאַלן הייסע, גראָבע טרערן, און אַרויפגעוואָרפן אַ נעפּל אויפן יומטובדיקן טיש. כאָטש אין שטוב איז געווען וואַרעם און ליכטיק, האָט זיך פון דעסטוועגן געדאַכט, אַז די אומעט פון דער גאַנצער וועלט האָט דאָ געפונען זיין מקום מנוחה.

אַ זשומען פון שטילקייט איז אויפגעגאַנגען, אָנגעקומען פון אַלע ווינקלען, זיך אַרומגעזעצט ביים טיש, און אויסגעפּירט אַן איינטאָניקע נאָטע.

אַננאַס קאַרג־פאַרוואַקסן האַרץ האָט זיך אַביסל געעפנט. ס'האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, אַז זי האָט געסט און אין געדאַנק אַרומגעטיילט יעדן און געהייסן עסן און טרינקען. אָבער באַלד האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, ווי זי וואָלט געווען אַ טייל פונעם גלעזערנעם סערוויז, צעשטעלט אויפן טיש.

דאָס פאָרצעלאַן און די קריסטאָלענע קלאָשן האָבן אַראָפּגעפונקלט מיט אַ קאַלטן בלאַסק. די פלעשער וויין נישט אויפגעמאַכט. די טייערסטע

פרוכטן האָבן אַרויסגעקוקט פון די קלאָשן און אַלץ האָט גערופן און גע־
בעטן דעם קאָנטאַקט פון אַ וואַרעמער האַנט. אָבער אַלץ איז ווי פאַרגלי־
ווערט געשטאַנען און אַננאַ האָט געהערט פון איר פאַרשעמטן טיש אַ פאָר־
וווּרף:

— נאָך וואָס? און פאַר וועמען?...

בריוו

מינקע איז אַרויס פון ביוראָ און מיט אַ גראַציעז טריטעלע געלאָפן אַהיים. נאָך וואָס אַזוי איילינק ווייסט זי אַליין נישט. ס׳איז זיכער דער טעמ־פעראַמענט פון אירע זיבעצן יאָר, וואָס הייבט זי אין דער לופטן אַזוי לייכט ווי אַ פלאַטערל.

זי האָט אַרויסגענומען אַ גלאַנציקן עפל פון טאַש, זיך איינגעשפּיגלט אין אים אַ ווײַלע און מיט איין ביס אַ שאַרף געטאָן אירע ציינדלעך, אַזש די ברוינע קערענדלעך האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון די קעמערלעך...

פון יעדן זשעסט אירן האָט אַרויסגעזונגען די צייטיקייט פון אירע זיבעצן יאָר, וואָס האָבן אירע גלידער אויסגעקנאָטן אין געטאָקטע פאָרמען.

נישט ווייט פון איר היים האָט איר נייגעריקייט זי אָפּגעשטעלט ביי אַ רעדל מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אַ צייכענער, וועלכער האָט פאַרקויפט זיינע פעאיקייטן מיט אויסגעשריייען, ווי אין אַן אויסגעלערנטן מאָנאָלאָג. די צייכענונגען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, האָבן אים צוגעהאָלפן און פּראָוואָצירט די אַדורכגייער.

מינקע האָט זיך צוגעקוקט ווי דער צייכענער מאַכט פּאַרטיק עטלעכע קליינע פּאָרטרעטן און זיך געוווּנדערט אויף דער ענלעכקייט. זי האָט זיך אַדורכגעשפּאַרט דורכן רעדל מענטשן אַזוי אַז זי איז אויסגעקומען אַנט־קעגן דעם צייכענער. איר פּנים האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן, ווי אַ צעגליטע זון.

— מאַדעמואַזעל, מאַך איך אייך אַ צייכענונג, אָט אַזוי ווי איר שטייט? אַז עס וועט אייך נישט געפעלן, וועט איר מיר נישט באַצאָלן — האָט דער צייכענער מיט אַ גאַלאַנטער העפלעכקייט דערמוטיקט. זי האָט זיך צע־שמייכלט. ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ צושטימונג און גענומען צייכע־נען איר קאָפּ. מינקע האָט געפילט ווי אַלעמענס בליקן פון אַרום „פאָטאָ־גראַפירן" זי אָפּ. אַ מאַגנעטישער בליק האָט זי מיטאַמאָל געצוווּנגען דעם קאָפּ אויסצודרייען. ס׳איז געווען אַן עלטערער מאַן מיט גרויע האָר. ס׳איז

געווען קענטיק, אַז די פּאָר קוועטש־ברילן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער נאָר וואָס אַראָפּגענומען פון דער נאָז, כדי זי בעסער צו אָבסערווירן.

מינקע איז געבליבן אַ מינוט צעטומלט. דאָס פּנים איז איר באַקאַנט געווען, האָט זי אומדרייסט אים אָנגעהויבן באַטראַכטן און דערקאַנט איר געוועזענעם העברעאישן לערער פון פוילן. — זי האָט אָפּגענומען די ציי־כענונג און נישט באַקוקנדיק זי אַפילו, באַצאָלט און צוגעגאַנגען צום על־טערן הער, זיך אַנטשולדיקט און זיך פאַרגעשטעלט:

— איך בין מינקע מייעראָוויטש. שלום! דערמאָנט איר זיך אין דעם נאָמען?

דער לערער פאַלק האָט פון פאַרוואונדערונג אויפגעריסן זיינע קליינע אייגעלעך, האָט אָנגעטאָן די ברילן, איר אַ דריק געגעבן די האַנט, אויס־רופנדיק:

— אָ, מינקע מייעראָוויטש — און ביידע האָבן גענומען גיין. ביסלעכ־ווייז האָט ער אָנגעהויבן זיך דערמאנען אין מינקען זיין געוועזענע שילערין.

— ווי שיין און הויך דו ביסט אויסגעוואַקסן! — האָט ער איר גע־זאָגט און באַטראַכט מיט הנאה, ווי מען באַטראַכט אַ ברילע גאָלד.

מינקען איז אַפּערגעשווומען אַ דערמאָנונג פון די שול־יאָרן, ווי דער זעלבער לערער פאַלק האָט זיך געביסן די נעגל און געקלאַפּט אין טיש אַריין, שרייענדיק אויף איר, וואָס זי וואָיעוועט אַרום און שטערט אים דעם שיעור... זי האָט ליב געהאַט צו זען ווי ער בייזערט זיך און פון דער דערמאָנונג האָט זי צו זיך געשמייכלט.

ס'איז אַוועק אַ שמועס ווי צווישן צוויי דערוואַקסענע מענטשן, אַדורכ־געוואָרפן מיט קינדערישע דערמאָנונגען. ער האָט איר דערמאָנט עטלעכע נעמען פון שילער, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו קאָרעספּאָנדירן מיט אים.

און ס'האָבן זיך איר ווידער אַ מיש אויפגעגעבן אין מוח מאָמענטן פון שול־דערמאָנונגען און ס'האָט איר אַזוי באַנג געטאָן וואָס דאָס אַלץ איז שוין אַזוי ווייט פון איר...

דער לערער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און זי אויפגעוועקט פון איר חלום:

— קום אַרויף אַ מינוט צו מיר, קום, וועל איך דיר ווייזן בריוו פון דיינע שול־חברים.

מינקע האָט אין דעם מאָמענט פאַרלוירן פינף יאָר פון איר עלטער און זיך געזען אַלס צוועלף־יעריק מיידל. זי האָט זיך דערמאָנט אַז נאָך דער שול פלעגט דער לערער שטענדיק ביי זיך אויפנעמען אַ גרופּע שילער

און שילערינס און אַלע האָבן אים ליב געהאַט פֿאַר זיין אויסערגעוויינלעך געדולד און חברישע באַציאונגען צו די קינדער. יעדן פֿלעגט ער אויסטיילן אַביסל צערטלעכקייט. דעם אַ קניפּ אין באַק, דעם אַ גלעט איבערן קאָפּ. און די שילער האָבן אים פֿאַרשטאַנען אַז ער נאַרט זיי נישט ווען ער זאָגט: „די ביכער זענען מיינע פֿריינד און איר זייט מיין פֿאַמיליע".

זיי זענען צוגעקומען צום הויז ווו דער לערער פֿאַלק וווינט. אויפֿן העכסטן שטאָק האָט ער אויפֿגעשלאָסן אַ טיר.

דער לערער האָט אַדורכגעפֿירט מינקען דורך אַ גרויסן סאַלאָן אין זיין צימער אַריין, ווו ער האָט געוווינט אַלס לאָקאַטאָר ביי אַ טענצערין.

מינקע האָט זיך געפֿילט גוט אין דער אַטמאָספֿערע און דער לערער האָט זיך איינגעשפּאַרט זי זאָל אַראָפּנעמען דעם מאַנטל און זיך אַוועקזעצן אַ ווײַלע. ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ שופֿלאָד אַ בייטעלע מיט שאָקאָ־לאַדע און איר מכבד געווען. מינקע האָט געגעסן און זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין דעם סוד פֿון לערער פֿאַלקס איינזאַמען, בחורישן לעבן.

— זעסט, מייעראָוויטש — האָט דער לערער געזאָגט, אַרויסנעמענדיק פֿון שאַנק אַ גרויסע שאַכטל אין וועלכער ס'איז געלעגן אַן אַלטער אַרכיוו פֿון געקליבענע בריוו פֿון זיינע שילער. אַ סך זענען שוין געווען אָפּגעבלאַ־קעוועט פֿון אַלטקייט, ווי טויטע בלעטער פֿון אַ בוים. דער לערער האָט מיט זיינע ווייסע ביינערדיקע פֿינגער אַרויסגעצויגן עטלעכע פֿון זיינע רעליקוויעס און אַדורכגעלייענט פֿאַר מינקען דריי בריוו פֿון וועלכע מינקע איז געווען אַנטציקט.

— דער שניידט זיך אויף אַ פּאָעט — האָט דער לערער געזאָגט איבער־לייענענדיק דעם לעצטן בריוו.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און דערלאַנגט מינקען אַן אַלבום מיט ביל־דער און אויפֿגעזוכט דעם מחבר פֿון בריוו.

— אוי, סאַראַ מיאוסער יונג! — האָט מינקע אויסגעשריען און זיך צעלאַכט אויפֿן קול. דער לערער האָט געשמייכלט פֿון מינקעס פֿאַרשייטן געלעכטער און איר אַ דריק געטאָן דאָס גאָמבעלע. — פּונקט ווי אַמאָל — האָט מינקע געטראַכט. דער זעלבער פֿאַלק.

— און דער געפֿעלט דיר? — האָט דער לערער אַרויסגענומען אַ צווייט בילד און עס אַוועקגעלייגט פֿאַר איר.

— דער יונג וועט זיין אַ לייט — האָט דער לערער געזאָגט שטיל, צובויגנדיק זיך נאָענט צו איר.

— הענרי! איך קאָן אים דאָך! — האָט מינקע אַ געשריי געטאָן און

האַסטיק זיך אויפגעהויבן פון אָרט, ווי זי וואָלט אַ ביס באַקומען. דאָס איז אַ קוזין פון מיינס אַ חברטע.

פון דעם אומדערוואַרטן אויסגעשריי האָט דער לערער, ווי אַ נאָכ־געלאָזטע ספּרונזשינע, זיך אַ הויב געגעבן פון שטול. ביידע האָבן זיך אָנגע־קוקט. מינקע אַ צעהיצטע און דער לערער אין אַ מאָדנער קאָמישער פּאָזע.

— קום מיין קינד — האָט דער לערער, נעמענדיק זי פּאַרן האַנט, געבעטן איר זיך צוריק אַוועקצוזעצן — איך וועל דיר לייענען זיין לעצטן בריוו און זיך טיילן מיטן נחת פון מיינע קינדער.

דער לערער האָט נישט אַרויסגעלאָזט מינקעס האַנט. מינקען איז גע־פעלן די פּאַטערלעכע באַציאונג פון איר אַלטן לערער און איבערגעלאָזט איר האַנט ביים לערער אין געפּאַנגענשאַפט.

— מיין טייערער לערער און פריינד! — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו. — איר קאָנט דאָך מיך וואָס פאַראַ היצקאָפּ, וואָס פאַראַ אַוואַנטוריסט איך בין געווען. שוין פיר וואָכן ווי איך בין אַ פריייוויליקער סאָלדאַט און האָף צו מאַכן אַ שיינע מיליטערישע קאַריערע. ענדלעך וועט מיין באַגער רעאַליזירט ווערן... אַ צווייט מאָל, מיין טייערער פריינד, וועל איך שיקן אייך מיין בילד אין אוניפאָרם. אייער ה. ר.

מינקע איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן פאַרטראַכט און זיך פאָרגעשטעלט הענרי אין אוניפאָרם פון אַן אָפיציר און ס'האָט איר עפּעס אָנגעהויבן נאָגן אין אירע בלוטן...

אין צימער איז טונקל געוואָרן. מינקען איז אין דער פאַרחלומטער מינוט אַזוי גוט געווען, אַז זי וואָלט באַשטאַנען אַזוי צו בלייבן זיצן אייביק.

דער לערער האָט אָנגעצונדן ליכט און מינקע האָט זיך אַ ביסל פאַר־שעמט פאַר דער נישט דיסקרעטער ליכטיקייט, וואָס האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען. זי האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען דעם מאַנטל. דער לערער האָט צוגענומען דעם מאַנטל, איר גענומען ביידע הענט אין זיינע און אַזוי מאָדנע איר אַריינגעקוקט אין די אויגן, אַז ס'איז איר אַזש הייס געוואָרן. זיינע קליינע אייגעלעך האָבן גענומען שפּרונגען אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ פינגפּאָנג. ער האָט זי אַריינגעכאַפּט פּלוצלינג אין זיינע אָרעמס און איר געקושט, געקושט...

מינקע האָט געצאַפּלט ווי אַ פליג אין שפּינוועב און גלייכצייטיק מאַג־נעטיש זיך צוגעקלעפּט צו אים. מיטאַמאָל האָט איר פרויען־באַוווסטזיין זיך דערוועקט אין איר און מיט חוצפּה האָט זי, קעמפנדיק, זיך באַפרייט פון זיינע הענט. ער איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. זי האָט אַ כאַפּ געגעבן דעם מאַנטל אויפן האַנט און איז אַנטלאָפן.

יענע נאַכט האָט מינקע קיין אויג נישט צוגעטאָן. זי האָט זיך דער־מאָנט אָן דער מוטערס וואָרענונג: „זיי פאָרזיכטיק, מיין קינד, מיט יונגע לייט און האָב נישט קיין צוטרוי צו אַלטע!"...

דריסטקייט

ביניש איז געשטאַנען אין מיטן צימער, ביידע אָרעמס צענומען, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי אויסמעסטן די שטוב. ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין הילצערן בעטל, אַ מתנה פון דער שטאַט־פאַרוואַלטונג פאַר זיין צוגערויבטן מעבל און זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, צוקאָפּנס און צופוסנס, און נישט אויפגעהערט צו זינגען אַ פּריש אימפּראָוויזירטן רעפריין: „כ׳בין צוריק ביי מיר, טראַ־לאַ־לאַ, כ׳בין צוריק ביי מיר!“ און כאָטש ס׳איז שוין עטלעכע טעג ווי ביניש האָט איבערגענומען זיין וווינונג, האָט ער זיך אַלץ נישט געקענט שענקען אַז ער איז ענדלעך צוריק אין זיין אַלטער וווינונג, וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיל מי צוריק באַקומען.

ער האָט גאָרנישט געקענט צוימען זיין פרייד; ווי אַ צעבריקעט פערדל האָט זי זיך געריסן פון אים אַז ער האָט אַליין מאָמענטוויז געמיינט אַז ר׳איז פון זינען אַראָפּ. עס האָט אָבער בלויז געענוגט אין בליק אויף דער וואַנט, וווּ ס׳איז געבליבן אַ פּירקאַנטיקער העלער סימן פון זיין קינדס פּאָרטרעט, אַז זיין פרייד זאָל באַלד פאַרגליווערט ווערן אין אים, ווי עס ווערט פאַרגליווערט דער שמייכל אויף אַ קינדס געזיכט, ווען אַן אַלטע מכשפה שרעקט עס פלוצלינג איבער אין מיטן זיין שפּיל...

— אָ, ווען מיין פרוי מיטן קינד וואָלטן נישט געווען דעפּאָרטירט, וואָס וואָלט מיר איצט געפעלט. פאַרדינען פאַרדין איך נישט שלעכט און די וואָך נעם איך זיך אונטער „אַריינצושיסן“ אַ פיינע מטבע — האָט ער אויס געוווינהייט גערעדט צו זיך אַליין, געגעבן אַ שפּיי אין די הענט און אַ פּאַטש צו, גלייך די מטבע וואָלט שוין דאָרט געלעגן.

טראָץ דעם, וואָס ס׳האָט אים צוגענומען אַ ביסל צייט דאָס איבערציען זיך, האָט ביניש אָבער שוין אויפגעשטעלט דאָס פאַבריקל, אַ טיש צום פּרעסן איז פאַרגרייט — און די רעשט... ווער דאַרף נאָך. די צרה איז וואָס ער

פּילט זיך ווי אַ פאַרלאָזענער הונט. פרייד און אומעט האָבן זיך נישט אויפ־געהערט אין אים צו אַמפּערן, ווי צוויי קעגנער.

אָט איז אים געקומען אויפן זינען דאָס ווייבל, וואָס האָט זיך אין אים „אַנגעטשעפּעט״, לאָזט אים נישט צו רו און לויפט איבער אים מיט טויזנט אויסריידן. אפשר פאַרט וועט ער זיך מישב זיין און חתונה האָבן מיט איר. אָבער ביינישן אינטערעסירט קיינער נישט. דער ווייטיק איז שטענדיק ביי אים פריש, אַז ער זאָל זיך נעמען אַ צווייטע פרוי אויף בעלקעס פּלאַץ. ער האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און באַמיט זיך צו באַרוישן מיטן ביטערן רויך. ערשט נישט לאַנג האָט ער זיך צוגעוווינט צום רויכערן, כדי צו גע־פינען פאַרגעסונג אין זיין איינזאַמקייט.

ביניש האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין פרוי אַ הויכע ברונעטקע מיט אַ שטאָלצן בליק, פּונקט ווי זי וואָלט געווען קראַנקענבערגס אַן אייניקל. און באַלד האָט זיך אים געשטעלט פאַר זיין בליק די פרישע פרוי, אַ בלאָנדע און באַרעדעוודיק, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ סוחרטע. ער האָט זיך באַמיט צו זען אין דעם ווייבל זיין אומגעקומענע פרוי און האָט דערביי פאַרזשמו־רעט די אויגן, אָבער בשום אופן נישט געקענט קומען אויף דעם דמיון. אָט די פרוי וויל זיך אַריינרייסן בכוח אין זיין לעבן. איין זאַך קען ער זיך נישט שענקען, פון וואַנען נעמט זיך צו אַ פרוי אַזאַ דרייסטקייט? בעלקע איז דאָך עפּעס געווען אַ קאָזאַק, נאָר אַנטקעגן דער, איז זי געווען נול. „אַ פרוי קען ביי זיך פועלן צו נעמען אַ מאַן אונטערן אָרעם, אין גאַנצן האָט זי מיך געזען אפשר דריי מאָל, און מיר איינרוימען דירעקט, אָן שום קונצן: „איר געפעלט מיר, כ׳האָב אייך ליב, לאָמיר ביידע חתונה האָבן... איר וועט זען, איך וועל אייך זיין אַ געטרייע פרוי, איר וועט ווערן דער פאָטער פון מיין קינד און מיר וועלן נאָך גליקלעך זיין, ווי צוויי גליטענע, וואָס זוכן צו פאַריכטן זייער צעבראָכן לעבן״.

און ווען זי זעט אים, כישופט זי אים מיט איר שמייכל און באַדויערט אים: „אַ מאַן אָן אַ פרוי איז ווי אַ קינד אָן אַ מאַמען!״ אָבער ער איז גלייכ־גילטיק צו איר, ווי אַ מענטש ביי וועמען מען האָט אָפּגעטעמפּט אַלע געפילן.

אַדורכלאָזנדיק אַלע געדאַנקען דורכן מוח, ווי דורך אַ זייער, האָט ער איינגעדרימלט.

ווען די באַוועגונג האָט זיך אַריינגעריסן אינעם זומער־פרימאָרגן, איז ביניש אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער, געגומען זיך שנעל אָנטון. באַלד האָט ער גענומען פרעסן און צוגרייטן פאַר דער „האַנט״ (האַנט־ביירין).

אַרום האַלב צען מען קלאַפּט. בייניש לויפט עפענען דער „האַנט". אָבער ס'איז גאָרנישט געוווען עמעץ אַנדערש ווי דאָס ווייבל.

— וואָס טוט איר דאָ אַזוי פרי? — האָט בייניש געפרעגט פאַרוווּנדערט פון וואַנען זי האָט שוין געטראָפן צו אים.

— איך האָב געהערט אַז איר האָט שוין אייער וווינונג, בין איך געקומען זאָגן אייך מזל־טוב.

— איך דאַנק אייך זייער... און מער גאָרנישט?

— איר האָט געטראָפן. נאָך עפּעס. איך האָב צו אייך אַ ביטע — האָט זי מיט אַ פאַרפירערישן שמייכל געזאָגט — איך האָב דאָ אַ קליינעם רעטוש צו מאַכן אין דעם מאַנטל, ער איז מיר צו ברייט און צו לאַנג — האָט דאָס ווייבל דאָס זאָגנדיק, אויפגעפּאַקט דעם מאַנטל און דערלאַנגט ביינישן, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון אים.

— איך האָב דאָך אָבער נישט קיין צייט אויף אַזעלכע זאַכן אין סאַמע סעזאָן.

— ס'מאַכט נישט, פאַר מיר וועט איר זיך שוין צייט נעמען; איבעריקנס, ס'איז נישט אַזוי איילִיק, ווען ס'וועט אייך גלוסטן זיך צו אַמוזירן וועט איר זיך נעמען דערצו. זאָל עס בעסער ליגן ביי אייך, ווי ביי מיר.

בייניש האָט אַ נערוועזן קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און געענטפערט:

— אַז איר ווילט דווקא ס'זאָל ליגן ביי מיר, לאָזט עס איבער. קיין דירה־געלט וועל איך נישט רעכענען דערפאַר. נאָר אין סעזאָן זאָלט איר זיך נישט ריכטן דערויף, זאָג איך אייך פאָרויס.

איר האָט נישט געאַרט וואָס בייניש האָט פאַרשטאַנען אַז דער „רעטוש" איז נישט מער ווי אַן אויסרייד און האָט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן איבערן צימער.

— איר האָט אַ גאַנץ שיינע וווינונג — איז זי אַריבער פון מאַנטל צו אַ פּראַקטישערן ענין און דיסקרעט אַ בליק אַריינגעגעבן אין שלאָפצימער, פון וועלכן די טיר איז געוווען אויפגעלעגנט.

— מיין מעבל וואָלט זיך אין אייער וווינונג אויסגעגלייכט — האָט זיך דאָס פּיסקעלע געעפנט ביי איר אויפסטריגעוווען — איך האָב מעבל און איר אַ וווינונג, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט מאַכן שותפות?... — האָט זי מער ערנסט, ווי אין שפּאַס געזאָגט און אָנגעהויבן גאַנץ חוצפּהדיק מעסטן מיט די הענט און איינשטעלן איר בופעט, טיש מיט שטילן אא"וו.

בייניש האָט זיך פּשוט פאַרלוירן פאַר איר דרייסטקייט און זיך געטראַכט: — ס'זאָל מיר אויסגיין צו איר קאָפּ. זי איז שוין אין גאַנצן פאַרטיק... נאָך מיטאָג קען זי אַהערפירן אַ וואָגן און אַריינשטעלן איר מעבל און וועט מיך אויף כּוח חתונה מאַכן. אויף וואָס פרויען זענען אַלץ פעאיק!...

נישט וויסנדיק ווי אַזוי פון איר פּטור צו ווערן, האָט ער אָנגענומען אַ שטרענגע שטעלונג און זי כמעט באַליידיקט.

— האָט נישט פּאַריבל, מאַדאַם, איר וועט אַביסל וויניקער אַריינ־שטעלן ס׳מעבל צו מיר, באַלאַמוטשעט מיך נישט, איך האָב נישט קיין צייט צו אייך.

ווידער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס׳איז אַריינגעקומען אַ מיידל צוגעפּאַרבט ווי אַ ליאַלקע. זי האָט אַ בליק געטון אויף דער פרעמדער און נישט קיין היימלעכער געדאַנק איז איר אַדורך דורכן קאָפּ.

— ווען זאָל איך קומען נאָכן מאַנטל? — האָט דאָס ווייבל פאַרן אַוועק־גיין געפרעגט.

— איר דאַרפט נישט קומען, איר קענט אים זיך שוין נעמען, — האָט ער געזאָגט און אַ געצוווּנגענעם שמייכל געטון.

— דער פּאַטראָן איז עפּעס היינט גאַרנישט גוט אויפגעשטאַנען — האָט זי פאַרענדיקט בלשון נסתר און איז אַוועק.

ס׳זענען אַדורך עטלעכע וואָכן און ס׳ווייבל האָט זיך נישט געוויזן. ביינישׂ האָט געגלויבט אַז ער האָט זי גוט באַליידיקט. אָבער וואָס איז זי אים אָנגעגאַנגען, ער האָט שווער געאַרבעט, זיך געטרייסט מיט אַ סיגאַרעט, געפרעסט און געפּאַרעוועט און שטום, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, דעם גאַנצן טאָג, אַריינגעפּרעסט אין זיך זיין פאַרביטערטקייט. זיין גאַנצע נער־ווערזיטעט פלעגט זיך באַרואיקן ביים פּרעסן. ער האָט געקלאַפּט מיטן אייזן, געשאַרעוועט מיטן פּרעסטוך און מיטן לאַפּן, אַזוי שנעל, ווי אַ קונצן־מאַכער, וואָס וויל פאַרבלענדן די אויגן די צוקוקער, בעת ער מאַניפּולירט מיט די מאַרטיר־אינסטרומענטן. און ווען ביינישן איז באַפאַלן אַ פיקסע אידעע, אַ בענקשאַפט נאָך זיין אומגעקומענער פרוי און קינד, האָט ער זיך איינגעגעסן מיטן אייזן אין דעם שטאָף און אַזוי לאַנג אויסגעשטאַנען אַ קלאַפּע, ביז די קלאַפּע האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ בוילעטן סטעמפּל פון אייזן... ערשט צוזאַמען מיטן שטיק אַרבעט איז זיין פיקסע אידעע איבערגעברענט געוואָרן און זיך פאַרלאָשן.

רעזשין, וואָס האָט געאַרבעט ביי ביינישן, האָט זיך נישט איינמאָל געשטעלט די פראַגע: „ווי אַזוי קען אַ מענטש אַזוי אַליין לעבן און ס׳זאָל אים גאָרנישט אינטערעסירן קיין פרוי.״ זי האָט אים ליב באַקומען און נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך אַריינצוגראָבן אין זיין האַרץ אַריין. איר פרויען־אַמביציע איז געווען אַ סך מאָל באַליידיקט.

— מען זיצט מיט אַ פרוי אַ גאַנצן טאָג און מען זאָל אויף איר נישט אַ קוק טון. אַמאָל אַ שפּאַס מאַכן. שוין־זשע בין איך אַזוי מיאוס מען זאָל אַזוי גלייכגילטיק זיין צו מיר? — אָבער רעזשין פונקט פאַרקערט ווי דאָס

ווייבל, איז געווען צוריקגעהאַלטן און פּונקט אַזוי ערנסט צום פּאַטראָן, ווי ער צו איר. — אויך האָט זי ליב געהאַט דעם הערצאישן אַרבעטער אין אים. זי האָט אָבסערווירט אַז ווען ער ברענגט אַ פּעקל אַרבעט, קוקט ער דערויף און מאַכט עס פּאַרטיק מיט זיינע אומגעדולדיקע אויגן און וואָלט עס שוין געוואָלט משלך זיין, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ טריפהנער סחורה. איינמאָל, ווען ער האָט אַזוי געקוקט ווי אַ הייסעריק אויף דער נאָר וואָס געבערנגטער אַרבעט, האָט דאָס דער „האַנט" באַוויגן צו מאַכן אַ שפּאַס פון וועלכן ער האָט האַרציק געלאַכט: — נעמט דאָס פּעקל אַזוי ווי עס שטייט און גייט און גיט עס אַ טראָג אָפּ און פּטור אַן עסק.

שוין לאַנג ווי זי האָט אים געוואָלט פרעגן פאַרוואָס ער בלייבט זיצן אַ מינוט פאַרטראַכט, ווען זי קומט אַריין און פאַרמאַכט די טיר. און היינט ערשט האָט זי געהאַט דאָס גליק צו הערן פון אים: „איר דערשרעקט מיך, רעזשין".

— איך, פאַרוואָס?

— איר האָט אַן אויפן פון אויפמאַכן די טיר, וואָס איז מיר אַזוי היימיש... איר פאַרמאַכט די טיר, פּונקט ווי מיין פרוי, דעם זעלבן קלאַפּ...

— עס טוט מיר לייד — האָט רעזשין געזאָגט און דרייסט צוגעגעבן:

— אַ מענטש טאָר נישט אַזוי זיין. לויפט נישט נאָך דעם נעכטיקן טאָג, דאָס וואָס איז פאַרפאַלן, מוז ווערן פאַרגעסן.

בעת רעזשין איז אַרומגעגאַנגען מיטן חלום צו וויסן וואָס איר פאַטראָן טראַכט ווען איר אין געהיים און געהאָפט אַז ער וועט איר סוף־כל־סוף דערקלערן אַז ער וויל מיט איר הייראַטן, איז דאָס ווייבל יעדן אָוונט געקומען אַרומדרייען זיך אויפן גאַס און אַרויפּרייסן די אויגן צו דעם פענצטער, דאָרט ווי בייניש וווינט און געווען גליקלעך צו זען כאָטש אין זייט פון זיין קאָפּ.

— אויב איך זאָל שוין מיט מיין דרייסטקייט נישט קאָנען אים באַזיגן, איז עק וועלט. — פונדעסטוועגן האָט זי זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרויפגיין צו אים. אַזויפיל שידוכים רעדט מען איר, נאָר קיין איינער אינטערעסירט איר נישט. אויב נישט מיט אים איז קיינער נישט. ער איז דאָך אַזוי סימפּאַטיש! דאָס חנגריבל אין גאָמבע... זיין אַטלעטישער בוי — און גייענדיק אַהיים פון איר סודותדיקער ראַנדעוו, איז זי געשוואומען אין אירע היימלעכע געפילן, ווי אַ פישל, וואָס גרונטעוועט אין די טיפענישן פון וואַסער.

געקרעפטיקט פון דער ליבע צו אים און פון איר פעסטן ווילן, האָט זי אין אַ זונטיק אים אָפּגעוואַרט פאַרן פריזירער. דאָס מאָל האָט זי באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו דער שפּיל. ווען בייניש איז אַרויס פון שערער, איז דאָס ווייבל אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ ברייטן, שמייכלענדיקן „באָנזשור", אַז

ביינישן איז פּלוצלונג וואַרעם געוואָרן. און שיין האָט זי אויסגעזען, ווי נאָך קיינמאָל נישט, פול מיט רייץ און לעבנסלוסט.

זי האָט אים אַ נעם געטון אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין דער נאָענטסטער קאַפע. ער האָט זיך געלאָזט פירן, ווי פון אַ לונאַטישער קראַפט.

— איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן, מיסיע בען, צו נעמען מיט מיר אַ גלעזל. ס'איז היינט מיין זונס געבורטס־טאָג.

— אַזוי, ווי אַלט איז אייער זון?

— אַן אַלטער בחור, פון צען יאָר.

— זאָל אייך זיין מיט מזל — האָט ביניש געזאָגט און אַ לייכטן שמייכל געגעבן.

זי האָט באַשטעלט אַ פלאַש שאַמפּאַניער און ביידע האָבן זיך אָוועק־געזעצט. ווען מען האָט דערלאַנגט דעם שוימענדיקן וויין, האָט זי אָנגע־קלאַפּט אין זיין גלאָז און אים געפרעגט: „וואָס זאָל איך אייך ווינטשן?"

— מיר, גאָרנישט, איך בין אַ גליקלעכער מענטש, מיר פעלט גאָרנישט.

— וואָס אייך פעלט צו זיין גליקלעך, זאָל אונדזביידן צוקומען...

ביידע האָבן אַ זופּ געטון פון שאַמפּאַניער און האָבן געשמייכלט. דאָס ווייבל האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט אים צו זאָגן „דו"... „פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט דוצן?" מיר זענען דאָך גוטע פריינד און דאָס פאַרפליכטעט דאָך צו גאָרנישט."

דאָס זאָגנדיק, האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַזוי פיל ליבע, אַז אַ רחמנות־געפיל האָט אים אַזש אָנגענומען פאַר דער יונגער פרוי און פאַר זיך אַליין אויך.

ווען ביניש איז אַרויס פון דער קאַפע, האָט ער געפילט, אַז זיין גורל איז געחתמעט...

קאַמפֿרעסן

הענרי האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּנעמען דאָס צווייטע בילד פֿון דער וואַנט, ווי עס האָט זיך פֿלוצלונג דערהערט פֿון קאָרידאָר די שטים פֿון זיין פֿעטער עלי. שנעל איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון שטול, געכאַפּט ס'בילד און אַריין אין צווייטן צימער, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט זיין שוועסטערס, און איז צוריקגעקומען זיך באַגריסן מיטן פֿעטער.

היינט איז הענריס שוועסטער זיזי אַהיימגעקומען פֿון שפּיטאָל, ווו זי האָט אַדורכגעמאַכט אַ קליינע אָפּעראַציע. דעריבער איז דער פֿעטער עלי מיט זיין פֿרוי און זון געקומען איר אָפּגעבן אַ וויזיט. אויף אַ שפּאַס האָט דער פֿעטער איר געברענגט אַ לעקער (צוקערל אויף אַ שטענגל). זי האָט דאָס מיט באַוווּנדערונג גענומען פֿון האַנט און אַרויסגעשאָסן אַ קלינגענ־דיק געלעכטער, אַז מען האָט געקענט מיינען אַ שנור פּערל האָט זיך צע־קייקלט אויפֿן באָדן.

— איך האָב שוין אַ האַלבן חתן און דו האַלטסט מיך נאָך פֿאַר אַ קינד!

— האָט זי אַ גוטמוטיקן פֿאַרוואָרף געמאַכט דעם פֿעטער.

— אַזוי גאָר? האָסט שוין אַ האַלבן חתן? וועלכע העלפֿט האָסטו? — האָט עלי אין דעם זעלבן שפּאַסיקן טאָן געפֿרעגט.

מאַרסעל, זיין שטיפֿזון, אַ בחור פֿון אַ יאָר זעכצן, וואָס איז געזעסן נעבן דער קראַנקער, האָט זיך אַביסל פֿאַרויטלט, ווי דער שפּאַס וואָלט גאָר צו אים געווען געצילט — אָדער אים אָנגערירט...

— אוי ביסטו אַן אָנקעלע. קום אַהער, וועל איך דיר געבן נאָך אַ קוש. דער לעקער האָט מיך געמאַכט לעבעדיק — האָט זי אין אַ שלעכטן יידיש געזאָגט, אַרויסשטעקנדיק איר נאַשער־צינגל.

יעדעס מאָל, ווען עלי זעט זיין שוועסטערס פּופּצן־יעריקע זיזי, גיט עס אים אַ פֿאַרקלעם אונטערן האַרצן. אָט דאָס מיידל, פֿריש ווי אַ בלום און פֿלינק ווי אַ באַרגציג, רופֿט ביי אים אַרויס אַן אומפֿאַרהיילבאַרע בענק־שאַפֿט צו זיין קינד פֿלאָראַ, וואָס איז אינעם עלטער פֿון עלף יאָר דעפּאָר־

טירט געוואָרן צוזאַמען מיט איר מאַמען. דאָס, וואָס רירט אים אַזוי שטאַרק און רופט ביי אים אַרויס אַן אומגעהויערן צאַפּל, איז די אַסאָציאַציע, וואָס ביידע קוזינקעס זענען געבוירן געוואָרן אין דער זעלבער וואָך און אין דער זעלבער קליניק.

איצט האָט ער אַ צווייטע פרוי. טראָץ דעם, וואָס ער איז שוין צוויי יאָר פאַרהייראַט מיט איר, איז אים נאָך אַלץ נישט קלאָר, ווי אַזוי ער האָט זיך דעצידירט אויף איר. וויזט אויס, אַז די ליבשאַפט, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיין אומגעקומענער פרוי, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רחמנות פאַר דער צווייטער...

זי פלעגט צו אים אַרויפקומען אינעם ווייסן פאַרטוך, אַרויסנעמען אַ זשמענע געלט פונעם טיפן טאַש און אים אַ זאָג טאָן: „זעט נאָר ווי רייך איך בין, כ'האָב שוין נישט ווו אַהינצוטאָן ס'געלט... זעט נאָר — האָט זי אים אַריינגערעדט נאָענט אין פּנים אַריין — פון איין טאָג לייזעכץ, האָב איך אויף אַ פּאָר וואָכן צו עסן. איך קאָן נאָך געבן אַ מאַן פּרנסה, נישקשה — האָט זי זיך גערימט, קלינגענדיק מיטן מעטאַלענעם געלט אין די טאַשן.

עלי איז געזעסן ביי דער מאַשין איינגעבויגן און דער פרויס ווערטער זענען געפאַלן איבער זיין נאַקן, ווי אַ קאַלטער שפּריץ... אים האָט נישט געלאָקט, נישט די פרוי און נישט איר געלט. עס האָט אים איבערהויפּט נישט אינטערעסירט קיין שום פרוי.

— קומט, קומט — פלעגט זי אים ציען ביים אַרבל... לייגט די אַרבעט. וואָס דאַרפט איר אַזוי שווער אַרבעטן! — האָט זי קאָקעטירט מיט איר שטימע, ענלעך צו אַ סקריפּענדיקע טיר.

און ער האָט אַזוי פיינט געהאַט איר שטימע, אַז ער האָט אַ לאָז געטאָן דעם מאָטאָר פון זיין מאַשין אויף דער גאַנצער קראַפט...

— קום — איז זי פלוצלונג אַריבער אויף „דו" און אַזוי אַרום געזוכט אַ קורצן וועג צו זיין האַרץ — איך צאָל דיר דאָס בעסטע טעאַטער מיט צוויי טאַקסיס — האָט זי מיט אַ קונציקער ראַפינירטקייט אים אָנגעוואָרפן אַ ראַנדעווו.

ווען זי איז אַוועק, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער מאַשין און איר לאַנג נאָכגעקוקט אויפן גאַס... ער האָט זיך נישט אַזוי געוווּנדערט אויף זיין נאָכגעביקייט, נאָר אויף דעם כּוח פון דער פרוי!

— נאַרישער מענטש, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אַ מאַן, וואָס קוקט אַפילו נישט אויף דיר! — פלעגט דאַראַס עלטערע שוועסטער אויף איר אָנשרייען. — אַ פרוי דאַרף נישט אַזוי קריכן אַ מאַן אין די אויגן אַריין. דו געדענקסט דאָך ווי אונדזער מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, האָט געזאָגט:

„דער שטאָלץ פון אַ פרוי איז ווערט צוויי נדבֿים". סוף־כל־סוף וועסטו אים אַרויסברענגען פון געדולד און ער וועט דיר ווייזן די טיר.

— דאָס, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט, דאָס איז שוין אַן אַלט זאָגעכץ, — האָט זי אַ רעד געטאָן מיט אַ קול, ווי פון אַ הויכשפּרעכער — און איך זאָג, אַז ס'האָט אַמאָל איינע זיך אַרומגעטראָגן מיט איר שטאָלץ, ביז מען האָט איר שטאָלץ באַגראָבן צוזאַמען מיט איר מיידלשאַפט. קוק, שוועס־טער, — דו זעסט עפּעס דאָ?

די שוועסטער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ שטוינענדיקן שמייכל, מיינענדיק, אַז זי איז אַראָפּ פון שכל.

— לאַך, לאַך, דו זעסט, פון דעם פלאָץ, פון דעם שטיינערנעם באָדן אַז איך וועל נאָר וועלן, וועל איך אַרויסציען גאָלד!... — האָט זי דאָס לעצטע וואָרט צוגעגעבן מיט אַזאַ אַקצענט, אַז אַן אָדער פון האַלדז האָט זיך ביי איר צעציטערט...

אָט דערביישפּיל פון אַרויסציען גאָלד פון אַ שטיין איז געווען אין איינקלאַנג מיט איר נאַטור. זי איז פּאַקטיש געווען ווי אַ נייער מין אַלכע־מיקער, וואָס האָט פון אומעגלעך געמאַכט מעגלעך. זי האָט סוף־כל־סוף עליס פּאַרגליווערטע גלייכגילטיקייט צעשמאָלצן און ממש בייגוואַלד זיך אַריינגעריסן אין זיין לעבן, מיטברענגענדיק אים אַ זון פון איר ערשטן מאַן.

אסתר, זיזיס מוטער, האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום דער קראַנקער און אַריינגעגאַנגען אין קיך, דאָרט איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי זי וואָלט געהאַט עפּעס נויטיקס איר צו זאָגן. באַלד האָט אָפּגעהילכט איר שטים אין דער דריטער שטוב אַריין.

דאָרט האָט זיך פּאָרטרויט פאַר איר שוועגערין אַז עס מאַכט זיך נישט ביי איר קיין קינד: „עלוש בענקט נאָך אַ בעבע". און עס גייט איר אין גאַנצן לעבן. זי וואָלט זיך געלאָזט שניידן, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַן אָפּעראַציע. זי האָט גערעדט מיט היץ און דערציילט דער שוועגע־רין פון אונטערן האַרץ אָפּער אַז זי פּאָרט ספּעציעל נעמען אַ קור...

— מאַרסעל, גיב נאָר אַ קוק אין קיך אַריין, צי דיין מאַמע איז שוין פאַרטיק מיטן רעדן — האָט עלי געזאָגט, קוקנדיק מיט טרויער אויף דער רייצנדיקער זיזי — נו, וואָרט איך וועל אויך גיין — האָט ער זיך אויפגע־הויבן פון פלאָץ און אימפּראָוויזירנדיק אונטערגעפּיפן.

אַזאַ נאַטור האָט עלי, אונטערפּייפן ביי אים איז אַ סימן פון אַן אָנגע־לאָדן געמיט.

אַדורכגייענדיק דאָס טונקעלע צימער, וואָס האָט געפירט צו דער קיך, האָט ער זיך אַ גליטש געטאָן און וועלנדיק זיך דערכאַפּן, האָט ער נישט ווילנדיק אַ שטויס געגעבן מאַרסעלן; דער לעצטער האָט זיך אָפּגעשלאָגן

אין וואַנט און אַ בראַזג פון גלאָז האָט אָפּגעהילכט איבערן הויז. עלי האָט אַנגעצונדן ליכט און אין דער זעלבער צייט זענען אַנגעלאָפן די שטוביקע. אויף דער ערד מיטן פּנים אַרויף, איז געלעגן דאָס בילד פון עליס אומגעקומענער פרוי מיט אַ שטיק צעשאַרפּעט גלאָז. דערנעבן אין אַ ווינקל ביים וואַנט, האָבן, ווי צווייזוניקע פעלדער, אַרויסגעבלאַנקט די בלויע אויגן פון פלאָראַס בילד, אַן אומבאַשעדיקטס.

ס'האָט געהערשט אַ מינוט שטילשווייגן, ווי מען וואָלט אָפּגעגעבן כבוד דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע.

הענרי, ווי איינער, וואָס פילט זיך שולדיק, האָט אויפגעהויבן ס'בילד פון דער ערד און מיט געררירטער שטים געזאָגט:

— ס'איז מיין שולד. זיי מיר מוחל, אָבער זאָרג נישט. איך וועל עס שוין אין אָרדענונג ברענגען. איך האָב אַן אַנדער שטוב, כ'וועל זי מאָרגן אַליין פאַרזעצן, פאַרלאָז דיך אויף מיר.

דאָס זאָגנדיק, איז ער פאַרשוואונדן מיטן בילד אין שלאָפצימער אַריין.

ווען די געסט זענען אַוועק, האָט הענרי געזאָגט אַז ער האָט בכיוון אַראָפּגענומען די בילדער, כדי דעם אָנקל נישט ווי צו טאָן מיט זייער אָנבליק.

אין דער זעלבער נאַכט האָט עלי נישט געקענט קיין אויג צוטאָן. די איבערלעבונג האָט אים אַזוי ווי געטאָן, אַז דאָראַס גאַנצע ראַפינירטע ווייבלעכקייט האָט נישט געהאָלפן אים אויפצוהייטערן. ער האָט אַפילו מיט קיין איין קוש נישט געענטפערט אויף אירע צערטלעכקייטן. אַ טיף־באַליידיקטע, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט צום קאַנט פון בעט און איר הייסער פולס האָט אַריינגעהאַמערט אין דער נאַכטיקער שטילקייט. פאַראיינזאַמט איז יעדער אין זיינע טראַכטונגען איבערגעקומען די נאַכט. אויף צומאָרגנס איז דאָס פאַרפאָלק געשלאָפן ביז שפּעט. עלי האָט זיך אויפגעהויבן מיט בויכקראַמפן און זיך צוריק אַנידערגעלייגט. דאָראַ איז נישט געגאַנגען אין געשעפט אַריין און מיט אַ מאַמעשער ליבשאַפט אים געלייגט הייסע קאָמפּרעסן. מיט אַן ערנסטער איבערגענומענקייט איז זי אַרומגעגאַנגען אַרום אים און מיט אַ ציטער אַריינגעקוקט אים אין זיינע, פון ווייטיק, פאַרלאָפענע אויגן.

— כ'גיי נאָך אַ דאָקטאָר — האָט זי געזאָגט אַנטשלאָסן, הערנדיק זיין קרעכצן.

— מען דאַרף נישט — האָט ער טרוקן געענטפערט — עס ווערט מיר שוין בעסער.

נאָר דאָראַ האָט אים נישט געהערט און אַרויס פון שטוב. זי האָט געוויינט איבערן גאַס און וויינענדיק איז זי אַרויף צו זיין שוועסטער.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט אסתר זי געפרעגט דערשראָקן, זעענדיק איר שוועגערין אין דער פאָרמיטאָג־שעה און מיט אַזעלכע אויגן!

— עלי האָט אַ קריזיס אויפן בויך. עס מוז זיין אַ פּאַנדיסיט. (בליב־דאָרעם). עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער קלאָגט זיך, נאָר דאָס מאָל איז עס ערנסט.

גייענדיק מיט אסתרן אויפן וועג צו איר ברודער, האָט דאָראַ נאָך צו־געגעבן: — ער מוז געפערלעך ליידן. עס אַרט אים, ווען כ'שטיי נעבן אים. עס אַרט אים, אַז כ'רעד... — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געזאָגט.

אסתר האָט געוואָלט איר עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין מוט און אויך נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט...

ווען דאָראַ איז אַרויפגעקומען מיט איר שוועגערין צו זיך אין שטוב, איז עלי שוין געזעסן ביים טיש. דאָראַ האָט אים צערטלעך אַרומגענומען און געפרעגט:

— עליניו, ס'איז דיר בעסער? מיר זאָל זיין פאַר דיר, מיין טייערער! אפשר דיר מאַכן נאָך אַ קאָמפּרעס?

איר טריישאַפט האָט אים דאָסמאָל אַזוי איבערגענומען, אַז ער האָט זיך צעוויינט, מיט ספּאַזמעס, ווי אַ פרוי...

ביידע שוועגערינס האָבן זיך אָנגעקוקט מיט איבערגעלאָפענע אויגן און עליס שוועסטער האָט דערקענט אויף דאָראַן אַז זי האָט ענדלעך פאַר־שטאַנען אַז אַפילו מיט טויזנט הייסע קאָמפּרעסן, וועט זי נישט אימשטאַנד זיין אויסצוברענען פון זיין געדעכעניש די בענקשאַפט נאָך זיין אומגעקו־מענער פרוי און קינד.

גאַבריעל

גאַבריעל איז היינט ספּעציעל אין אַ שלעכטער שטימונג. נישט דער־פאַר, וואָס די פאַבריק איז געשלאָסן, צוליב דעם פּלוצלינגען טויט פון איר פּאַטראָן, אויך נישט דערפאַר, וואָס דער דרויסן איז טריב, דער הימל אָנ־געלאָדן און שטרענג.

ביי גאַבריעלן האָט אויפגעטויכט אַ טרויער, אַ בענקשאַפט, וואָס נעמט זיך פון אַ פּוסט און ליידיק לעבן אָן אַ שום אינהאַלט, אָן אַ שום פאַרב. אין האַרצן ליגט עפּעס אַ קלימפּער, אַן איבעריקע מאַסע, וואָס צעשפּאַרט איר אין גאַנצן און פרעסט פון איר אַרויס אַלע טרערן. די טרערן לויפן אַזוי שנעל און מיט אַזאַ טעמפּאָ, ווי אַן איבערגעלאָדענע שניר קרעלן, וואָס צעשיט זיך אין אַ געקייקל מיט אימפּעט.

גאַבריעל וויינט איצט גערן, מען וואָלט געזאָגט מיט פאַרגעניגן. זי איז ווי אַ טייל פון היינטיקן אָקטאָבער־טאָג. ס'רעגנט דעם גאַנצן טאָג, נאָר מיט פּויזעס; אָט גיסט, גיסט און אַ גערוך פון פייכטקייט, ווי שימל ציט זיך אַריין אין צימער. ס'רעגנט אַזוי אינטענסיוו, אַז ס'דאַכט זיך, אַז ס'וועט זיך פאַרציען אַ פּאָר וואָכן. אָבער אומבאַמערקבאַר, ווי אויף אַ באַפעל, שטעלט זיך אָפּ דער רעגן, די וואָלקנס טרעטן אָפּ און ס'שווימט אַפער אַ שטיקל קלאָרער הימל. שוין דאַכט זיך אַז ס'האַלט זיך ביים אויסלייטערן, ווייל ס'ווערט וואָס אַמאָל העלער. אָבער מיט אַ מאָל ווערט ווידער טונקל און ס'נעמט גיסן אויפסניי. אַזוי איז היינט דער אָקטאָבער־טאָג אין אַ וואַקלענ־דיקן צושטאַנד נישט דעציזירט, פּונקט אַזוי איז אויך היינט גאַבריעל. זי וויינט מיט פּויזעס. הערט אויף, הייבט אָן, הערט אויף, הייבט אָן און וואָס אַמאָל אין אַ שטאַרקערן אויסברוך מיט קליינע, דערשטיקנדיקע ספּאַזמעס געמישט מיט אַ קורצן זיפץ פון באַפרידיקונג.

גאַבריעל האָט היינט געמאַכט דעם סך־הכל פון אירע אָפּגעלעבטע דרייסיק יאָר. שוין פינף מיט אַ האַלב יאָר ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט מיכאַעל רובין, אַ יונגער ליטעראַט. זי איז נישט געווען קיין שיינהייט, נאָר

מען פלעגט שטאַרק ליב האָבן אירע אויגן. מען פלעגט זאָגן, אַז צו אַזעלכע אויגן ווי גאַבריעל האָט, דאַרף מען נישט קיין מויל... „זיי רעדן שטענדיק, זיי צערטלען, זיי שטראָפן, זיי ברענען ווען וועלטן".

ווען זי האָט זיך באַקענט מיט מיכאַעל אין אַ פּאַריזער רעסטאָראַן, איז די באַקאַנטשאַפט באַלד איבערגעגאַנגען אויף אַ פריינדשאַפט און פון דער לעצטער האָט זיך געענדיקט מיט אַ חתונה. גאַבריעל איז געווען פאַר־ליבט אין מיכאַעלן. דאַקעגן ביי אים האָט מער די פּראַקטישע זייט איבער־געוויגן און געצויגן צו דער פאַרבינדונג. ער האָט געזען אין פּערספּעק־טיוו אַ גינציקן קוואַל, וועלכער פליסט אין דריי פּונקטן: אַ מאַטעריעלע עקזיסטענץ, אַ מעגלעכקייט צו פירן זיין געזעלשאַפטלעך לעבן און צו לאָזן אויף ברייטע וועגן זיין ליטעראַרישע קאַריערע.

גאַבריעל האָט געוווסט, אַז זי דאַרף זיין דער הויפּט־פּרנסה־געבער. אָבער דאָס האָט זי נישט אָפּגעשראָקן. זי איז געווען גרייט דערצו און גע־ווען גליקלעך, אַז איר באַגער האָט טריאומפירט.

דאָס ערשטע יאָר איז אַוועק אַזוי ווי ביי אַמייסטן פּאָרפּעלקער. מען האָט זיך ליב געהאַט, נישט קענענדיק זיך און געלעבט אין דעם נישט רעאַלן לעבן פון די ערשטע האָניק־מאָנאַטן.

ס'האָבן באַדאַרפן אָפּלויפן אַריבער פינף יאָר אַז גאַבריעל זאָל מיט איין מאָל זיך אַרומזען, ווי גרוי און אינהאַלטסלאָז עס איז איר לעבן. שטענ־דיק אין פאַבריק, פאַריאָגט, כאַפּט אַריין אַ טרוקן מיטאָג ביים מאַשין, דער מאָרגן טרייבט זי אַרויס און דער אָוונט יאָגט זי אַהיים. און אין דער היים וואַרט אויף איר די באַלעבאַטישקייט, דאָס נאַכטעסן צו פאַרגרייטן און אַלע זאָרגן פון אַ הויזווירטין.

מיכאַעל רובין פירט זיך זיין לעבן. ער האָט זיך זיין סביבה, קיינמאָל איז ער נישט צו איר דיספּאָזיציע. זיינע טעג זענען פאַרנומען. די אָוונטן זענען ביי אים אויסגעפילט, ביינאַכט שרייבט ער אָדער ער לייענט — און זעלטן ווען זי גייט מיט אים אַרויס אַביסל פאַרברענגען.

גאַבריעל האָט באַשלאָסן דורכצושמועסן זיך מיט איר מאַן און זאָגן אים אָן שום קונצן, אַז זי איז דעצידירט אים צו פאַרלאָזן און וועט פאַר־לאַנגען אַ גט. זי וויל נאָך פאַריכטן איר יונג לעבן און וועט חתונה האָבן מיט אַן אַרבעטער, מיט וועלכן זי וועט שמידן אַ האַרמאָניש פאַמיליע־לעבן. זי וויל האָבן אַ קינד און עס אַליין דערציען. ווי גליקלעך וואָלט זי געווען, ווען זי קען איצט האַלטן ביי דער ברוסט אַ פּיצעלעס און זיך שפּילן דער־מיט. אַזוי טראַכטנדיק, איז זי שנעל אַראָפּ פון בעט און ווי אויף פליגל צו צום פענצטער. אין צימער איז שוין געווען גוט טונקל און ווי פאַרסוי־דעט איז געזעסן אין די ווינקלען אַ געדיכטער חושך.

גאַבריעל האָט פאַרמאַכט די לאָדן און אָנגעצונדן די עלעקטריע און איצט אין גאַנצן דעצידירט, האָט זי זיך שטיל דערנענטערט צום מאַנס אַרבעט־צימער. די טיר איז געווען עטוואָס אָפּגעלענט. זי האָט זי פאַרזיכ־טיק געעפנט און גערופן: „מיכאַל, מיכאל!" אָבער קיינער האָט נישט גע־ענטפערט. מאָדנע, בלויז דער ווידערקול האָט איר נאָכגעשפּעט „כעל כעל!" אין צימער איז קיינער נישט געווען.

— איז ער אַוועק און געלאָזט ברענען די ליכט? — האָט גאַבריעל זיך געפרעגט דערשטוינט. זי איז אַריין אין צימער און צוגעגאַנגען צום שרייבטיש אין אַ פּאָזע ווי אַ טורעם, וואָס האַלט ביים איינפאַלן, איז גע־לעגן אַ שטויס ביכער. די רעשט טיש איז געווען פאַרוואָרפן מיט באַשרי־בענע פּאַפּירן.

זי איז געווען אַזוי דערשטוינט און געפּלעפט נישט צו טרעפן מיכאַעלן, פּונקט איצט ווי אויף צו להכעית, ווען זי איז געווען צוגעגרייט אים באַ־קאַנט צו מאַכן איר פעסטן באַשלוס. גאַבריעל איז געבליבן שטיין ביים שרייבטיש מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט — און אַזוי ערנסט פאַרטראַכט איז איר בליק געפאַלן אויף אַ פעטן טיטל פון אַן אָנגעשריבענעם, גרויסן בויגן פּאַפּיר. זי האָט געלייענט: „בלויזן אין מיין לעבן". אין דער זייט איז גע־ווען צוגעשריבן מיט קליינע אותיות: קאַפּיטל דרייצן צום ראָמאַן „די היי־ליקע וואַנט". ווי אויטאָמאַטיש, נאָר פאַרזיכטיק און מיט דרך ארץ האָט גאַבריעל גענומען דעם באַשריבענעם בויגן און אָנגעהויבן לייענען.

ווען גאַבריעל האָט געענדיקט, האָט זי אַ ביטערן שמייכל געגעבן. „אָט דאָ ליגט דאָך אַ שטיק אמת, אַ פראַגמענט פון אַ לעבן — האָט זי גע־טראַכט. מיין מאַן איז אַ פסיכאָלאָג, ער לייענט פון יענעמס האַרץ, ער פאַר־שטייט אַלץ — און דאָך זעט ער נישט וואָס עס טוט זיך אונטער זיין איי־גענעם דאַך".

פּלוצלונג האָט גאַבריעל אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ, ווייל ס'האָט אַ מאָדנער חשד דאָרט אַ קלאַפּ געטאָן, נאָכן איבערלייענען די שורות... אפשר האָט דאָס אַ שייכות צו אים, צו מיר און ער גאָר גרייט זיך... זי האָט זיך דערפילט געפאַלן, געקרענקט און אָפּגענאַרט און דער גאַנצער אויפשטויס פון געפילן, האָבן זי ערגעץ אַראָפּגעשלעפּט טיף, ווי צום פאַר־ניכטן. זי האָט פאַרפלאָכטן די פינגער, ווי צו עפּעס אַ געבעט און געשעפּ־טשעט צו זיך: אַ, ווען ער קומט איצט צוריק וואָלט איך אים גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט! אָבער צי וועט ער קומען?...

חכמת־היד

מען האָט אים גערופן דער שוואַרצער אריה. זיין פיזישער אויסזען איז געווען באַשאָנקען מיט דער פולקאָמענהייט פון דער נאַטור. פאַר זיינע פאָספאָר־אויגן און זיינע שוואַרצע געדיכטע האָר, ווי זיידן־וועלור, זענען מיידלעך די כפרה געווען. — נאָר אַ חסרון האָט ער געהאַט, דער שיינער בחור, וואָס ר'איז קיין פאַרדינער נישט געווען. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיצן ביי אַ מאַשין און אַרבעטן אַזוי ווי זיינע חברים, נאָר פלעגט אַרומגיין אין גאַס און זוכן עפּעס אַ לופטפּרנסה ביי וואָס מען דאַרף זיך די הענט נישט איינריכטן. פּרעטענציעז, האָט ער פּאַראַדירט מיט דער טעקע אונטערן אָרעם; כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז ער האָט מער נישט געהאַט אין דער טעקע, ווי זיין עספּעראַנטאָ־העפט און עטלעכע פּראָפּאַגאַנדע־העפטלעך פאַר דער שפּראַך.

זייענדיק אַ הייסער אָנהענגער פון זאַמענהאָפן, פלעגט ביים שוואַרצן אריה מיט די געפּוצטע מאַניערן, זיין ס'בעסטע פאַרגעניגן צו מאַכן אַ שפּאַציר יעדן פרימאָרגן אויפן בית עולם צום קבר פון ד״ר זאַמענהאָף.

מיט באַגייסטערונג, האָט ער געקוקט אויפן פינפעקיקן שטערן, וואָס האָט סימבאָליש אויסגעדריקט דעם אידעאַל פון פעלקער־פריינדשאַפט דורך שפּראַך־פאַרשטענדיקונג. ער האָט אַזוי לאַנג געגאַפט, ביז אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייסן נעפּל. דעמלט האָט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן פּאָעטיש זיך קאָנצענטרירט איבער דעם שטיינערנעם שווייגער, ווי ער וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך די געניאַליטעט פון דעם שפּראַך־דערפינדער.

אויף די אָוונט־קורסן האָט ער זיך באַקאַנט דורך חוהטשע, זיין געוועזענעם מייסטערס טאָכטער, מיט איר חברטע האַנקע און איז באַפריינדעט געוואָרן מיט זיי. פון דעמלט אָן האָבן אַלע דריי פאַרברענגט צוזאַמען און די עספּעראַנטאָ־שפּראַך איז קעגנזייטיק איינגעאיבט געוואָרן.

ווען דער שוואַרצער אריה האָט אָנגעהויבן „אַרויסגיין" מיט די צוויי

פריינדינס, פלעגט ער אָפּט צו זיי אין שטוב קומען און ביי אַ געלעגנהייט, האָט מען אים אויך צום טיש פאַרבעטן. אַזוי האָט ער געגעסן אַמאָל ביי חוהטשע און אַמאָל ביי האַנקע. ער האָט זיך נישט פאַרטראַכט, אַז דאָס אָפּטע פאַרבעטן אים, צילט צו עפּעס — און האָט זיך נישט געקימערט, אַז זיין געוויסן קאָן אים פאַרפליכטן צו אַן ערנסטער באַציאונג, צו איינער אָדער צו דער אַנדערער. דערוויילן איז ער געווען צופרידן, וואָס דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט אַ ביסל אויסצומיידן זיין היים,וועלכע ער האָט פיינט געהאַט. ערשטנס צוליב דעם איביקן מוסר זאָגן פון זיין פאָטער, וואָס ער איז קיין לייט נישט. דער פאָטער איז אַליין אויך קיין גרויסער פאַרדינער נישט געווען. זיין פאַך איז באַשטאַנען פון קאָרטן־לייגן און כיראָמאַנטיע. ער איז אָבער געווען זייער שטאָלץ אויף זיין פּאַפּיר, אַ דערלויבעניש פון רו־סישן צאַר ניקאָליי אויסצואיבן זיין פּראָפעסיע, האָט ער מיט התמדה שטו־דירט די טעאָריע פון די האַנטשטריכן. דאָס איינגערעמטע פּאַפּיר פון רוסישן קיסר וואָלט ער נישט אָוועקגעגעבן פאַר קיין שום פאַרמעגן. ער האָט דעריבער מקבל באהבה געווען די אָרעמקייט, וואָס האָט זיך געמערט צוזאַמען מיט זיין בני בית.

איבערהויפּט האָט דער שוואַרצער אריה נישט געקאָנט אָנקוקן די יונגע שטיפמוטער, וואָס האָט געקינדלט ווי אַ קאַץ, צו צוויי און צו דריי און פון דער אָפּטער פיזיאָלאָגישער צעטרייסלונג, פלעגט זי שטענדיק זיין קראַנק און שוואַך. דעם עלטעאַנטן אריה האָט געאיבלט צו קוקן ווי די פאַרשמירטע קינדערלעך מיט די האַלב־אָפּגעדעקטע געזעסלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע תחתונים, זענען נאָכגעלאָפן דער הויקער־דיקער מוטער, ווי די קורטשאַקלעך דער הון. — דער פאָטער פון דער אָרעמער מלוכה האָט דערפאַר אַ שטאַרקע האַנט געמוזט צולייגן אויך צום בעל־הבתישקייט. פרייטיק פלעגט מען אים זען אין אַ פאַרטוך ווי אַ סאַר־ווער, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, האַקן פיש און אָנפילן די קישקע אין טשאָלנט אַריין לכבוד שבת... אַפילו די ווינדעלעך פאַר די „פּיפּיקלעך" פלעגט ער וואַשן; מיט אַ געשיקטקייט ווי דערצו געבוירן. עס איז קענטיק געווען, אַז די ראָלע פון אַ בעלהביתטע איז אים געווען צום האַרצן, ווייל — שטענדיק פלעגט זיין שטובאַרבעט זיין באַגלייט מיט אַ זמרל.

דער שוואַרצער אריה פלעגט זיין פאָטער אָפּמעסטן פון קאָפּ ביז פוס. ער האָט אַזוי לעכערלעך אויסגעזען אין זיין פאַרען זיך אַרום די טעפּ, מיט די באַהאָרטע הענט, און ער האָט זיך געטראַכט: „איך פּאַס מיך אַזוי דאָ אַריין, ווי אַ בוים אין אַ שמאָל הינטערגעסל".

און אריה האָט אויסגעמיטן די היים, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט. די

פריינדשאַפט מיטביידע מיידלעך איז ווייטער אָנגעגאַנגען האַרמאָניש און אַלע זענען געווען גלייך פאַרליבט איינער אין אַנדערן!

חוהטשע און האַנקע זענען געווען יונג און רייצנדיק. די נאַטור האָט יעדן פון זיי באַשאָנקען מיט פאַרשידענע, פיזישע באַזונדערקייטן, וואָס האָבן געקאָנט קאָנקורירן איינס מיט דאָס אַנדערע. האַנקע איז געווען צאַרט און ווייבלעך מיט איר אויפגעהויבענעם גלאַטן שטערן, ווי גלאָז און אירע צוויי רונדיקע בעקלעך דורך וועלכע רויטע, וואַרעמע קאָלירן האָבן זיך אַדורכ־געפּרעסט, אַז קוקנדיק אויף זיי זענען די ציין שטענדיק גרייט געווען זיך איינצובייסן אין זיי, ווי אין רייפע עפּל. — חוהטשע איז געווען פלינק, ספּאָר־טיוו און מענלעך מוסקולירט.

איינמאָל האָט חוהטשעס ראַפּינירט אויג באַמערקט, אַז די גלייכגעוויכט פון זייער פריינדשאַפט הויבט זיך אָן איבערצוברעכן. זי האָט געפילט, אַז דער שוואַרצער אריה זוכט צו בלייבן אַליין מיט האַנקע. איינמאָל ווען זיי האָבן זיך געפונען אויף אַן אויספלוג אונטער דער שטאָט, האָט זי געהאַט אַ בולטן באַוויז, אַז זי ווערט איבעריק אין דער געזעלשאַפט.

ס'איז געווען אין אַ הייסן, גליענדיקן טאָג, ווען אַלץ איז געלעגן ווי פאַרחלשט אונטער דער היץ, האָט זיך דער הימל פלוצלינג פאַרכמאַרעט און אַ חוצפּהדיקער שלאַקס־רעגן איז אַראָפּ מיט רעש און האָט צעטרייסלט גראָז, בוים און מענטש.

אריה האָט אינסטינקטיוו אַרויפגעוואָרפן זיין וועסט מיט אַ צאַרטער זאָרגפעלטיקייט אויף די אַקסלען פון האַנקע און אין מאָמענט פאַרגעסן פון זיין צווייטער פריינדין. חוהטשע האָט זיך געפילט געטראָפן און אין אַ פּאַסיקן מאָמענט איבערגעלאָזט די פאַרליבטע און אַנטלאָפן.

פון דעמלט אָן איז אַריין אַ שפּאַלטונג צווישן די דריי יונגע מענטשן. האַנקע האָט נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן פון איר חברטע. זי האָט זיך געפילט ווי שולדיק, וואָס אירע געפילן צום שוואַרצן אריה זענען אַזוי שפּילנדיק אַוועק אויף אַן ערנסטן וועג. פון דעסטוועגן פלעגט האַנקע נאָך קומען צו איר חברטע און זי פאַרבעטן צוזאַמען צו פאַרברענגען.

חוהטשע איז געווען פאַרביטערט און זיך אַנפאַרטרויט איר מוטער און דער מוטערלעכער אינסטינקט האָט גלייך געגומען אַן אַקטיוון אָנטייל צו היילן דער טאָכטערס פאַרצווייפלונג.

ווען האַנקע איז אַרויפגעקומען צו איר פריינדין, האָט די מוטער שטענ־דיק געפונען אַ וועג אַרויפצוקומען אויף אַ געשפּרעך וועגן דעם שוואַרצן אריה. זי האָט מיט אַלע כוחות געפּרוווט איר אָפּווענדן פון אים און צווישן אַנדערן, האָט זי פאַר איר „אַוועקגעלייגט" אַזאַ דרשה: „דו האָסט דיך זע איך „אָנגעטשעפּעט" אויף גוט אין דעם פּוסט און פּאַסטניק, אין דעם

לײדיקגײער און פֿאַרדרײסט דיר אַזוי דעם קאָפּ. פּע, װי פּאַסט עס גאָר פֿאַר דיר. אַ סוחרס אַ טאָכטער, אַ בוכהאַלטערקע, זאָל זיך משדך זײן מיט אַ טרעפֿערס אַ זון... מיט אַ „פֿלירטזשאַזש״, װאָס דרײט זיך אַרום מיט דער טעקע און מיט געפּוצטע נעגל, װי אַ באַנקיר און האָט קײנמאָל נישט קײן גראָשן בײ דער נשמה״.

האַנקע איז אָבער נישט געבליבן געפּלעפּט און געענטפֿערט צו דער זאַך — מײן פֿאָטער װעט אים מאַכן פֿאַר אַ געשעפֿטס־מאַן, כ׳װעל נישט שטאַרבן פֿון הונגער בײ אים!״

נאָר אַז חוהטשעס מוטער איז נישט מיד געװאָרן צו רעדן מיט האַנקע און אַרונטעררײסן אריהן, האָט האַנקע אױפֿגעהערט אַרױפֿצוקומען.

װען ס׳האָבן זיך דערנענטערט האַנקעס תנאים, האָט איר חברטע אײנגעלײגט װעלטן צו צעשטערן דעם שידוך.

חוהטשע האָט געקאָנט אריה׳ס שװעסטער, װאָס איז געװען אַ „דינסט״ בײ אַ מומע אױף דער פּראָװינץ. זי האָט געװוסט, אַז שװעסטער און ברודער, כאָטש פֿון אײן טאַטע־מאַמע, האָבן קײנמאָל קײן גוט לעבן צװישן זיך. דער ברודער האָט זיך געשעמט מיט דער שװעסטערס גראָבער פּראָפֿעסיע און שטענדיק געװען מיט איר אין שלעכטע באַציאונגען.

נעמענדיק צוהילף די פּײנטשאַפּט פֿון דער שװעסטער צו אריהן, איז זי אַ דערמוטיקטע אַהינגעפֿאָרן צו איר און איבערגעגעבן, אַז איר ברודער גרײט זיך אין די נאָענטסטע טעג תנאים צו שרײבן. דערװױסנדיק זיך די נײעס, איז זי אַן אױפֿגערײצטע, װאָס ער האָט איר נישט צו װיסן געגעבן, גלײך אַרײנגעפֿאָרן נאָך װאַרשע און אַרױף צו דער כלה.

אין דעם רײכן הױז איז געװען טומלדיק און ס׳האָט געשמעקט מיט יומטובדיקער צוגרײטונג.

מיט פֿאַרביסענע ליפּן איז זי, װי אַן אײגענע, אַרײן אין דער צװײטער שטוב, װו די כלה מיט דער מוטער האָבן זיך געפּאָרעט בײ זײער גאַרדעראָבע.

— איך בין באַלבינע, אריה׳ס שװעסטער — האָט זי קורץ און שאַרף געזאָגט.

— ?

נאָך אײדער זײ האָבן באַװיזן אױסצודריקן מיט װערטער זײער פֿאַרװוּנדערונג אױפֿן פּלוצלינגען דערשײַנען פֿון אריה׳ס אַ שװעסטער, פֿון װעלכע זײ האָבן קײנמאָל נישט געהערט, האָט באַלבינע מיט איר שאַרפֿער שטימע די לופֿט געשניטן.

— איך װאָרן אײך, כ׳בין אײך אַ גוטער פֿרײנד, לאָזט אָפּ דעם שידוך

מיט מיין ברודער, ער איז אַ שאַרלאַטאַן... ער האָט פאַרפירט אַ קריסטלעך מיידל און זי איבערגעלאָזט מיט אַ קינד!

דאָס זאָגנדיק, איז זי מיט שנעלע טריט, אַזוי ווי זי איז געקומען, צוריק אַוועק.

אויף צומאָרגנס האָט מען געלייענט אין צייטונג: „אַ פאַרצווייפלטע כלה באַגייט זעלבסטמאָרד דורך שפּרינגען פון פענצטער".

חוהטשעס מוטער האָט געוויינט און די טאָכטער האָט זיך געקוקט מיט שרעק און עקל אויף אירע הענט, זי האָט זיי געזען מיט מענטשלעך בלוט פאַרפלעקט און פראָבירט זיך צו טרייסטן פאַר איר דעמאָנישער האַנדלונג, נעמענדיק פאַר מיטשולדיקע נאָך צוויי מענטשן: באַלבינע און איר פאָטער דעם טרעפער, דעם מכשף, וואָס האָט פון איר האַנט געהאַט געלייענט דעם פאַרברעכערישן אַקט!...

אויסלענדער

אין די וואַגלענישן פון לאַגער צו לאַגער, דאָרט ווו מען זוכט נישט צו געפעלן, האָבן זיי זיך פאַרליבט.

רויזעלע האָט איר גאַנצע פאַמיליע געהאַט פאַרלוירן און געבליבן הענגען, ווי איינאיינציקער בלאַט אויף אַ בוים, וואָס דער שטורעם־ווינט האָט נישט באַוויזן אָראָפּצושמייסן.

דער צוזאָג, אַז מאַקס וועט זאָרגן פאַר איר, ווי פאַר זיך אַליין און וועט זי אַריבערנעמען צו זיין, צום טייל פאַרבליבענער פאַמיליע אין פאַריז, האָט איר אָנגעפילט מיט מוט — ער האָט געהאַלטן וואָרט.

מאַקס מיט זיין פאַמיליע האָבן זי אָפּגעוואַרט ביי דער באַן. איר מאַן האָט זיך געפרייט מיט איר רעדנדיק צו איר אַ פּאָר פראַנצויזיש, פאַריי־דישטע ווערטער און זי מיט אַ טאַקסי אָפּגעפירט אין זייער נייער וווינונג.

זי איז געווען גליקלעך זיך צו געפינען אונטער אַ פאַריזער דאַך — אָנצוקוקן אַנדערע פּנימער — און צו הערן די שפּראַך, וועלכע האָט פאַר איר אויער געקלונגען, ווי אַ וויג־ניגון.

— ענדלעך זענען מיר צוזאַמען, מיין טייערע רויזעלע! — האָט מאַקס אויסגערופן, דריקנדיק זיין פרוי צו זיך.

דאָס ערשטע, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן אין רויזעלעס אויגן, איז געווען דער לינאָלעאום אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס איז געווען ביי איר אַ נייעס. יעדעס קעסטעלע פון דעם לינאָלעאום האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס מעבל, וועלכעס האָט אויסגעפילט אַלע ווינקלעך פון צימער.

זי האָט אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און אַ בליק געטאָן אין דרויסן. אַ פּיצעלע הויפעלע מיט פיר שוואַרצע, געהויקערטע ווענט, ווי אַ שמאָלער קאַסטן, האָט זיך געצויגן אין הימל אַריין. דאָס הויפל איז געווען אַרומ־געגאַרט מיט קליינע פענצטערלעך, באַוואַקסן מיט גרינס און באַשטעלט מיט בלומענטעפּ. אַנדערע זענען ווידער געווען געפּלאַנצט מיט פלעשער אוןווירטשאַפטס־כלים. פון ערשטן שטאָק האָט אַרויסגעקוקט אַ שמוצי־

קער דאַך, ווי נאָך אַ מאַרק — און מיט אַן איינטאָניק געזאַנג האָט זיך גע־טראָגן פון אַ שכנותדיק פענצטער דאָס טרילן פון אַ קאַנאַריק. עס האָט איר אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט ספּעציעל באַגריסט איר אָנקומען.

מאַקס האָט געלאָזט זיין פרוי אַלץ באַטראַכטן און דערנאָך מיט אַ צו־פרידענעם שמייכל איר געפרעגט:

— זאָג, רויזעלע, האָסטו דיר דאָס פאָרגעשטעלט, אַז אין אַזאַ קורצער צייט, זאָל איך דיך קאָנען אַריבערנעמען און איינאָרדענען אַזאַ וווינונג? — האָט ער מיט אַ טריאומפירנדיקער פּאָזע געזאָגט, פירנדיק זיין בליק איבערן צימער.

— דער אמת, איז מיר נאָך איצט אומגלויבלעך, כאָטש איך זע אַלץ מיט מיינע אויגן — האָט רויזעלע געענטפערט און אים אַ קוש געגעבן אין באַק.

— רויזעלע! דו קענסט דיר דען פאָרשטעלן, וויפיל מי און כוח איך האָב אַריינגעלייגט, ביז איך האָב דאָס אַלץ אויפגעבויט! — איך האָב אויס־געליידיקט אַלע קעשענעס פון אַ סעזאָן־אַרבעט. איצט, דאָס מעבל איז נאָך נישט מיינס! איך האָב מיר דערויף געבאָרגט. — איין שאָד, וואָס דער סעזאָן איז שוין געענדיקט, פאַר מיר וואָלט ער זיך איצט באַדאַרפט אָנהויבן, אָדער בעסער געזאָגט, פאַר אַן אַרבעטער, דאַרף דער סעזאָן קיינמאָל זיך נישט ענדיקן.

מאַקס האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער אָנ־געהויבן:

— עס טוט מיר לייד, רויזעלע, וואָס דו ביסט געצוווּנגען, נאָך די וואָך צו גיין אַרבעטן. היינט איז סעזאָן ביי היטן און דו וועסט לייכט באַ־קומען אַ פּלאַץ, — האָט מאַקס נישט דרייסט פאַרענדיקט.

רויזעלען האָבן די לעצטע ווערטער פון איר מאַן אַריינגעפירט אין אַ וואָכעדיקער שטימונג. עס איז איר נישט געפעלן, וואָס מאַקס האָט איר גלייך נאָכן איבערטרעטן די שוועל אינעם נייעם לאַנד פאָרגעלייגט צו גיין אַרבעטן; אַפילו נאָך איידער זי האָט באַוויזן איינצואָטעמען די פאַרי־זער לופט. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט אינמיטן יום־טוב אַראָפּגעריסן דאָס ווייסע טישטוך פון טיש. ווייל ביי רויזעלען האָט דאָס קומען קיין פּאַריז געהאַט אַ דאָפּלטע באַדייטונג: ערשטנס, וואָס זי האָט זיך געפונען אין אַ ניי לאַנד, פון וועלכן זי האָט געהערט רעדן מיט אַזוי פיל ליבע — און צווייטנס, איז זי דאָך געקומען צו איר יונגן מאַן, וואָס איז פאַר איר געווען מער ווי אַפּערגייענדיק פון אונטער דער חופּה מיט אַ קידושין־רייף.

נאָר אַזוי ווי די ווירקלעכקייט איז פֿאַר איר שטענדיק געווען אַ האַר־טע ניס, האָט זי דעם מאָנס פּרעאַמביל אויפגענומען גלייכגילטיק.

אין די אויערן האָט נאָך געררישט און געטומלט פון דער רייזע און דער קאָפּ ווי ער וואָלט נישט אירער געווען, האָט זיך געוואַקלט אויף איר, און אַלץ האָט זיך פֿאַר די אויגן געדרייט ווי אין אַ שיכורן טאַנץ. אין אַזאַ צושטאַנד איז זי געזעסן ביים וואַרשטאַט און געאַרבעט.

די פּאַטראָנקע איז פון רויזעלען נישט גענוג געווען צופרידן. זי האָט איר נישט אויפגעהערט פאַרצוואַרפן, אַז זי אַרבעט צו פּאַמעלעך. אויסער דעם, האָט זי געהאַט נישט וויניק אומאָנגענעמלעכקייטן און מיספאַרשטייע־נישן, וואָס זענען אַנטשטאַנען צוליב דער שפּראַך.

די פּאַטראָנקע, וועלכע האָט שוין לאַנגע יאָרן געוווינט אין פראַנקרייך, איז געווען אַזוי צוגעוווינט צו דער פראַנצויזישער שפּראַך, אַז זי האָט שוין כמעט געהאַט פאַרגעסן דאָס יידישע... יעדעס וואָרט, וואָס די פּאַטראָנקע האָט צו איר גערעדט, וועלכעס זי האָט נישט פאַרשטאַנען, — האָט אויף רויזעלען אַ היץ אַנגעוואָרפן און אַ דינער שווייס האָט איר געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס.

דער ערשטער פאַרדינסט האָט אָבער רויזעלען זייער דערמוטיקט צו דער אַרבעט. עס האָט איר געפרייט, אַז פֿאַר דעם געלט וועלן זיי האָבן אויף אַ וואָך פּרנסה.

ווען רויזעלע איז געוואָרן דער ברויטגעבער, האָט מאַקס געפירט די ווירטשאַפט. די ערשטע טעג נאָכן קומען פון דער אַרבעט, איז אַלץ געווען צוגעגרייט צום אָוונט־ברויט און מאַקס האָט זי אָפּגעוואַרט אין שטוב ביי אַ טונקעלן שיין פון אַ שוואַך לעמפּל.

אַ טרויער האָט רויזעלען געגומען שטיקן, ווען זי איז אַריבער די שוועל. דערזעענדיק די טונקלקייט, וואָס האָט מיט אירע שאָטנס באַהאַלטן דריי פערטל פונעם מעבל און געהאַלטן דאָס צימער אין אַ מאַטן דרימלענ־דיקן אויסזען, פלעגט זי אין אַזעלכע פאַלן, מיט מאַקסן זיך פריער נישט באַגריסן, נאָר גלייך ליכטיקער מאַכן אין צימער. עס האָט אַ בלענד געטאָן אַ זילבער ווייסקייט און פלינק אַראָפּגעריסן דעם שוואַרצן שלייער פון אַלע קעגנשטאַנדן.

— מאַקס, פאַרוואָס האַלטסטו די שטוב אַזוי טונקל? — האָט זי מיט פאַרביטערונג געפרעגט.

— איך מאַך עקאָנאָמיע, רויזעלע! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז פון דיין מאָגערן „פּעי" (אַרבעטס־געהאַלט), וועלן מיר נישט האָבן אויף קיין גרויסע אויסגאַבן און איך האָב נאָך אויף אַ פּאָר וואָכן זיך אַרומצודרייען די הענט אין די קעשענעס.

רויזעלע, וועלכע איז ווייט געווען פון אַריינפירן דעם פעסימיזם אין דער צוקונפט און דרייסט געטריבן אים פון זיך אין דער קעגנוואַרט, האָט מיט נערוואַזיטעט זיך צעשריען:

— איך קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן, מאַקס. עס איז מיר שוין גענוג פינצטער געווען. איך קאָן נישט פאַרנעמען די גרויקייט, עס וואַרפט אויף מיר אָן אַ מורה־שחורה. מיר וועלן נאָך נישט באַנקראָטירן דערפאַר. ענט־ווערדער אָדער — אַלץ אָדער גאָרנישט; אָנגעצונדן אָדער אויסגעלאָשן! — האָט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן אָפּגעהאַקט.

מאַקס האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו אירע פאַרלאַנגען. נאָר רויזעלע איז געווען שווער זיך צוצופּאַסן צו איר מאַן. יעדער קליינע מיס־פאַרשטייעניש, איז פאַר איר געווען אַ דראַמע, ווי ביי אַממייסטן פרויען, ביז זיי באַקומען די דערפאַרונג פון פאַרהייראַטן לעבן.

אַמלאַנגווייליקסטן זענען געווען די זונטיקן, אין וועלכע מען האָט נישט געאַרבעט. דער ערשטער האַלבער טאָג איז אַוועק מיטן באַלעבאַטישקייט און דער צווייטער העלפט פון טאָג, איז אַוועק מיטן דינגען זיך וווהין מען זאָל גיין, כדי צו באַגלייטן דעם זונטיקדיקן טאָג, בכדי צו בלייבן מיט גוטע, אָנגענומענע איינדרוקן אויף די זעקס וואָכעדיקע טעג.

רויזעלען איז נימעס געוואָרן צו גיין צו גאַסט צו באַקאַנטע און פאַ־מיליע און דערפאַר איז זי אָפּטמאָל אַליין געבליבן אין שטוב.

מאַקס פלעגט איר אַלע מאָל טרייסטן מיט די ווערטער: — דו וועסט זען רויזעלע, דו וועסט נאָך גיין פאַרברענגען און באַזוכן פאַריז, אַז ס'וועט דיר אַזש פאַרמיאוס'ט ווערן!...

בלייבנדיק אַליין אין שטוב, פלעגט רויזעלע, פאַר לאַנגווייליקייט איבערשטעלן דאָס מעבל. איבערוקן דאָס טישל, איבערשטעלן די שטילן אויף אַ צווייט אָרט, אַראָפּנעמען די צאַצקעס פון דעם קאַמין און אויס־שטעלן אויף אַן אַנדער אָרט. ווען אַלץ איז געווען איבערגעטראָגן, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט באַטראַכטן און אָפּקוועלן פון דער ענדערונג.

איינמאָל ביים איבערשטעלן דאָס מעבל, רוקנדיק אין אַלע זייטן דאָס קיילעכדיקע טישל, וועלכעס מען האָט געקאָנט פאַרקלענערן מיט דער הילף פון צוויי באַוועגלעכע קלאַפּעס, איז איר איינגעפאַלן אויסצוקאָמבינירן אַ פלאַץ אויף אַ קינדער־בעטעלע.

ביי דעם איינפאַל האָט די מוטערשאַפט זיך ביי איר געוועקט ווי אַ פרילינג. אַ וואַרעמער שטראָם בלוט האָט זיך צעגאָסן אין איר. דאָס גע־זיכט איז איר רויט געוואָרן, ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט זיך דערין אַריינ־געגאָסן, אַ פריידיק געפיל האָט זי אַרומגענומען, ווי מיט קינדערישע,

צאַרטע הענטלעך און אין איר ווען האָט געטראָפן אַ גרויסער מוטער־פאַר־לאַנג.

ווען מאַקס איז צוריק אַהיימגעקומען, איז רויזעלע אויף אים אַרויפגעשפּרונגען און אים באַוואָרפן מיט קושן, אַזוי, אַז ער האָט זיך פּשוט פאַר איר דערשראָקן.

— וואָס איז מיט דיר, רויזעלע? — האָט ער דערשטוינט געפרעגט.

— איך וויל אַ קינד, — האָט זי אַביסל פאַרשעמט געענטפערט; — איך מוז האָבן אַ קינד, מיר איז לאַנגווייליק!...

— נו, גוט!

— וואָס „נו גוט".

— שוין איצט, די מינוט?

— פאַרוואָס דען נישט?

מאַקס האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ כאַפּ געגעבן רויזעלען אויף זיין שויס. ווי אַ קינד זי איינגעקלעמט אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, אַז אירע ביינער האָבן אַזש אַ קנאַק געטאָן...

איבערגערעכנטקייט

טאַני איז אַרויס פון דער ביורע. ער האָט איינגעאָטעמט ברייט און טיף די פאַרנאַכטיקע פרילינגלופט און זיך געלאָזט גיין מיט די בולוואַרן. אַ קיל ווינטל איז אים אַנטקייגן געקומען און אים צאַרט אַרומגענומען, האָט ער מיטן גאַנצן כּוח איינגעאָטעמט און זיך דערפילט מונטער, ווי נאָך אַ גוטן געטראַנק.

טאַני איז אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אַ נידעריקער און פולער. צי האָט אים דאָס לעבן געמאַכט פאַרביטערט, צי איז דאָס די שולד פון זיינע פאַר־דרייטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי נישט צופרידן און האָבן געקוקט מיט אַ פאַרוואורף אויף דער וועלט, אַז די וועלט איז קרום, אַז די וועלט שיקלט...

לעצטנס האָט טאַני זיין מיינונג איבער זיין גורל געביטן. אַ פרוי איז אַריינגעקומען אין זיין לעבן, די פרוי הייסט פּאַלעט. וועט ער זי קאָנען מאַכן גליקלעך? זי איז אַ פרוי וואָס פאַרשטייט אים, אַ פריינד פאַר וועמען ער קאָן טיילן זיין צעריסן געמיט. ער האַלט זיך פון דעסטן אָפּ, נישט צו רעדן אָפּט מיט איר וועגן די צוויי נאָענטע לעבנס וואָס מען האָט אַרויסגעריסן פון אים.

— די מלחמה איז געענדיקט, — האָט טאַני געזאָגט. — אָבער איצט הויבט זיך אָן די נייע מלחמה, די אינדיווידועלע, דאָס אַריינלעבן זיך מיט גלייכגילט אין דער נייער סיטואַציע.

טאַני איז אַריין אין מעטראָ (אונטערערדישע באַן) אויף דער אָפּגע־שטימטער ראַנדעוו. ער איז אויסגעשטיגן אויף דער סטאַציע „פּיגאַל" און אַנגעהויבן אומגעדולדיק זיך אַרומקוקן. אַ שטויס פון הינטן האָט אים באַ־וויגן אומצודרייען. פּאַלעט האָט אים באַגעגנט אַ שמייכלדיקע, אַ גליקלעכע — און האָט גלייך באַקומען אַ קאָמפּלימענט.

— ווי רייצנדיק דו זעסט אויס — האָט טאַני זי געמאָסטן פון אַלע זייטן מיט זיינע פאַרדרייטע אייגעלעך. פּאַלעט, אַ צעשטראַלטע, האָט פאַרשפּיצט

איר שיינעם ביוסט און מיט אַ דראָבנעם טריטעלע, ווי אַ פּייקל, אַרויס פון מעטראָ. פון דאָרט זענען זיי אַריין אין אַ קינאָ.

פון זייט פּאָלעט האָט זיך באַקענט מיט טאָנין, איז די קאָנטשאַפּט אַרייבער אין גאַלאָפּ אויף אַן ערנסטע ליבע.

ס׳איז ס׳ערשטע מאָל, און קעגן איר ווילן, וואָס פּאָלעט איז פאַרליבט. פון דער נאַטור אַן איבערגערעכנטע, אַ פּראַקטיש מיידל, ווען דער מאַטעריעלער קוועל איז פרעמד געווען. האָט אַלע מאָל זיך אויסגעלאַכט פון חתונה האָבן דורך ליבע. טראָץ דעם וואָס פּאָלעט איז אַ מענטש מיט האַרץ איז דאָס געפיל פון ליבע איר פרעמד געווען. די סענטימענטן צו אַ מענטש זענען ביי איר שטענדיק געקומען פון דער בלייפעדער... די תאווה נאָך אַ געזיכערטן מאַטעריעלן ווילשטאַנד האָט ביי איר פאַרשלונגען אַלע אַנדערע באַגערן. אַ גוטע סיטואַציע, האָט זי געטענהט, איז אַ פעסטע רושטאָוואַניע צו בויען אַ פאַמיליע־לעבן. דעריבער איז איר עצה־געבער געווען די איבערגערעכנטקייט: אַזוי לוינט און אַזוי לוינט עס נישט.

און איצט, אין די טיפע דרייסיקער, איז עס געקומען אומדערוואַרט, זי אויפגעוועקט מיט יענעם הייסן ציטער און שרעק, אַ ליבע צו וועלכער מען לאָזט זיך אונטערטעניק פאַרשקלאַפן. פּאָלעט האָט זיך געוווּנדערט אויף דעם נייעם מענטש וואָס איז אין איר אויפגעשטאַנען און אויפגענומען דעם צופאַל, ווי אַ דערקוויקנדיקער רעגן אין אַ הייסן זומערטאָג. ס׳זענען געווען מאָמענטן וואָס זי האָט זיך פאַרנומען צו גיין ווינען מיט אים. טראָץ דעם וואָס זי האָט גוט געוווּסט, אַז קיין ברייט לעבן וועט זי ביי אים נישט האָבן, — אויך נישט קיין רואיקס. זי האָט געוווּסט, אַז טאָני ווערט אָפּט מאָל אַוועקגעשיקט ווי אַ רעוואָלוציאָנער קיין אויסלאַנד. פּאָלעט האָט אָבער נישט געוואָלט צולאָזן קיין שוואַרץ וואָלקנדל איבערן הימל פון איר געמיט. און דיקטירט פון איר ליבע, האָט זי אַריבערגעשפּרייזט איר אייגענעם כאַראַקטער.

אַ רעוואָלוציאָנער און אַ געוועזענער שפּאַנישער אָפיציר, פלעגט טאָני שטענדיק פאַרוואַרפן פּאָלעטן איר קליינבירגערלעכקייט צו וועלן האָבן אַ מאַן פאַר זיך. ער האָט איר שטענדיק פאַרזיכערט, אַז ער שטעלט העכער זיין אידעאַל פון אַלע אַנדערע פליכטן. ער וועט שטענדיק גרייט זיין איבערצולאָזן זיין היים און דאָס טייערסטע, ווען מען וועט נאָר געבן אַ רוף. אָרעמע פּאָלעט! ווי דאָס האָט איר ווי געטון! זי האָט טאַקע געוואָלט ענדלעך האָבן אַ מאַן פאַר זיך און אויך אַ וואַרעמע היים. די סענטימענטן און באַציאונגען זענען אָבער געווען אַזוי ווייט אַוועק, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקייגן שטעלן דעם שטאַרקערן פון זיך. זי האָט נאָר געוואָלט וויסן וואָס מיט איר וועט ווייטער זיין.

***

ווען פֿאָלעט מיט טאָנין זענען אַרויס פֿון קינאָ, האָבן זיי נאָך געמאַכט אַ שפּאַציר און באַוויזן צו כאַפּן די לעצטע מעטראָ. אין וואַגאָן איז געזעסן אַ פֿרוי מיט אַ מיידעלע אין דעם עלטער ווי טאָניס קינד וואָלט איצט געווען, האָט ער פֿון דעם קינד קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. טאָני האָט שטענדיק ליב צו פֿאַרטשעפּען קינדער, זיי נעמען אויף דער שויס און זיך אַ שפּיל טון. דאָס מיידעלע אין מעטראָ האָט אים ספּעציעל דערמאַנט זיין שאַרלאָט... ער האָט געפֿונען אַן ענלעכקייט צו זיין קינד און אָנקוקנדיק זי, איז ער אַזוי בלאַס געוואָרן, אַז פֿאָלעט האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אים. זי האָט באַמערקט ווי טרערן דרייען זיך דאָרט אין די קליינע אייגעלעך און וואַרטן נאָר אַרויסגעדריקט צו ווערן. פֿאָלעטן האָט דאָס פֿאַרקלעמט. זי האָט זיך באַמיט אָפּצוווענדן זיין בליק פֿון קינד — און פּלוצים זיך אַרומגעזען, אַז זי איז פֿאַרפֿאָרן ווייטער פֿון איר היים. זי איז געווען געקרענקט און אים פֿאָרגעוואָרפֿן פֿאַרוואָס ער האָט נישט אַכטונג געגעבן ווו זי דאַרף אויסשטייגן. באַזונדער האָט זי געוווסט, אַז איר יונגערע שוועסטער מיט וועלכע זי וווינט וועט איבערקלערן. ביי טאָנין איז געווען גאַנץ איינפֿאַך ער זאָל זי נעמען צו זיך, ווען עס געפֿעלט אים. אויב דאָס מאָל איז דאָס פֿאַרפֿאָרן, נאָר אַ צופֿאַל געווען, האָט טאָני די קומענדיקע ראַנדעוווס ספּעציעל אויסגעקירעוועט פֿאָלעטן — טראָץ אירע וואַקלעניש, אַרויפֿצונעמען צו זיך.

פֿאָלעט האָט זיך געפֿילט באַליידיקט און האָט אים אָנגעקוקט מיט פֿאָרוורף. זעענדיק אָבער זיין צעטראָגנקייט, איז זי ווייכער געוואָרן. זיי זענען נאָך געפֿאָרן אַ שפּאָר ביסל סטאַציעס, ווייל טאָני האָט געוווינט אונטער פּאַריז.

ביי טאָני אין שטוב איז געווען אָנגענעם, טראָץ די אומאָרדענונג — און אפשר צוליב דער אומאָרדענונג? אַ שטול דאָ, אַ שטול דאָרט. דאָס בעט צעוואַרפֿן. אויפֿן שרייבטיש אָנגעוואָרפֿענע צייטונגען, ביכער און העפֿטן — און צווישן דעם אַלעם זענען געשטאַנען אַרומגעלאַמעוועט אין שוואַרצן, צוויי הייליקטימער: טאָניס פֿרוי און זיין צוויי יעריק מיידעלע.

אויפֿן טישל גלעזער מיט טעלער וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פֿון אַ גאַנצער וואָך. טאָני האָט אַזוי לאַנג געגעסן אין שטוב, ווי לאַנג ער האָט געהאַט ריין געפֿעס... שפּעטער איז ער אַוועק אין רעסטאָראַן. פֿון צייט צו צייט איז אַרויפֿגעקומען די הויז־וועכטערין, געמאַכט אָרדענונג און אַריינגעזידלט אין די פֿאַרטרוקנטע ראָנדלעס...

טאָני האָט גענומען מאַכן טיי און צוגרייטן אין וואָס צו טרונקען. פֿאָלעט

האָט אָבסערווירט אַלע זיינע באַוועגונגען און אָפּגעקוואָלן פון אים. זי האָט אויסגעפונען, אַז אַלץ אין אים איז אָריגינעל און האָט אַ חן... אַפילו די אַרבל פון די אויבער־העמדער וואָס ער האָט אַרום, ווייל זיי שטערן אים; און גע־שניטן האָט ער אַפילו ביי נייע העמדער.

טאָני האָט סערווירט טיי מיט קוכן. דעם קוכן, האָט זיין געליבטע פּאָ־לעט געבאַקן.

פּאָלעט האָט אַ שוואַכקייט צו גלעטן טאָניס פּנים. אַצינד האָט זי אויך עקשנותדיק אַנגעטשעפּעט זיך אין זיין באַק און געקעמט מיט איר גלאַט הענטל, אַרויף און אַראָפּ, די נאַר וואָס אַדורכגעפּיקטע שטעכעדיקע הערע־לעך פון זיין באָרד.

און טאָני פּלוצים: — וואָס האָסטו געזען אין מיר? אַן איבערגעיורענער מיט אַ זעלכע אייגעלעך?...

דערויף האָט אים פּאָלעט געענטפערט מיט אַ קלינגענדיק פּעטשל אין באַק.

איצט האָט פּאָלעט פון איר זייט געפרעגט — וואָס האָט דיך געצויגן צו מיר? די פאַרדינערקע? — האָט זי מיט דעם פרעג קריטיקירט זיינע פאַרוואָרפן, פאַרוואָס זי אַרבעט נישט. כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז זי האַנדלט מיט לוקסוס — זאַכן, האָט זי ביי אים געהייסן אַ ליידיק גייערין.

— דו — האָט טאָני געזאָגט — דערמאַנסט מיך זייער פיל אין מיין פרוי. דיין האַלטונג, דיין אופן אָנטון זיך. זי האָט אויך, פּונקט ווי דו, אַ סך געשמאַק געהאַט און אַכט געלייגט אויף איר קליידונג.

און אַזוי רעדנדיק פון זיין פרוי, איז ער טרויעריק געוואָרן, ווי שטענ־דיק, ווען ער האָט זיך אין איר דערמאַנט. פּאָלעטס מיטגעפיל האָט זיך גלייך אויף איר פּנים אָפּגעשפּיגלט. עס איז געווען שווער צו זיין גלייכגילטיק, ווען טאָני האָט געזאָגט: — פינף טעג מיטן קינד אין אַ פּלאָמבירטן וואַגאָן, שטעל דיר פאָר, פּאָלעט! — און אויסקרומענדיק ווייטיקלעך זיין פּנים, האָט ער איבערגעחזרט: — פינף טעג! יאָ, יאָ, פּאָלעט. מיין גאַנץ לעבן וועט דאָס מיך פאַרפאָלגן. איך וועל קיין רו נישט האָבן... ווען נישט דו, פּאָלעט, ווייס איך נישט וואָס מיט מיר וואָלט געווען. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון, אַז ער איז צו ווייט אַוועק און זי געבעטן אים מוחל זיין...

— פאַרוואָס נעמסט מיר צו דאָס לעבן? — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן באַמערקט און זיך איינגעהאַלטן זי זאָל זיך נישט צעכליפּן.

פיינלעך שווער איז שוין אַוועק די דעמאָלטיקע נאַכט. צומאָרגנס, ווען פּאָלעט איז אַהיימגעגאַנגען, האָט זי, אויפן פּאָן פונעם לעבעדיקן פרילינג־טאָג, אויסגעזען מיד און אָפּגעבלאַקעוועט. אַ שפּיציק הוסטל האָט זיך איר

געריסן פון קעל... זי האָט געהאַט אַ חשד, אַז אַן אַלטע זאַך, אַ מכלומרשט אויסגעהיילטע, הייבט זיך ווידער אָן צו דערוועקן אין איר...

פּאָלעטס שוועסטער, רעזשין, מיטן פאַרשאַרפטן נעזל און דינע ליפּע־לעך, האָט איר דעם גאַנצן טאָג די גאַל גענומען, קריטיקירנדיק זי: — דו האָסט דיר אָפּגעקליבן, דו. אויף דעם גליק האָסטו באַדאַרפט צו וואַרטן ביז זעקסאונדרייסיק יאָר! ער וועט דיר שוין צורעכט מאַכן, נישקאָשע! כ'וויל נישט זיין קיין שלעכטער נביא! האַק אָפּ גיך, ווייל טאָני איז דיין מלאך המות!

דאָס איז נישט געווען דער ערשטער פאָרוואורף פון איר יינגערער שוועסטער, דאָס כלה־מיידל.

פּאָלעט איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן אין בעט מיט אַ שווער האַרץ און מיט אַ געמיט פון אַ נאָך יומטוב וואָס וואַרפט אָן אויפן מענטש אַלע וואָכע־דיקע זאָרגן. זי האָט איינגעזען, אַז זי וועט מוזן מיט טאָנין איבעררייסן. זי פילט, אַז פון זייט די זיבן חדשים וואָס זי פאַרברענגט מיט אים, איז פון איר אַ תל געוואָרן. זי האָט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער אופן לעבן פאַרערגערט איר אַ שוואַך געזונט. ווי אַזוי זי וועט זיך אָפּגעווינען פון אים — ווייסט זי אויך נישט. זי האָט אים ליב מיט דער גאַרער ליידנשאַפט פון אַ פאַרשפּע־טיקטער ליבע. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ליבע איז נישט קיין שנאַפּס וואָס מאַכט אויף דעם אַפּעטיט, נאָר אַ שיכרות וואָס נעמט אים אַוועק. איצט, זייענדיק מיד, זענען אַלע שלעכטע געדאַנקען איר געקראָכן אין קאָפּ אַריין... אַ שרעק איז איר פּלוצעם באַפאַלן, אַז זי שוואַנגערט און זי האָט שטיל גע־וויינט.

טאָני וואָס איז נישט געווען זיכער מיט פּאָלעטן, האָט איר שוין אַמאָל געזאָגט אויפריכטיק: — איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט שוואַנגערן.

ווען ער האָט איר דאָס געזאָגט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז איר גרעסטער שונא. און איצט האָט זי באַשלאָסן זיך מער נישט צו טרעפן מיט אים. אַ געווירבל פון געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין איר מוח: ווי אַזוי זאָל זי זיך פאַרבינדן מיט אַ מאַן וואָס האָט צו איר געזאָגט, אַז די איינ־ציקע האָפענונג זיך צו באַפרייען פון זיין פאַרגאַנגענהייט, איז געהרגעט צו ווערן אין אַ קאַטאַסטראָפע, ווען ער פליט מיט אַן עראָפּלאַן וועגן אַ מיסיע. זי האָט נישט געוואָלט מער זיך אונטערגעבן דעם קאַפּריז פון דער ליבע, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז לייכט וועט עס איר נישט אָנקומען. די שרעק פאַר איר שוואַכן געזונט און נישט זאַטן מאָרגן האָט זי געצוווּנגען צו טרעטן איבער אירע סענטימענטן.

***

ס'זענען אַוועק עטלעכע טעג און טאַני האָט אָנגעקלינגען צו פּאַלעטן. די שוועסטער האָט געענטפערט, אַז זי איז נישטאָ אין דער היים. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי באַקומען אַ בריוו אין וועלכן ער בעט זי צו קומען, ווייל ער קלויבט זיך אין קורצן אַוועקצופאָרן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

פּאַלעט איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ געשלאָגענער הונט. זיין בריוו איז געווען נישט מער ווי אַן אויסרייד ווידער מיט איר זיך צו טרעפן. ווי אַ רויכערער איז שווער מיט איין מאָל זיך אָפּצוגעוווינען פון טאַבאַק און גיט אַ נאַש, פון צייט צו צייט, אַ סיגאַרעט, אַזוי האָט עס פּאַלעטן געצויגן זיך צו טרעפן מיט טאַנין.

***

די אָוונטן פון אָנהויב זומער זענען געווען צאַרט און ליב, האָט מען שפּאַצירט אין לופטיקן טייל פון שטאָט. די טרעפונגען זענען אָבער נישט אַדורך אָן טענות פון פּאַלעטן צו זיך אַליין...

ס'איז געווען אין מיטן זומער טאַני מיט פּאַלעטן האָבן זיך געפונען אין מעטראָ און זיך געאַמפּערט אין דער שטיל. ער האָט זי, ווי אָפּט מאָל, פאַרבעטן צו זיך, נאָר דאָס מאָל אָן קאָמבינאַציעס... ער האָט זי לאַנג געבעטן, נאָר פּאַלעט האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. טאַני, אַ באַליידיקטער, איז ביי דער נאָענטסטער סטאַציע אַרויס אָן אַ זיי געזונט, איבערלאָזנדיק פּאַלעטן אַ צעטומלטע און געקרענקטע אין דער מעטראָ. זי האָט מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן זיך נישט צוצעוויינען. אין אירע שיפּע אויגן האָבן זיך געוועבט רויטע אָדערלעך און די ליפּן האָבן ביי איר געציטערט. זי האָט זיך געשעמט מען זאָל נישט באַמערקן — און אַרויס פון דער מעטראָ עטלעכע סטאַציעס פריער. אַ פאָרוואורף האָט זי פון דעסטן זיך געמאַכט — פאַר איר נישט נאָכגעבן. קיין מאָל האָט זי אים נישט געזען אַזאַ בלאַסן... — נישט אין קיין קליינע אַוואַנטורע האָב איך מיך געוואָרפן, האָט זי געטראַכט, באַדוירנדיק זיך.

די זעלביקע נאַכט האָט זי קיין אויג נישט צו געטון. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז טאַני קאָן נאָך זיך נעמען דאָס לעבן. די שוואַרצע געדאַנקען און די ליבע צו אים האָבן זי נישט צורו געלאָזט. פאַר טאָג, ווען די שוועסטער איז נאָך געשמאַק געשלאָפן, האָט זי זיך אָנגעטון און שטיל אַרויס פון שטוב זיך דורכשפּאַצירן. אין גאַס איז געווען רואיק. די זון האָט עפּעס אַזוי ברוגזלעך אַרויסגעקוקט פון הימל, ווי אַ פאַרשעמטע כלה, און ווו נישט ווו האָבן זיך געשפּרייט ראָז־גאָלדענע פלעקן, ווי אינזלען וואָס גרייטן זיך אויפצוגעמען היימלאָזע וואָלקנדלעך.

ווי אַן אויטאָמאַט איז פּאָלעט געגאַנגען אין די גאַסן. די אויגן — אונ־טערגעהאַקט און די קניען — שוואַכע, ווי נאָך אַ קרענק. די פרישקייט פון טאָג האָט זי אַ ביסל אויפגעמונטערט. דיקטירט פון עפּעס אַ כוח, האָט זי פלוצעם אַ נעם געגעבן אַ טאַקסי און איז געפאָרן צו טאַנין... זי איז געגאַנגען אויף די שטיגן און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי חלומט... זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, איין מאָל, נאָך אַמאָל, נישט הערנדיק גלייך קיין ענטפער, האָט איר דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן ווי מיט האַמערס. פלוצעם האָט זי געהערט אַ באַוועגונג און ווידער אָנגעקלאַפּט. דאָס מאָל האָט טאָני געעפנט און איז צו־ריק אַריין אין בעט.

פּאָלעט האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און אים אָנגעקוקט מיט אַן אויסדרוק פון פאָרוואורף, ליבע און מיטלייד. ער האָט זי אָנגעקוקט רואיק און געשמייכלט. זי האָט באַמערקט, אַז איר פרימאָרגן־וויזיט איז נישט קיין סורפּריז פאַר אים. ער האָט טאַקע גלייך רואיק געזאָגט: — כ'בין גע־ווען זיכער, אַז דו וועסט קומען.

אירע רויטע אויגן האָבן זי פאַרראַטן און טאָני האָט געזאָגט: — מען דערקאָנט, אַז דו האָסט געהאַט אַ שלעכטע נאַכט...

פּאָלעט האָט פלוצעם דערפילט אַן איבלדיקן ווייטאָג ביי דער ברוסט און דיסקרעט אויסגעשפּיגן אַ שטיקל בלוט... זי איז געבליבן זיצן ווי אַ צו־גענאָגלטע אויפן ראַנד פון זיין בעט. דער רויטער שפּיי האָט אין איין מינוט אויסגעמעקט אַלע ביז איצטיקע רעכענונגען — און זי האָט איצט געוואַרט אויף איין וואָרט פון אים, נאָר אויף איין וואָרט...

דער „וואלקו-קראצער"

ס'איז געווען צען אַזייגער אָונט. דריי קינדערלעך זענען געשלאָפן און געאָטעמט ס'ענגשאַפט פונעם קליינעם צימער.

ירחמיאל מיטן לעצטן ביסל אין מויל, האָט געגומען רייניקן זיין לולקע פון ניקאָטין און באַלד פאַררויכערט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אויפן אָנלען פון שטול, אויסגעצויגן זיינע לאַנגע, איבערגעוואַקסענע, פיס אונטערן טיש און מיט הנאה אַרויסגעבלאָזן דעם ערשטן קלימפּער רויך.

חוה'טשע, זיין פרוי, איז געזעסן ביי אַן עק טיש, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער גאַסט, און שטום נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון איר מאַן.

אין צימער איז געווען שטיל, גלייך מען וואָלט דאָ אָפּגעוואַרט דאָס אַדורכפליען פון אַ מלאך...

אויסוואַרטנדיק די גינציקע מינוט וואָס דאָס איז די זיכערסטע קאָרט, האָט חוה'טשע פון דעסטן, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, פאַרזיכטיק געפרעגט:

— האָסט עפּעס היינט געלייזט, מילקע?

— יאָ, נישט שלעכט פאַרדינט. הלוואי ווייטער נישט ערגער, — האָט מילקע געענטפערט, האַלטנדיק די לולקע אין אַ ווינקל פון מויל. — איך וואָלט געוואָלט — האָט ער ווייטער געזאָגט — פאַרקויפן די אָנגעזאַמעלטע סחורה, כדי אַראָפּצופּאַטערן אַן עול פון קאָפּ: וואָס קאָן מען וויסן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען? טאָמער נעמט מען מיך אין אַ לאַגער, זאָלסטו כאָטש האָבן אויף דערווייל צום לעבן מיט די קינדער.

זי איז געווען צופרידן פון זיך. זי האָט איינגעזען, אַז די באָבעס אָנווייזונגען זענען ריכטיק, אַז צומבעסטן קאָן מען שמועסן מיט אַ מאַן וועגן פּרנסה נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט אָפּגעגעסן, און האַלט שוין ביים סיגאַרעט...

שווער זענען אָבער איר געפאַלן איר מאַנס רייד וועגן זיין מורא אָוועקגעריסן צו ווערן פון דער היים, און זי האָט אַ זאָג געטון: — כ'בעט דיך,

מילקע, רעד נישט וועגן דעם, איך ווער אין גאַנצן ווי געליימט. דו גלויבסט, אַז די באַנדיטן קאָנען אונדז דאָ געפינען ? — האָט חוה'טשע נאַאיוו געפרעגט. דאָרט זענען מיר געמאָלדן און דאָ וווינען מיר דאָך בלויז אַ פּאָר טעג און קיינער קאָן אונדז דאָך נישט. כ'מיין, אַז מיר קאָנען דאָ זיין רואיק — האָט חוהטשע פון דעסטן האַלב זיכער געזאָגט און אָנגעהויבן אַראָפּרוימען פון טיש.

דאָס עלטסטע ייִנגעלע פון די דריי האָט זיך איבערגעוואָרפן אין שלאָף מיט אַ קרעכץ. די מוטער איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער און האָט עס איינגעדעקט מיט אַ שטיל געבעט.

הלוואי זאָל זיין גוט, — האָט מילקע מיט אַ זיפץ צוגעגעבן, ווי ער וואָלט עפּעס אַ סוד אויסבאַהאַלטן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגע־גאַנגען צו יעדן קינד באַזונדער און מיט אַ פּאַטערלעכן שטאָלץ באַטראַכט די רויטע בעקלעך, ווי צעעפנטע מאַנדעלעך און דאָס שטילע אָטעמען פון זיינע דריי זינדלעך וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס צימער ווי מיט אַ שמעקנ־דיקער מאַילופט.

אַ פרייד, געמישט מיט צער, האָט אים אַ וויילע דאָס האַרץ אָפּגעשטעלט. שוין דאָס דריטע יאָר זייט מילקע מיט זיין פאַמיליע האָבן פאַרלאָזט פּאַריז און וואַלגערן זיך אין דער פרעמד. דעמאָלט האָט ער געהאַט בלויז איין זון. די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן און זיין פאַמיליע האָט זיך דערווייל פאַרגרע־סערט מיט אַ צווילינג. איז ער איצט אַ פאָטער פון דריי זין און עס ציטערט אויף אים די הויט מען זאָל אים נישט אַוועקנעמען פון דער היים און דע־פּאָרטירן ערגעץ אין אַ וויסטן העק. וואָס לענגער דער קריג פאַרציט זיך, אַלץ אומרואיקער ווערט ער, ווייל ער איז פון די איינצעלנע מענער וואָס זענען נאָך זוכה זיך אַרומצודרייען אויף דער פריי. פרויען מיט פיצלעך קינ־דער האָט מען נאָך דערווייל געלאָזט צורו. מיט פּרנסה איז אויך דערווייל נישט שלעכט. ער האָט געהאַט אַרויסגעראַטעוועט פון זיין פּאַריזער וווינונג זיין גאַנצע סחורה און, וואַלגערנדיק זיך אין די צייטווייליקע באַהעלטענישן, האָט ער דערווייל פאַרקויפט זיין סחורה מיט אַ שיינעם ריווח.

חוה'טשע האָט איר לעצטע האַנט געלייגט אויפן באַלעבאַטישקייט. אַלץ איז דאָ געווען ריין און מיט ווייבלעכער פינקטלעכקייט פאַרגלעט.

— פּאָרע דיך נישט אַרום, גיי לייג דיך, — האָט מילקע אונטערגעיאָגט זיין פרוי און ער אַליין האָט אויך שוין געהאַלטן ביים אויסטוען זיך.

אָט ליגט שוין דאָס פאַרפאַלק אין בעט און אַ פיצעלע נאַכטלעמפּעלע באַשאָטנט דאָס צימער. חוה'טשע דערציילט מיט קינדערישע זשעסטן די חכמות פון די קינדערלעך און אַ צופרידענער שמייכל באַלויכט די געזיכ־

טער פון טאַטע־מאַמע. מיטן שמייכל אויף די ליפּן איז חוה'טשע אַריינ־פאַלן אינעם ערשטן קרעפּטיקן שלאָף.

מילקע איז געווען וואָך. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און פון צייט צו צייט האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים אַ צופרידענער „אהההה", ווי עמעץ וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַ שווערע משא. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געלאָזט דורכלויפן געדאַנקען און בילדער אין אַ מידן פאַרנעפּלטן צוזאַמענהאַנג, אַזוי ווי פאַרן שלאָף.

חוה'טשע האָט זיך געאַמפּערט מיט אַ בייזן חלום און אויפגעריסן די אויגן נאָכן ערשטן קורצן שלאָף: — מילקע, — האָט זי שטיל געררופן, אים טרייסלענדיק ביים אַקסל. מילקע האָט אַ ברום געטון און ווייטער געשלאָפן. — מילקע — האָט חוהטשע ווידער געוועקט איר מאַן. דאָס מאָל האָט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר אים אויפגעוועקט; אוןביידע זענען געלעגן אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט. דאָס קלאַפּן אין טיר איז געוואָרן וואָס מאָל חוצפּהדיקער.

— שוין... — איצט האָט חוה'טשע אַרויסגעשטאַמלט. — מילקע מיר זענען אַריינגעפאַלן... ס'איז מיר שלעכט...

מילקע איז אַראָפּ פון בעט און האַסטיק גענומען טרייסלען זיין פרוי. — חלש נישט, חלש נישט, ס'איז נישטאָ קיין צייט צו חלשן... אַן אַנדער מאָל וואָלט מען געקאָנט לאָכן פון אַזאַ קרומען זאַג... נאָר איצט איז דער שמייכל פאַראַליזירט געוואָרן נאָך איידער ער איז געקומען צום פענצטערל פון באַ־ווּסטזיין.

ס'קלאַפּן אין טיר האָט אויפגעהערט אויף אַ קורצע פויזע, און ווידער אָנגעהויבן. מילקע האָט אין דער גיך זיך גענומען אָנטון. ער האָט אַ טאָפּ געטון דעם פאָרטפעל און געשטאַנען צעטומלט. די קניען האָבן זיך ביי אים געבויגן, די הענט געוואָרפן און די אויגן זענען געלאָפן איבערן צימער ווי צעשראָקענע מייזלעך. מיט ציטערנדיקע ליפּן האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

— „חוה'טשע, איצט איז מיר נישט גוט!"...

דאָס קלאַפּן אין טיר האָט אויפגעהערט, מען האָט געהערט טריט אונ־טערן פאַרטער־פענצטער. ס'זענען אַדורך אַ פּאָר פיינלעכע מינוטן, ביז מילקע איז צו זיך געקומען. דערווייל האָט אין זיין מוח זיך צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן, ווי אַ רושטאָוואַניע... פון זיין פּנים האָט איצט געשלאָגן אַן אַקצענט פון דעציזיע. באַרוועס, מיטן העמד צעשפּילעט, האָט ער שטיל געעפנט די טיר און אַרויס אין דרויסן. חוה'טשע האָט מיט אַ שטומען זשעסט אים גע־וואָלט פאַרהאַלטן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

עטלעכע מעטער פון פענצטער איז געשטאַנען אַ זשאַנדאַרם און האָט עפּעס פאַרטראַכט געמורמלט צו זיך.

באַהערשט פֿונעם אינסטינקט פֿון זעלבסטשוץ, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פֿון זיין איינפֿאַל, איז דער „וואָלקן־קראַצער“, מיט דער גאַנצער רציחה פֿון אַ מענטש, ווען עס דאַכט, אַז ער האָט נישט וואָס איינצושטעלן, אָנגעפֿאַלן אויף זיין באַזוכער פֿון הינטן און אים געגומען פֿויסטן אין די זייטן אַריין... אין איין אויגנבליק האָט דער גראָבבייכיקער זשאַנדאַרם זיך געטאַטשעט אויף דער ערד, ווי אַן אונטערגעהאַקטע קלאָדע.

***

מילקע איז געווען צערודערט און גלייכצייטיק צופֿרידן פֿון זיך, און דאָס האָט אים צוגעגעבן כּוח צו אַנטלויפֿן אין אַ ריטם פֿון אַ מאָטאָר. זיינע לאַנגע פֿיס האָבן אים געדינט ווי גוטע און שנעלע שקלאַפֿן. זיי זענען געלאָפֿן ווי פֿיילן פֿון בויגן. איבער שטעג און וועג, איבער שטיינער און קלעצער. אונטער זיך האָט ער געהערט שאָסן וואָס האָבן זיך געקייקלט אין דער שפּעטער יוני־נאַכט.

מילקע האָט געפֿילט, אַז מען לויפֿט אים נאָך. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז דער אָנגעפּרעסענער זשאַנדאַרם קאָן זיך מיט אים נישט פֿאַרמעסטן. פֿון דעסטן איז ער אויס שרעק, געלאָפֿן ווי אַ רוח.

דאָס שטעטעלע איז שוין געווען ווייט הינטער אים. דאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ פֿריש דאָרף. ער האָט געגוי געוווסט ווי ער לויפֿט און זיך אָריענטירט אין דער פֿינצטער. נאָך עטלעכע קילאָמעטער איז געווען צום שטעטעלע און ער האָט נאָך באַדאַרפֿט אַדורכלויפֿן אַ וועלדל. ער האָט אַפֿילו געטראַכט צו בלייבן נעכטיקן אין וועלדל ביז פֿאַר טאָג. זיין צעהיצטער מוח האָט אים אָבער מיט יעדן שאָרך אין וועלדל איבערגעשראָקן און אָפּגענאַרט. האָט ער ווידער אָנגעהויבן זיין געלויף. זיינע באַרוועסע פֿיס זענען געווען צעבלוטיקט, זיינע הענט צעשאַרפּעט. יעדן שווערן וועג האָט ער אָפּגערוימט מיט זיינע לאַנגע הענט. שנעל האָבן זיך געוואָרפֿן זיינע הענט, ווי רודערס ביי אַן אונטערגייענדיקער שיף וואָס וויל זיך דערשלעפּן צום ברעג.

מילקע האָט זיך ווידער אַ רגע אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם. ווען אונטער אים איז אַלץ שטיל געווען, האָט ער אָפּגעקרעכצט. די נאַכט האָט אים נישט פֿאַרשעמט און אים צוריקגעענטפֿערט מיטן ווידערקול. ער האָט אַ טראַכט געטון פֿון זיין פֿרוי מיט די קינדער. נאָר ווויסנדיק, אַז זיי זענען נישט אין געפֿאַר, אַז געקומען איז מען נאָך אים, איז די איינציקע זאָרג ביי אים געווען, ווו אויסצובאַהאַלטן זיין לעבן.

ס'איז שוין געווען גוט ליכטיק ווען מילקע איז אַרויס פֿון לעצטן וועלדל. די אויפֿגייענדיקע זון האָט צעפֿראַלט די הימלען און ווי אַ נייגעריקער האָט דער טאָג זיך באַוויזן. אויפֿן האָריזאָנט האָט זיך געהויבן אַ נעפּל, ווי אַ זיל־

בער־געוועב. די באַוועגונג אין שטעטעלע האָט זיך אָנגעהויבן. פּאַסטוכער האָבן זיך באַוויזן מיט זייערע בהמות, פויערים מיט די פעלד־מכשירים האָבן זיך געלאָזט צו זייער אַרבעט. די אָרעמע קאַפּעס האָבן זיך געעפנט, איינע נאָך דער אַנדערער, און דער טאָג איז אומעטום אַריינגעדרונגען מיט ליכט און פרישקייט פון סוף פרילינג.

מילקע איז אין זיין נעבעכדיקן צושטאַנד נאָך אַלץ געלאָפן, ווי אַן אָנגעדרייטע מאַשין. ער איז אַריין אין אַזאַ צושטאַנד פון אַ קינד וואָס צעווייַנט זיך פּאַר עפּעס אַן עוולה וואָס מען איז קעגן אים באַגאַנגען; נאָר ער וויינט אַזוילאַנג, ביז צום פאַרגעסן פאַרוואָס ער וויינט... מילקען האָט מען שוין איצט נישט נאָכגעיאָגט, נאָר ער, אַ צעטומלטער, האָט זיך מער נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון זיין געלויף און אַליין נישט געוווּסט מער פאַרוואָס ער לויפט.

דערזעענדיק אַ קיבל וואַסער פאַר אַ הויז, איז ער צו ווי אַ ווילדער און זיך געגאָסן וואַסער אויפן פאַרשוויצטן קאָפּ. אַן אָפּגעצוואָגענער, מיטן צעשאַרפטן העמד, איז ער אַריין אין אַ דערנעבנדיקער קאַפּע, ווו ער פלעגט אַמאָל אַריינקומען און געווען גוט באַקאַנט מיט די באַלעבאַטים. ער איז אַריין מיטן געדאַנק צו בעטן אַן אַלטן מלבוש, צוצודעקן זיינע צעשאַרפּעטע אָרעמס. נישט זעענדיק קיינעם, איז ער אַדורך די קאַפּע און ווי אַן אייגענער, גלייך אַריין אין צימער. דאָרט איז אויך קיינער נישט געווען. מיט אַ שוואַכער שטים האָט ער גערופן: „פּאַטראָן, פּאַטראָן" (באַלעבאָס). ווען קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, האָט ער אַ כאַפּ געטון אַן אַלטע וועסט פון אונטער דער טיר און אַרויסלויפנדיק זי אָנגעטון. אָבער גלייך ווי פון דער ערד אַרויס, זענען אויסגעוואַקסן מענטשן און האָבן אָנגעהויבן שרייען: „אַ גנב, כאַפּט אַ גנב! צו הילף!"

מילקען האָבן די כוחות פאַרלאָזט און אונטער אים האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען אַ באַוואָפנטע מאַניפעסטאַציע... אַט האַלט מען אים שוין און די מענטשן־מאַסע וואַקסט אַרום אים. זיינע צעשראָקענע אויגן האָבן ווילד געזוכט אַ באַקאַנטן. פּלוצעם האָט פון המון זיך געהערט אַ שטים: — לאָזט אָפּ דעם מענטש, ער איז אַן אָרענטלעכער ייד.

— דאָס איז דאָך דער „וואַלקן־קראַצער", האָט זיך געהערט אַ צווייטע שטימע. דאָס האָט אַ לץ פון אַ קאַפּע, ווו מילקע פלעגט אַריינקומען, אים געקרוינט מיט דעם צונאָמען, צוליב זיין אומגעווענלעכע הייך.

ערשט איצט האָט דער עולם זיך באַרואיקט און מיט מיטלייד געקוקט אויף דעם צעהאַדערטן און צעבלוטיקטן ייד וועלכער איז ענלעך געווען צום

צעקאַטעוועטן קריסטוס, וואָס פּילאַטוס האָט פאָרגעשטעלט פאַרן המון מיטן: „עקסע האָמאָ".

דער „וואָלקן־קראַצער" האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, רעדן צום עולם. זיין פּנים האָט זיך אָבער אויסגעקרומט און ער איז אַנידערגעפאַלן און פאַרלוירן ס'באַוווסטזיין.

ווײס איך דען ?...

ווען הענרי איז אָנגעקומען אויף די שטיגן פון זײַן וווינונג, איז אין שטוב שוין געווען ליכטיק. זײַן פרוי זשיזעל האָט אים געעפנט די טיר און מיט אַ מידן שמייכל צוגעקומען דעם „באָן סואַר״ (גוטן אָוונט) מיטן קוש.

ביים אָוונטברויט האָט הענרי זיך גענומען דרייען אויפן שטול. אונטער־געשפּרונגען, געווישט זיך דעם שטערן און געגעבן עטלעכע קונסטלעכע הוסטעלעך... פּונקט ווי אַ פאַרמאַכטער קעסל, וועמענס צודעק הייבט זיך פון דער קאָכנדיקער פּאַרע, אַזוי האָט ער נישט געקאָנט איינזיצן רואיק.

זײַן פרוי האָט אים שוין געקענט און געוווּסט, אַז ווען ער זיצט נישט איין אויפן פּלאַץ, האָט ער וואָס צו דערציילן, ווייל די רייד צעטראָגן אים. האָט זי מיט איין זאָג: — „רעד״, אים אַ צי געגעבן ביי דער צונג — און גלייך איז ער אַרויס מיט לשון: — קום נאָר זשי (פאַרקירצט פון זשיזעל), ווי! איז דײַן מיינונג וועגן פאַרלייגן זיך אַ שותפות־פאַבריק פון דאַמען־טאַשן? כ׳האָב איינעם וואָס לייגט מיר פאָר דאָס.

— ווער איז דאָס דער איינער? — האָט זשי געפרעגט מיט דער גרעס־טער גלייכגילטיקייט.

— דאָס איז אַן אַרבעטער מיט וועלכן איך אַרבעט צוזאַמען. ער גיט געלט און איך דעם לאָקאַל.

— איך ווייס? — האָט זשי געענטפערט, שותפות איז גוט מאַן אין ווייב.

— דאָס איז אַן אַלטער אמת. אָבער וואָס קאָן איך דאָ ריזיקירן? איך מיין, אַז מיט אַ ביסל קאָנקורענץ וואָלטן מיר זיך גאַנץ גוט איינגעאָרבעט. איך זע, אַז אַלע וואָס אַרבעטן פאַר זיך מאַכן זייער אַ שיין לעבן. און אַז מען האַלט מענטשן — לייגט מען אוודאי נישט צו.

זשיזעל האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און געזאָגט: — עס איז דאָך נאָך נישט אויף מאָרגן, מיר וועלן נאָך זען.

— וואָס איז דען דאָ איבערצולייגן? איך בין זעסטו, זייער היציק אויף

דעם געשעפט. דער שתּוף מיינער האָט אַ גבורה צום פּאַך. מען קאָן אויף אים זאָגן — אַ קינסטלער! מיר וועלן מאַכן עטלעכע פרישע מאָדעלער און פּרוּוון אַרבעטן מיט דער פּראָווינץ. ער האָט אַ פעטער אין ליל וואָס האָט אַ געשעפט פון דאַמען־טאַשן, וועלן מיר זיך שטעלן מיט אים אין פאַרבינדונג... און די וועסט זען, זשי, אַז אין קורצן וועט מען זאָגן: — העברי שטאַרק, או וואַ, או וואַ, איז „אייזנשטאַרק“ — הער, זשי, איך זע דאָס געשעפט אין גאַנצן פאַרטיק,ווי אויף דער האַנט.

די פרוי האָט אים אָנגעקוקט, געשמייכלט, און געזאָגט: — רי, (פאַרקירצט פון העברי) דו נעמסט דיר פאַר צו גוט.

— הער אויס, מיין טייבעלע, קיינער וואָלט אין לעבן גאָרנישט איינגעשטעלט, ווען ער זאָל נישט צוגיין מיט צוטרוי און האָפענונג.

— ווו וועסטו איינאָרדענען די פאַבריק?

— דאָ אין עסצימער. קיין וואַזשנע מעבל האָבן מיר דאָך נישט, וועלן מיר דאָס אַריינשטעלן אינעם קעמערל — און אין שלאָפצימער וועלן מיר קויפן אַ סטודיאָ. דו וועסט זען, זשי, האָט ער גערעדט מיט צעוואַרעמטע באַוועגונגען, — דו וועסט אַדורכלאָזן דיין אַרבעט און וועסט אַרומגיין אין אַ וויס פאַרטעך, ווי אַ „פּאַטראָנקע“ (פּאַטראָנעסע), די שטיבן וועלן גאָר אויפלעבן. קיין מענטשלעכער אָטעם קומט דאָך נישט אַריין גאַנצע טעג. מיך אַליין יאָגט עס אויך אַרויס, ווי ס'וואָלט גאָרנישט מיין היים געווען. אַ שטוב מוז האָבן אַ באַלעבאָסטע, — האָט ער קאַטעגאָריש צוגעגעבן.

דאָס פּאָרפאָלק, רי און זשי, זענען אַדורכגעקומען און אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער שותּפות אויפגעשטעלט געוואָרן. אַרבעט איז געווען, האָט מען צוגענומען אַ גוטן אַרבעטער מיט אַ געהילף און די פאַבריק איז אַוועק טאַקע אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרגענומען.

דער שותּף פּיניע, אָדער די „לולקע“, ווי מען פלעגט אים רופן (צוליב דעם וואָס ער האָט זיך קיין מאָל נישט געשיידט מיט איר), איז געווען אַ ווילער יונגער מאַן, האָט מען אים דערפאַר געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם און הייליק איז געווען דער קעגנזייטיקער צוטרוי. אַ סך מאָל פלעגט מען אים אויך פאַרבעטן צום טיש, ווייל די „לולקע“ איז נישט געווען קיין פאַרהייראַטער.

זשי איז געוואָרן אַ הויזווירטן און אַ אויפזעערין אין דער פאַבריק. און רי איז געוואָרן אַ גאַסנמענטש. ער האָט געקויפט סחורה, אָפּגעשיקט, געברענגט באַשטעלונגען און געשאַפן נייע אָפּנעמער. עס פלעגט אים אויך אויסקומען צו פאַרלאָזן פּאַריז אויף עטלעכע טעג. וויסנדיק, אַז ווען ער קומט צוריק, טרעפט ער אַן אויסגערוטע פרוי און אַן אָנגענעמע היים, איז די אַפּוועקסלונג גאָר געווען פאַר אים אַ פאַרגעניגן.

עס איז קיין וווּנדער נישט וואָס רי האָט איצט אָפּגעקוואָלן פון זיין פרוי. ער האָט געזען אין איר אַ נייעם פרילינג דערוואַכן, אַזוי האָט זי זיך צע־בליט. קיין מיאוסע איז זי נישט געווען. זי האָט פאַרמאָגט די מעלות וואָס מען דאַרף צום יידישן חן: אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, ווי צווי ווישטאַוועס, און אַ הויכן ביוסט וואָס האָט נאָך טיפער איינגעשניטן איר שוין אַזוי אויך דינע טאַליע.

העניי האָט באַמערקט ווי די אַרבעטער וואַרפן זיך איבער מיט די אויגן, ווען זיין פרוי באַווייזט זיך... ער האָט זיך גאָר געפילט געשמייכלט, אַז זיין פרוי געפעלט און האָט זיך געטראַכט: — „קוקן מעגט איר"...

ווי קאָן אָבער נישט גלוסטן, אַז עס דרייט זיך אַרום אַ קיילעכדיקע פרוי, רייצנדיק און פלירטפאַרטיק? — צו ערשט טאַקע קוקן, ווייל אַ מענטש האָט דאָך אויגן וואָס דאָס איז דער ערשטער חוש פון אַלע נאַשער־געפילן...

זשי איז פון דער ערשטער מינוט נישט געווען גלייכגילטיק צום שותף. זי ווייסט נישט פאַרוואָס. אַ שמייכל, אַ בליק, אַ באַוועגונג, און דאָס איז איר גלייך אַריין אין קאָפּ און אין האַרץ, ווי אַ פרישער פלוס, ווי אַ נייער שטראָם בלוט וואָלט זיך אין איר צעגאָסן. און אפשר זיין שעפּסענער קאָפּ האָר און זיין ליטווישער לשון, זענען געווען די סיבות? זי איז געווען גליקלעך אים צו זען, אים אַ גלאָז טיי צו דערלאַנגען, אַדורכצוגיין האַרט נעבן אים און אים אַ לייכטן שטויס טון — און זיך גלייך אַנטשולדיקן, כדי די אַנדערע זאָלן נישט אויפפּאַלנדיק ווערן. ווי פאַרזיכטיק זי זאָל נישט האָבן געווען, האָט מען דאָך באַמערקט אַן איבערגעטריבענע סימפּאַטיע איינער פאַרן צווייטן. ווען זייערע בליקן האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָבן זיך פון אירע אויגן איבערגעוואָרפן צו אים גליענדיקע פונקען. זיין האַרץ איז געווען פריי, האָט ער איר מיט פאַרגעניגן געענטפערט מיטן גלייכן...

העניי האָט זיך אָנגעהויבן אויסדאַכטן, אַז די הויפּטראָלע אויף דער סצענע פון זיין פאַמיליען־לעבן הויבט אָן שפּילן זיין שותף. ער איז זיך פאַר־געקומען ביי זיין פרוי ווי אַ סטאַטיסט... נאָר אַזוי ווי קיין גרויסע באַווייזן אויף איר אומטרייקייט האָט ער נישט געהאַט, איז דער צווייפל געבליבן הענגען ביי אים, ווי אַ נישט דערגאַנגענע פּרוכט. דערצו האָט זיין פרוי זיך געגרייט צו ווערן אַ מוטער. האָט ער געגלויבט, אַז אַלץ קאָן זיך נאָך ענדיקן צום גוטן.

די געשעפטן זענען אַוועק גוט און מען האָט זיך אַפילו פאַרגרעסערט ס'וווינונג מיט אַ צימער וואָס איז פריי געוואָרן אין זעלבן הויז. עס האָט אים אָבער וויי געטון ווען זי האָט אים אויפמערקנדיק געמאַכט אויף דער „לולקעס" טואַלעט...

— זע נאָר, רי, פלעגט זי אים זאָגן, וואָס פּיניע טראָגט האָט אַ טעם... ער זעט אויס ווי אַ דזשענטלמאַן... די בינדע מיט די קליינע אַרבעסלעך... אַפילו די „לולקע" גיט אים צו חן.

ביי איר איז געווען איינפאַך זיך צו טיילן מיטן איינדרוק וואָס פּיניע מאַכט אויף איר און געוואָלט, אַז אויך איר רי, זאָל אים גינציק האָבן...

דאָס וואָס האָט צומייסטן גערייצט העגרי, איז דאָס וואָס זיין פרוי האָט אָנגעהויבן פלאַנטערן פּיניעס ליטוויש און געשאַפן אַ מישמאַש פון רעדעכץ...

איין מאָל, ווען העגרי איז צוריקגעקומען שפּעט פון גאַס און געטראָפן די „לולקע" עפּעס מייסטרעווען ביי אַ פרישן מאָדעל האָט ער פאַרווונדערט אויסגערופן: — וואָס טוט איר נאָך דאָ ביי מיר אַזוי שפּעט?

נאָך איידער די „לולקע" האָט געענטפערט, האָט זשי גאָר שטיפעריש אַרויסגעשאָסן: — מיר האָבן געפלירטעוועט.

דער שפּאַס איז געווען אויפן אָרט און אַלע האָבן געלאַכט.

עס איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע אויסגעקוקטע קינד, אַ מיידעלע. דאָס קינד איז געוואַקסן שיין און געראָטן, מיט אַ קעפּל שוואַרצע לעקעלעך, ווי קאַראַקול...

זשי האָט אויסגעפונען פאַרשידענע אויסריידן און זיך געטראָפן מיט דער „לולקע" אין גאַס. נאָר ווען דער אייפערזוכט האָט זיך צעפלאַקערט אין איר מאַן און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן ערנסטע פאַרווורפן זיין פרוי, האָט זי אים פאַרזיכערט, אַז אומזיסט באַשולדיקט ער זי. און האָט אים מיט ראַפּי־נירטע צערטלעכקייט באַרואיקט, זאָגנדיק: — אַלע מענער מעגן זיין די כפרה פאַר דיין מינדסטן גלידעלע.

מיט דער ראַפּינירטקייט איז איר געלונגען צו האַמעווען זיין פאַר־שטעלונג אויף די אינטימע באַציאונגען מיט איר געליבטן. ליב האָט ער זי דאָך געהאַט, האָט ער זיך געלאָזט טרייסטן ווי אַ קראַנקער.

די ליבע צו דער „לולקע" האָט געמאַכט אין זשיזעל וויברירן נאָך אַמאָל אַ מיידלערישן ציטער. ווען זי האָט אים נישט געזען אַ טאָג, האָט זי פאַר־לוירן דעם אַפּעטיט צום עסן... זי איז אָבער אויך נישט געווען גליקלעך. די טאָפּלטע שפּיל האָט זי אויפגערעגט און אַריינגעברענגט אומאָרדענונג אין איר לעבן. איר געוויסן האָט זי טייל מאָל געפּיקט פאַר אירע ליגנס. נאָך פלוצלונג איבעררייסן מיט אים, האָט זי נישט געקענט — און ער אויך נישט.

רי האָט נישט געמאַכט זיין פרוי קיין עפנטלעכן סקאַנדאַל פאַרן קאָקע־טירן פאַר דער „לולקע" גאַנץ פריי אין זיין בייזיין. נאָר געדרונגען האָט ער דערפון, אַז עס קומט פאַר אינטימערס צווישן זיין פרוי און דעם שותף. טייל מאָל האָט די אייפערזוכט אים געגנאָגט ווי אַ פּיאַווקע. אָבער זיך אויסרעדן

פּאַר עמעצן האָט ער זיך געשעמט. האָט ער שטיל געליטן און געטראַכט: — כ'וואָלט שוין באַשטאַנען צו זיין, זיין קראַוואַט, זיין „לולקע"... ווייל אַלץ וואָס ער טראָגט האָט זי ליבער, ווי מיין לייב און לעבן". אָדער ער פלעגט נעמען זיין צוויי־יאָריק טעכטערל אויף דער האַנט און גלעטנדיק איר קרויזיק־שעפּסן קעפּעלע, פלעגט ער צו איר רעדן: — מיין טייער שוועלבעלע, מיין גאָלדן קעפּעלע, נאָר ווייס איך דען?...

וואָס שטאַרקער זיין חשד איז געוואָרן, אַז זיין פרוי נאַרט אים, אַלץ מער ענלעכקייט האָט ער געפונען אינעם קינד צו פּיניען.

— זשי, — האָט ער געזאָגט אין אַ טאָג, — גרייט מיר צו מיין וואַ־ליזקע מיט די לעצטע דריי מאָדעלער, איך מוז גלייך אַוועקפאָרן. גיב אַכ־טונג אויפן קינד און אויף דער אַטעליע (פאַבריק).

— זע נאָר ווי דו זאָגסט מיר אָן, ווי איך וואָלט געווען אַ שטיפמאַמע — האָט זי זיך געפילט באַליידיקט. — ווען גייסטו צו דער באַן? וועל איך דיך באַגלייטן.

זי האָט פאַרגעסן און געזאָגט: „גייסטו", אַנשטאָט: „גייסטע". ער האָט אויף איר אַ קרומען קוק געגעבן און געענטפערט: — איך ווייס נישט. איך דאַרף צו ערשט זיין אין גאַס. ער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק.

דאָס פאַרליבטע פּאָרל האָט אויסגענוצט זיין נישט־דאָ־זיין... ער האָט אַריינגעשמייכלט אין דער לולקע און פאַרקוועטשט די אייגעלעך פאַר צו־פרידנקייט. זי איז געוואָרן לוסטיק און ווילד און פאַרברענגט מיטן גאַנצן רייץ פון געגנבעטער ליבע.

***

אָך און ווי איז צו דעם פּאָרל, ווען, זייענדיק אַזוי פאַרשפּילט און פאַר־געסן אין דער גאַנצער קיילעכיקער וועלט, אַנען נישט, אַז אונטער דער טיר הענגט אויפן שלאָס דער נייגעריקער און פאַרצווייפלטער בליק פון אַן איי־גענעם, זשיזעלס מאַן...

ער האָט געוואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, זיך איבערצייגן צו זיין פאַר־געפיל האָט אים ביז איצט נישט גענאַרט. ווייל די שלאַנג פון אייפערזוכט האָט אים כסדר געטאָטשעט. האָט ער דאָס מאָל, פאַר אַן אויסרייד, אָנגעגעבן די רייזע און זיך פאַרשלאָסן אין דעם צווייטן צימער וואָס זיי האָבן געהאַט צוגענומען פון זעלבן הויז פון וועלכן איין טיר האָט געהאַט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג אין זייער ווינונג און די צווייטע האָט געקאָמוניקירט מיט דער טיר פון זייער שלאָפצימער.

די גאַנצע פאַרצווייפלונג פון אַן אָפּגענאַרטן איז אים ווערט געווען, כדי דאָס בייצוווינען... ער האָט דעם גאַנצן מוט זיינעם מאָביליזירט און אַ פּלאַן

האָט אים אַ בליץ געטון אין קאָפּ... גלייך האָט ער אַ פּראַל אויפגעגעבן די טיר און געבליבן שטיין...

אַ טעאַטער וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרשעמען מיט דעם ספּעק־טאַקל.

ביי דעם געליבטן האָט די לולקע אין מויל זיך געטרייסלט, ווי זי וואָלט געווען פאַראַליזירט... און זשי, אַז זי איז דעמאָלט פון חרפה נישט אומגע־קומען, וועט זי שוין לעבן צוויי הונדערט יאָר.

זיי האָבן זיך, ווי עס איז, צוזאַמענגענומען און ביי אַלע איז דאָס לשון געווען אָפּגענומען. העברי איז געשטאַנען ביי דער טיר אַזוי ווי אַ סטאַטוע. נאָר זיינע אויגן זענען געווען פינצטער, ווי דער הימל פאַר אַ שטורעם. דער ווילן זיך נוקם צו זיין איז געווען אַזוי געוואַלטיק גרויס, אַז ס'האָט אים דיק־טירט אַ דראַסטיש שטיקל אַרבעט.

— קומט! — האָט ער באַפוילן די צוויי „זינדיקע". די קעפּ אַראָפּגע־לאָזן, זענען ביידע אַרויס ווי צוויי קינדער וועלכע מען האָט געשלאָגן אין בייזיין פון זייערע חברים.

נאָר איידער עמעץ האָט געפרעגט ווו מען הייסט זיי גיין, האָט רי, די פאַרליבטע, אַ פּאַק אַריין געגעבן אין דעם קאַמער־שטיבל, ווו ס'איז געווען אַזוי אָנגעשטעלט, אַז ער האָט זיי קוים דאָרט אַריינגעשטופּט און פאַרשלאָסן די טיר אונטער זיי...

די פרוי האָט אָנגעהויבן שרייען און פּראָטעסטירן, אויף וואָס ער האָט געענטפערט קאַלט און קורץ: — קיין שום באַגנעדיקונג, אויף ברויט מיט וואַסער! — און ער האָט אויך געהאַלטן וואָרט.

אומזיסט האָבן די פאַרשפּאַרטע געפּרווט אַנטלויפן דורך דעם קליינעם פענצטערל... אָבער איין האָפענונג האָבן זיי יאָ געהאַט, אַז ווען זיי וועלן גוט אָפּצערן, וועלן זיי אפשר קאָנען זיך דורכקריכן...

העברי האָט זיך אַרומגעוואַלגערט מיטן קינד, אַזוי לאַנג, ווי ער האָט זיך פאַרנומען צו האַלטן די געפאַנגענע אויפן קאַרצער־רעזשים.

די שטובן האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַ טויטן. די אַרבעטער זענען אַוועק און העברי האָט זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין קאָפּ: — אפשר קאָן איך טאַקע נישט זיין אַ מאַן און אַ ליבהאַבער? — און האַלטנדיק ס'קינד אין די אָרעמס: — מיין אוצרל, מיין קעפּעלע, — נאָר ווייס איך דען ?...

מײַנע שיך דערצײלן

אין אַ ווינקל פון מײַן צימער שטייען מײַנע אַ פּאָר שיך. נאָך קיינמאָל האָבן זיי מיר אויסגעזען אַזוי שײַן, ווי איצט; — ווען כ׳בין זיכער, אַז כ׳וועל זיי מער נישט קענען אָנטון.

זיי זענען פון העלן זאַמד־קאָליר, מיט שמאָלע נעזלעך און דינע קלעצלעך, ווי אײדל געשניצטע קריגעלעך, אַן אמת צירונג פאַרן פוס, און באַקוועם, ווי אַ זײַדענע הענטשקע. שיכלעך, וואָס זעען אויס צו זײַן באַשאַפן צו טרעטן אויף אַ פּלושענעם טראָטואַר, אויף אַ גראָז־אַלײ.

ביז נעכטן האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום ספּעציעלע פאַרגאַנגענהייט. זיי זענען באַשאַפן געוואָרן ווי אַלע שיך, צו באַשיצן דעם פוס און צו גיין ווו די פיס וועלן זיי טראָגן; אָפּצולעבן און אונטערצוגיין... נעכטן זענען זיי אָבער געווען ביים שוסטער, וואָס האָט אויסגעגלייכט זייערע שמאָלע קלעצלעך, איך האָב זיי גלייך אָנגעטון און אָנגעקוואָלן פון זיי. אָבער ווי נאָר כ׳האָב געשטעלט די ערשטע טריט, האָב איך געהערט אַ זיפץ. איך האָב מיך אומגעקוקט. קיינער איז נישט געווען הינטער מיר, ווער ס׳זאָל זיפצן. איך האָב מיך ווידער אײַנגעהערט און באַלד זיך געכאַפּט, אַז דאָס זיפצן אַזוי מײַנע שיך... איך האָב געפּרוווט שטעלן פּאַמעלעכע טריט, קוים אָנגערירט דעם באָדן, געשטעלט אַ פוס און צוריקגעכאַפּט, ווי ביי אַ שמערץ פון אַ הינעראויג. אָבער די שיך האָבן נישט אויפגעהערט צו זיפצן..

די לופט איז געווען שווער און איך האָב מיך געשלײַכט אײַנגעבויגן, ווי כ׳וואָלט אַ וואָלקן געשלעפּט אויף מײַנע אַקסלען. דער רעש׳ער געהאַמער פון דער גאַס האָט פונדעסטוועגן פאַרשלונגען דעם געקרעכץ.

איצט, בײַנאַכט, ווען כ׳ליג שוין אין בעט, דאָס ליכט פאַרלאָשן און די אויגן האַלב־פאַרשלאָסן און זע ווי די פינצטערניש שפּרייט זיך און וויל מיך אויך פאַרשלינגען, עפנט זיך פונעם ווינקל, ווו ס׳שטייען מײַנע שיך, אַ טיר און ס׳שטעלט זיך אַוועק דער שוסטער, ווי עפּעס אַ געשפּענסט. אַ פּנים ווי אַ שטיק לעדער, מיט צוויי גרויע אויגן, ווי מוטנע וואַסערלעך. די פּנים־

קריצן דערמאָנען אין אַן ערנסטקייט, וואָס איז גלייכצייטיק מילד, אָבער ווי אַ שמייכל, וואָס וואָלט פלוצלונג פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ גרימאַסע.

— צי קענט איר מיר פאַריכטן די שיך, איך זאָל אויף זיי וואַרטן? — קלינגען איצט אָפּ מיינע ווערטער צום שוסטער.

— טסס, טסס, רעדט פראַנצויזיש כ׳בעט איך, — קומט אַן ענטפער, — איך וויל נישט מען זאָל האָבן מיט מיר צו טון...

ער נעמט די שיך און הייסט מיר זיצן.

— איר מיינט, אַז מען דערקענט נישט אין דער שפּראַך, אַז איר זענט נישט קיין הי־געבוירענער?

— עס איז מיר אַלץ איינס — ענטפערט ער אויף פראַנצויזיש.

איך אָבער רעד יידיש און באַמי מיך צו רעדן שטיל, ווי עס וואָלט דאָ געלעגן אַ חולה מסוכן, אָדער גאָר אַ מת.

ער נעמט מיינע שיכלעך אין דער אַרבעט, באַקוקט זיי פאַכמעניש און שענקט זיי אַ קאָמפּלימענט.

— איר זענט שוין לאַנג אין פראַנקרייך? — גיב איך אַ פרעג.

— נישט אַזוי לאַנג אויף צו האָבן אַזויפיל דורכגעמאַכט.

ווייזט אויס אַז מיין פראַגע האָט אַ וויג געטון זיין געמיט, ווי אַ שליסל־טאָן צו מוזיק. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטון איבער מיינע שיך און מיט הנאה איינגעאָטעמט דעם ריח פון לעדער, וואָס איז געשטאַנען אינעם שוסטער־וואַרשטאַט. ער האָט פלוצלונג אָנגעהויבן רעדן יידיש, ווי ער וואָלט דער־פילט, אַז אַ יידישע טראַגעדיע קאָן מען נישט אַנדערש דערציילן, ווי אינעם אייגענעם לשון.

— איר מיינט, אַז איך דאַרף דאָ זיצן אויף דעם שוסטער־בענקעלע?

— האָט זיין שטימע אַ ציטער געטון. — איך האָב איצט געקאָנט זיצן אין אַ וויכן פאָטעל מיט אַ פּאָר לאַקירטע שטעק־שיך און די דינסט זאָל אַלע מינוט מיר קומען פרעגן צי איך דאַרף נישט עפּעס...

איך האָב מיר גלייך פאָרגעשטעלט דעם שוסטער אין אַ טיפן פאָטעל, מיט אַ צייטונג אין דער האַנט און פון צייט צו צייט, אויס לאַנגוויל, אַ פוץ טון דעם סיגנעט אויף זיין פינגער...

— נו?! — האָב איך אַריינגעוואָרפן מיט שטוין.

— איר פרעגט פאַרוואָס? ווייל אַ מענטש, ווי לאַנג ער איז נישט גע־ליימט, האָט הענט און פיס — האָט ער אַ וויז געגעבן זיינע האַרטע הענט, ווי צוויי אייזערנע קאָפּיטעס, — דאַרף זיך אַליין מפרנס זיין. איך האָב רייכע קינדער אין אויסטראַליע! — האָט ער גערעדט מיט שטאָלץ. — זיי האָבן איינגעלייגט וועלטן, נישט געוואָלט דער טאַטע זאָל דאָ כסדר קלאָגן אויף זיי.

טרערן זענען אים אַרויף אין די צוויי אויגן־אײַנזלען. דאָס העמערל האָט געקלאַפּט אינעם פינצטערן צימער און זיין קול האָט זיך געזעצט, פאַרשווונדן אין עפּעס אַ לאַבירינט.

פלוצלינג האָט ער זיך אויפגעשטעלט. ער איז אָפּער פון וואַרשטאַט, ציגעגאַנגען צו אַ פּולקעלע פון שיך־פּאַמאַדע, געעפנט אַ שיפלעדל און אַרויסגענומען אַ בילד.

— קוקט, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ ווייטיק, וואָס לייזט זיך אויף אינעם פאַרגעניגן פון רעדן. — דער יונג איז געפאַלן אינעם טאָג, ווען היט־לער איז אָפּגעצויגן פון פאַריז.

אַ שטיק זון האָט זיך געשטעלט אינעם טוכלע געוועלבל. אַ זון אין דער צורה פון אַ בילד. אָט זע איך מיך איצט שטיין נאַרישעוואַטע צאַפּלען מיט די וויעס און קוקן אויפן בילד. אַ בליק אויפן שוסטער, אַ בליק אויפן בילד. אַ בליק אויפן שוסטער, אַ בליק אויפן בילד. ניין, דאָס איז נישט זיין זון, דאָס איז דאָך דער שוסטער אַליין!... טאַטע זיסער, — האָב איך געטראַכט, — איז דאָס מעגלעך, אַז לייד און צייט טוען אָפּ בשותפות אַזאַ מיאוס שטיקל אַרבעט?

דער שוסטער האָט אַ וויש געטון מיט זיין שמוציקער האַנט אַן אויג.

— איר מיינט כ'וויין? — האָט ער גולמעוואַטע זיך פאַרענטפערט. — איך וויין נישט. די אויגן ווילן טרערן, זאָלן זיי טרערן. — און נאָך עפּעס האָט ער דאָרט אַ שטאַמל געטון, ווי ער וואָלט גערעדט דורך אַ מויל מיט שפּאָלן...

ער האָט צוריק אַוועקגעלייגט ס'בילד און אַרונטער הינטערן וואַרשטאַט.

צי האָבן די שאָטנס זיך צעציטערט, אָדער צי האָט עס מיר אַ מיש געטון אין קאָפּ? אַן אָפּגעבליאַקעוועטע, דיקלעכע פרוי האָט זיך באַוויזן אין מיין צימער. זי איז אָפּער ווי פון הינטער די קוליסן פון אַ סצענע. אויפן פּנים האָבן איר געקלעפּט פאַרשידענע אָפּפריש־מיטלען. זי האָט זיך אַ פאָרע געטון און צוריק פאַרשווונדן.

— דאָס איז מיין פרוי, — האָט דער שוסטער געזאָגט און איידער איך האָב עפּעס געפרעגט, האָט ער דערציילט, אַז זיין ערשטע פרוי איז אומגע־קומען אויף דעפּאָרטאַציע.

— איך האָב מיך געלאָזט צורעדן פון מיינע קינדער, — האָט דער שוסטער מיט הנאה דערציילט ווי פאַר אַ נאָענטן מענטשן. — איבערגעלאָזט די אַלטע שקראַבעס, איבערגעלאָזט מיין צווייטע פרוי און אַוועק קיין אויס־טראַליע. זאָל איך איך איבערגעבן דאָס רייכטום, די טייערע דיוואַנען, דאָס גוטס, די באַהאַנדלונג? נאָך היינט איז מיר שווער צו גלויבן, צי דאָס איז

טאַקע נישט געווען קיין חלום... עס האָט מיר נאָר געפעלט צו קאָנען שפּילן פּיאַנע... אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. פון איין סאָפע אויף דער אַנדערער. פונעם פאָטעל אין וויגשטול און פון וויגשטול אין בעט אַריין. באַדינט ווי אַ קיסר. ס'פרישטיק אויף אַ זילבערן טעצל, אויף אַ פיין געשניצט טישעלע, ביים בעט... די דינסט האָט מיר געהאָלפן אָנטון די שטעק־לאַטשן און די טעכטער מיט די איידיקלעך, האָבן מיר געקוקט אין די אויגן אַריין.

— פּאַפּאַ זיץ. פּאַפּאַ רו דיך אָפּ. בייג זיך נישט, ס'איז דאָ ווער עס זאָל באַדינען. אָט אַזוי אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט פון מיינע קינדער, האָב איך דאָך באַדאַרפט זיין גליקלעך, נישט אַזוי?

אָט, דאָס, זעט איר, האָט מיך גאָר דערהרגעט. שווער צו זיין אַ שקלאַף — איך מיין אַ שקלאַף פון גאָרנישט טון, אָן שום עול און אָן שום פליכטן... ערשט אין גאַס האָט מען מיך געפירט, ווי אַן אמתן בלינדן... פאָרזיכטיק, פּאַפּאַ, אַ שטיגל... איך קאָן אייך זאָגן, אַז איך האָב מיך געפילט, ווי אַן אומנוצלעך באַשעפעניש. אַלט, ווי פּאַראַליזירט און נאָענט צו דער פורטקע. ווו זיך אויסצווויינען איז נישט געווען דאָרט, אין די סאַלאָנען, און וואָס עס פאַרדריסט, איז, וואָס די קינדער האָבן נישט געזען, אַז זייער טאַטע איז אומגליקלעך. איך האָב אַפילו באַקומען אַן אייגן בודקעלע צו פאַרקויפן סיגאַרעטן, כדי איך זאָל מיך נישט לאַנגווייליקן. יאָ געלייזט, נישט געלייזט, שטענדיק איז מיין קאַסע געווען פול... שטענדיק איז דאָרט אַריינגעקומען די ברכה. פון דעסטוועגן האָב איך אין אַ שיינעם טאָג אַ זאָג געטון: קינדערלעך קרוינעלעך, איך פאָר צוריק קיין פּאַריז. באַזונדערס האָב איך געהאַט אויפן געוויסן, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט דאָ אַן עלנטע פרוי. די קינדער האָבן מיך אָנגעקוקט, ווי כ'וואָלט חלילה אַראָפּ פון זינען. אַ געוויין, אַ געבעט, ס'טייטש? ווו אַהין, צו וועמען? זיצן ביים שוסטער־העמערל?

— פאַרוואָס נישט? — האָט ער ברייט און זיכער אַ זאָג געטון. — איך קאָן נאָך אַרבעטן.

— איך האָב מיר געטראַכט, וועט זיך עפּענען פאַר מיר אַ טיר, וועל איך צוריק אַריין צו מיין פרוי און אויב נישט, איז פאַרפאַלן. אָבער די טיר איז געווען אָפן פאַר מיר. ווי איר זעט מיך לעבן, ווי איך האָב נישט קיין חרטה. איך פיל אין מיר נאָך אַ כוח, איך קאָן אַרבעטן און אַרבעט מאַכט אַ מענטש וויכטיק און שטאָלץ!... ווען נישט דאָ אָ, — האָט ער געקלאַפּט זיך מיט דער פויסט אין האַרץ אַריין און די שטימע האָט זיך ביי אים דערוואָרגן.

ווען דער פרימאָרגן האָט קוים אָנגערירט די שויבן פון מיין צימער, האָב איך ווידער אַ קוק געטון אין ווינקל צו מיינע שיך. ווידער האָבן די

שיך אָנגעהויבן דערציילן, אויפגעשפּילט מיטן זעלבן קול פונעם שוסטער. ווידער אַמאָל איבערגעחזרט פונעם אָנהויב ביזן סוף, ווי אויף דער זויל וואָלט געווען רעגיסטרירט אַ פּליטע פון אַ שטיק לעבן.

⁂

נו, ווי אַזוי כ׳בעט אייך, קאָן מען אָנטון אַ פּאָר שיך, וואָס האָבן פּלוצלינג, באַקומען אַ באַוווסטזיין ?...

אינהאַלט

די פּאָרצעלייענע ליאַלקע 9
קדיש 16
אויף דער עלטער 27
נדן 33
הויז־חיות 39
ווער איז ער ? 47
די שטעק־שיך 45
לאָטעריע־שפּיל 62
אייפערזוכט 68
דיאַנאַס בילד 74
אַן ענגלענדער 83
די שכינה וויינט 90
סילוועסטער 99
בריוו 104
דרייסטקייט 109
קאָמפּרעסן 115
גאַבריעל 120
חכמת־היד 123
אויסלענדער 128
איבערגערעכנטקייט 133
דער „וואָלקן־קראַצער" 140
ווייס איך דען ?... 146
מיינע שיך דערציילן 152